STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05388

# DI YESURIM FUN DEM YUNGN VERTHER

Johann Wolfgang von Goethe

*Permanent preservation of this book was made possible by Lawrence & Eileen Miller*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י׳ וו׳ געטהע

# די יסורים
# פון
# דעם יונגן ווערטהער

איבערגעזעצט פון משה לוריא

51024 17

Y G 599 a

1 9 2 2

יידישער קולטור-פארלאג / בערלין

8 967 14

דער טאָוול איז געצייכנט פון מנחם בירנבוים

געדרוקט אין דער „עֵבר“-דרוקעריי, בערלין.

Copyright 1922 by Jüdischer Kultur-Verlag, Berlin

וואס נאר איך האב געקאנט דערגיין וועגן דעם אומגליקליכן ווערטהערס געשיכטע, האב איך מיט חשק געזאמלט, און ברענג דאס דא פאר אייך, און ווייס, איר וועט מיר דאנקען. זיין גייסט און זיינע מידות וועט איר נישט קאנען אפזאגן אייער באוואונדערונג און אייער ליבע, איבער זיין גורל וועט איר קיין טרערן נישט קארגן.

און דו, גוטע נשמה, וואס דו פילסט אויף דעם דראנג, ווי ער, שעפ טרויסט פון זיינע יסורים, און זאל ווערן דאס ביכל דיין פריינד אויב דו קאנסט צוליב דעם גורל, אדער אייגענע זינד, קיין נעהנטערן ניט געפינען.

51024 17

# ערשטעס בוך

דעם 4־טן מאי 1771·

ווי צופרידן איך בין, וואס איך בין אוועק! טרייער פריינד, וואס איז דעם מענטשנס הארץ! פארלאזן דיך, וועמען איך האב אזוי ליב, פון וועמען איך האב זיך קיינמאל נישט געקאנט שיידן, און צופרידן זיין! איך ווייס, דו ביסט מיר דאס מוחל. זיינען דען נישט געוועזן מיינע אנדערע באקאנטשאפטן באשערט פון דעם גורל, כדי צו פייניגן אזא הארץ ווי מיינס? די אומגליקליכע לעאָנאָרע! און דאך בין איך ניט שולדיג געוועז. איז דען מיין שולד געוועזן, אז דער עקשנותדיגער חן פון איר שוועסטער פלעגט מיר פארשאפן אַנ׳אָנגענעמע רגע, אז אליידנשאפט האט זיך אין דעם עלנט הארץ אנטוויקלט? און דאך — בין איך לגמרי ניט שולדיג? האב איך ניט געשפייזט אירע געפילן? פלעג איך דען נישט אנטציקן זיך מיט די אמתע אויסדריקן פון דער נאטור, וואס פלעגן אונז אזוי אפט פריילך מאכן, ווי וועניג פריילך זיי זיינען ניט געוועזן? האב איך ניט — אָך, וואס איז דער מענטש, אז ער דארף איבער זיך קינות זאגן! ליבער פריינד, איך וויל, איך זאג דיר דאס צו, איך וויל זיך בעסערן; איך וויל נישט מער איבערקייען דאס ביסל צרות, וואס דער מזל איז אונז גורם, ווי איך פלעג דאס שטענדיג טון; איך וויל דאס איצטיגע געניסן, און דאס פארגאנגענע מעג זיין פארשוואונדן. אודאי, טרייער, ביזטו גערעכט, וועניגער צרות וואלטן צווישן מענטשן געוועזן, ווען זיי וואלטן נישט — דער בורא ווייס, פארוואס זיי זיינען אזוי באשאפן! — מיט אזא התמדה פון דעם כח הדמיון געזעהן

אויפצוּוועקן זכרונות פון פאַרגאַנגענע צרות, אָנשטאָט אויפנעמען דעם גלייכגילטיקן איצט.

ווּעסט אַזוי גוט זיין איבערגעבן מיין מאַמען, אַז איך וועל פירן איר ענין אויפן בעסטן אופן, און גאָר בקרוב וועל איך איר וועגן דעם געבן צו וויסן. איך האָב גערעדט מיט דער מומען, און איך האָב אין איר גאַנץ ווייט נישט געטראָפן אָט די מרשעת, ווי מען מאַכט ביי אונדז פון איר דעם שם. זי איז אַ לעבעדיקע, מונטערע פרוי, מיט אַ באמת גוטן האַרצן. איך האָב איר איבערגעגעבן דער מאַמעס תביעות אויפן איינגעהאַלטענעם חלק ירושה; זי האָט מיר אַרויסגע־זאָגט אירע טעמים, די סיבות און די תנאים, ביי וועלכע זי וואָלט געוועזן גרייט אַלץ אַרויסגעבן און אַפילו מער איידער מיר פאַרלאַנגען — אַ קיצור, איך וויל וועגן דעם אַצונד נישט שרייבן, גיב איבער דער מאַמען, עס וועט אַלץ גיין כשורה. און מיין ליבער, ביי דעם קליינינקל עסקל האָב איך נאָך אַמאָל אויסגעפונען, אַז אָפּגעלאַזנקייט און שלעכט פאַרשטיין מאַכן אָן אויף דער וועלט אפשר אַ סך אַ גרע־סערן פלאָנטער איידער רמאות און רשעות. לפּחות זיינען די ביידע לעצטע אָן אַ ספק זעלטענער.

בכלל שפּיר איך זיך דאָ גאַנץ גוט. די איינזאַמקייט איז אַ טייערער באַלזאַם פאַר מיין האַרץ אין אָט דער גנעדנדיקער געגנט און די תּקופה פון דעם יאָר — די תקופה פון יוגנט — וואַרימט מיט גאַנצער פולקייט מיין האַרץ, וואָס שוידערט אַזוי אָפט. יעדער בוים, יעדער קוסט — אַ בוקעט פון בליהונגען, און עס ווילט זיך ווערן אַ מאַי־זשוקעלע, כדי קאָנען אַרומשוועבן אין דעם ים פון די גוטע ריחות, און געפינען אין אים זיין שפייז.

די שטאָט אַליין מאַכט נישט קיין גוטן רושם, דערפאַר אָבער דער אַרום — אַ שיינקייט פון דער נאַטור נישט איבערצוגעבן! דאָס האָט געבראַכט דעם פאַרשטאָרבענעם גראַף פאָן מ... צו פאַרפלאַנצן זיין גאָרטן אויף איינעם פון די בערגעלאַך, וואָס שניידן זיך אַדורך מיט דער פיינסטער פאַרשיידנאַרטיקייט און שאַפן די חנעוודיקע טאָלן. דער גאָרטן איז פשוט, און פילסט גלייך ביים אַריינגאַנג, אַז נישט קיין געלערנטער גערטנער האָט געצייכנט דעם פּלאַן, נאָר אַ פילנדיק האַרץ,

וואס האט אליין געוואלט פון דעם געניסן· שוין א היבש ביסל טרערן האב איך פארגאסן נאך דעם נפטר אין דעם פארוואָרפענעםביידעלע· וואס איז געוועזן זיין געליבט ווינקעלע און אצונד איז עס מיינס· באלד וועל איך ווערן דער האַר פון דעם גארטן; דער גערטנער איז צו מיר צוגעבונדן שוין פאר די עטלאכע טעג· און ער וועט זיך נישט שלעכט דערביי פילן·

דעם 10־טן מאי·

א זעלטענע לויטערקייט· האט מיין נשמה ארומגענומען גלייך צו דעם זיסן פרילינגמארגן· א לויטערקייט· וואס איך געניס מיט דעם גאנצן הארצן· איך בין אליין און כ׳האב הנאה פון מיין לעבן אין דער געגנט· וואס איז פאר אזוינע נשמות באשאפן· ווי מיינע· איך בין אזוי גליקליך· מיין טרייער· אזוי פארזונקען אינגאנצן אין דעם געפיל פונ׳ם רוהיגן לעבן· אז מיין קונסט ליידט דערפון· איך וואלט אצונד נישט געקאנט צייכענען· קיין איינציגן שטריך· און בין קיינמאל נישט געוועזן קיין גרעסערער מאלער· ווי אין די מאַ־מענטן· בשעת דער ליבער טאל רויכערט ארום מיר· און די הויכע זון רוהט אויף דעם אויבערפלאך פון דער נישט דורכדרינגליכער פינסטערניס פון וואלד· און בלויז איינציגע שטראלן גנבענען זיך אריין אין די אינוועניגסטע קדשי קדשים· און איך ליג דעמאלט אין הויכן גראז ביים שטראמיגן טייכל· און· נעהנטער צו דער ערד· אנט־פלעקן זיך מיר טויזנטער מינים גרעזעלאך; בשעת איך פיל נעהנטער צום הארצן דעם געווימל פון דעם קליינעם וועלטל צווישן די שטיינ־געלאך· די אָן א שיעור מינים געשטאלטן ווערימלאך און מוקעלאך· און כ׳פיל דעם בייזיין פון דעם בורא· וואס האט אונז אין זיין צלם באשאפן· דאס ווייען פון דעם אל רחמים· וואס שוועבנדיג טראגט ער און דערהאלט אונז אין דעם אויביגן גליק! מיין פריינד· בשעת עס טונקלט דאן פאר די אויגן· און די וועלט ארום מיר און דער הימל לעבן אינגאנצן אין מיין נשמה· ווי די געשטאלט פון א געליבטער· — דאן בענק איך אפט און טראכט: אך· ווען דו וואלסט

עס פון ס׳ניי געקאנט ארויסגעבן, ווען דו וואלסט געקאנט איינעטע־ מען דעם פאפיר דאס, וואס עס לעבט אזוי פול און ווארים אין דיר, אז עס זאל ווערן דער שפיגל פון דיין נשמה, ווי דיין נשמה איז דער שפיגל פון דעם אומענדליכן גאט! — מיין פריינד! — נאר איבער דעם גיי איך צום גרונט, איך פאל אנידער אונטער דעם כּח פון דער אויס־ טערלישקייט פון די דאזיגע ערשיינונגען.

דעם 12־טן מאי.

איך ווייס נישט, אויב פארבלענדנדיגע מלאכים שוועבן ארום דער געגנט, אדער ס׳איז די ווארעמע, הימלשע פאנטאזיע אין מיין הארצן, וואס מאכט אזוי הערליך אלץ, וואס ס׳איז ארום מיר.

באלד פארן שטעטל איז דא א ברונען, א ברונען, צו וועלכן איך בין צוגעשמידט, ווי מעלוזינע מיט אירע שוועסטער. קלעטערסט אראפּ פון א קליין בערגל און געפינסט זיך פאר א געוועלב, וואו נאך א צוואנציג טריט אראפּ קוועלט קלארסטע וואסער פון מירמל שטיינער. די נידעריגע וואנט, וואס שאפט דעם צוים פון אויבן ארום, די הויכע בוימער, וואס שלייערן איין דעם פלאץ, די קילקייט פון דעם ארט — דאס אלץ האט עפּעס צוציענדיגס, עפּעס אימה־ דיגס אין זיך. עס פארגייט נישט קיין טאג, איך זאל נישט זיצן דא א שעה. דאן קומען אן די טעכטער פון שטאט אנפילן זייערע קריג מיט וואסער — די פשוטסטע און נויטיגסטע ארבעט, וואס פאר־ צייטנס פלעגן דאס די בת־מלכות אליין טאן. ווען איך זיץ דא דאן לעבט דאס פאטריארכאלע בילד אזוי בולט ארום מיר, ווי זיי אלע, אונזערע אבות, באקענען זיך ביים ברונען און שדכנען זיך דא, און ווי לעבן די ברונענס און קוואלן שוועבן גוטע מלאכים ארום. אך, דער האט זיך געמוזט קיינמאל נישט קוויקן נאך א שווערן, זומערדיגן וואנ־ דערטאג מיט דער קילקייט פון א ברונען, ווער עס קאָן דאס נישט מיטפילן.

דעם 13־טן מאי.

דו פרעגסט, צי דו זאלסט מיר שיקן מיינע ביכער? — טרייער, איך בעט דיך, אויב דו האסט גאט אין הארצן, לאז מיך אפּ

מיט זיי. איך וויל נישט מער ווערן אנגעפירט, אויפגעמונטערט, אונטערגעהיצט; עס שטורימט פון זיך אליין געגוג דאס הארץ; לידער פון איינוויגן באדארף איך, און זיי האב איך בשפע געפונען אין מיין האמער. ווי אפט וויג איך איין מיין קאכעדיג בלוט; ווארים אזוי אומרוהיג, אזוי פארוואָגלט ווי דאס דאזיגע הארץ איז, האסטו גארנישט געזעהן! טרייער, דארף איך דאס דיר זאגן, וואס דו האסט אזוי אפט געטראגן דעם יאך, זעהן מיך אריבערגיין פון טרויער צו ווילדער שמחה, און פון זיסער מרה שחורה צו שווערער ליידנשאפט! ווי מיט א קראנק קינד באגיי איך זיך מיט מיין הארץ, יעדער רצון ווערט אים דערפילט, רעד נישט פאר קיינעם! ס'זיינען פאראן אזוינע, וואס וואלטן מיר דאס נישט מוחל זיין.

### דעם 15־טן מאי.

די פשוטע איינוואוינער פון דארף קענען מיך שוין און האבן מיך ליב, דערהויפט די קינדער. ווען איך האב זיך אין אנהויב געחברט צו זיי, און פריינדליך אויסגעפרעגט זיי וועגן אלץ, האבן א טייל געגלויבט, אז איך שפאט פון זיי, און האבן מיך אפגעפארטיגט גאר נישט אויף קיין איידעלן אופן. כ'האב עס נישט גענומען צום הארצן, איך האב נאר שטארק געפילט, וואס איך האב שוין אפט ארויסגעזאגט: מענטשן פון א העכערן גראד וועלן תמיד זיך האלטן אָן א זייט פונ'ם פשוטן המון, ווי זיי וואלטן געגלויבט, דורך דער התקרבות מיט אים עפעס צו פארלירן. דאן זיינען פאראן איבערלויפער, כת־ליצנים, וואס ווייזט אויס, אז זיי לאזן זיך יע אראפ, כדי דאס עלנט פאלק זאל נאך שטארקער שפירן זייער גדלות.

איך ווייס גוט, אז מיר זיינען ניט גלייך, און מיר קאנען דאס נישט זיין. איך גלויב אבער, אז ווער עס האלט פאר נויטיג צו דער־ווייטערן זיך פון דעם אזוי געררופענעם המון, כדי אפהיטן זיין שם, איז אזוי מיאוס, ווי א פחדן, וואס באהאלט זיך פאר זיין שונא, ווייל ער האט מורא צו ווערן באזיגט.

דא נישט לאנג בין איך געקומען צום ברונען און געטראפן דארטן א יונגע דינסט מיידל, וואס האט אנידערגעשטעלט איר קרוג אויף דער אונטערשטער טרעפ, און זיך ארומגעקוקט, אויב ס׳קומט נישט אונטער קיין חברטע, העלפן איר אויפהייבן אים אויפן קאפ. איך בין אראפגעגאנגען און האב זי אנגעקוקט. — זאל איך זיי העלפן יונגפרוי? — זי איז געווארן רויט ביזן האלז. — אָ, ניין, הער! האט זי געזאגט. — שעמט זיך ניט! — זי האט ארויפגעלייגט איר קישעלע, און איך האב איר געהאלפן. זי האט בעדאנקט און איז ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ.

דעם 17־טן מאי.

איך האב שוין א פארשיידענע באקאנשטפט, קיין געזעלשאפט אבער האב איך נאך נישט געפונען. איך ווייס נישט, וואס פאר א צוציהענדיגע קראפט איך האב פאר מענטשן; עס האבן מיך אזוי פיל ליב און הענגען זיך אָן מיר, און דאן פארדריסט, ווען אונזער וועג גייט צוזאמען נאר א קליינע שטרעקע.

ווען דו פרעגסט, ווי אזוי די מענטשן זיינען דא? מוז איך דיר זאגן: ווי אומעטום! ס׳איז איין און דאס זעלבע מיט דעם מענטשן. דאס רוב האוועט אפ דעם גרעסטן טייל פון טאג, כדי צו לעבן, און דאס ביסל פרייע צייט, וואס עס בלייבט זיי איבער פון פרייקייט, שרעקט זיי אזוי, אז זיי זוכן אלע מיטלען, כדי נאר לויז צו ווערן דערפון. אָ, גורל פון מענטשן!

אבער ס׳איז א באמת ליב פאלק! ווען איך פארגעס זיך א מאל, געניס א מאל מיט זיי די פרייד, וואס זיינען נאך באשערט דעם מענטשן, און ביי א גוט באזעצטן טיש מאכן מיר א ביסל שפאס מיט דער גאנצער אָפנ־הארציקייט און טרייקייט, ארדענען איין צו דער צייט א שפאציר־פאר, א טענצל, און אזוי ווייטער, דאס האט א גוטע פעולה אויף מיר; איך טאר זיך נאר נישט דערמאנען, אז נאך א סך אנדערע כחות רוהען אין מיר, כחות, וואס ווערן פארפוילט נישט אויסגענוצט, און וועלכע איך מוז פאר איטליכן באהאלטן.

אך׳ דאס פרעסט אזוי איין דאס גאנצע הארץ! — און דאך! שלעכט צו ווערן אויסגעטייטשט׳ — דאס איז אונזער יעדערנס מזל.

ווי׳ וואס די פריינדן פון מיין יוגנט איז פון דער וועלט אוועק! ווי׳ וואס איך האב זי ווען עס איז געקענט! — כ׳וואלט געזאגט: ביזט א שוטה; זוכסט׳ וואס ס׳איז במציאות נישטא. אבער איך האב זי געהאט׳ איך האב דאס הארץ געפילט׳ די גרויסע נשמה׳ אין וועמעס בייזיין ס׳האט מיר געשיינט׳ אז איך בין מער׳ ווי איך בין׳ ווייל איך בין געווען אלץ׳ וואס איך האב נאר געקאנט זיין. גוטער גאט! איז דען געבליבן נישט אויסגעפילט איין איינציגע קראפט פון מיין נשמה? האב איך נישט געקאנט אנטפלעקן פאר איר די גאנצע גרויסע קראפט פונ׳ם געפיל׳ מיט וועלכן מיין הארץ נעמט די נאטור ארום? איז דען נישט געווען אונזער צוזאמען זיין קיין אויביג שפינען פון די פיינסטע געפילן׳ פון דעם שארפסטן וויץ׳ וועמעס בונטקייט ביז צו ליצנות איז געווען באצייכנט מיט דעם שטעמפל פון זשעני? און אצונד! — אך׳ אירע יארן׳ מיט וועלכע זי איז פאר מיר עלטער געוועזן׳ האבן זי פריער אין קבר געפירט׳ ווי מיך. קיינמאל וועל איך זי נישט פארגעסן׳ קיינמאל נישט! נישט איר געזונטן דעת׳ נישט איר געטליכע סבלנות.

מיט א פאר טעג צוריק האב איך באגעגנט א יונגן־מאן פ׳׳ א אפענעם בחור מיט א גאר גליקליכן אויסזעהן. ער קומט אקארשט פון אקאדעמיע׳ האלט זיך אפילו ניט פאר קיין למדן׳ ער גלויבט אבער דאך׳ אז ער קען מער פאר אנדערע. ער איז אויך געווען א מתמיד׳ ווי איך מערק פון א סך זאכן; א קיצור׳ ער האט א גרויסן וויסן. דערגייענדיג׳ אז איך האב א סך געצייכנט און איך קען גריכיש (צוויי חדושים דא אין געגנט)׳ האט ער זיך געווענדט צו מיר און ארויסגעווארפן פאר מיר א פעקל תורה׳ פון באטיי ביז וואוד און פון דע פילע ביז ווינקעלמאנען׳ האט מיך אויך פארזיכערט׳ אז ער איז קלאר אין דעם גאנצן ערשטן טייל פון זולצערס טעאריע׳ און אז ער האט א כתב יד פון האינען וועגן שטודיום פון דער אנטיקע־וועלט. זאל זיין אזוי׳ האב איך געטראכט.

נאך איינעם גאר א וואוילן מענטשן האב איך אנגעטראפן׳ דעם פירסט־

ליכן אמט־מאן, אנ׳אפענעם און ליבהארציגן מענטשן. מ׳זאגט, ס׳איז א אמתער נחת רוח, זעהן אים צווישן זיינע קינדער, וואס עס זיינען ביי אים דא ניין; דערהויפט מאכט מען א ווען פון זיין עלטערער טאכטער. ער האט מיך פארבעטן צו זיך, און אין די נאהנטסטע טעג וועל איך קומען צו אים. ער וואוינט אין א פירסטליכן יאגדהויף, א שעה אנדערהאלבן פון דאנען; נאכן טויט פון זיין פרוי האט ער באקומען דעם רשות אריבערצוקלייבן זיך אהין, ווייל דאס פארבלייבן דא אין שטאט און אין אמטס־הויז האט אים צו וויי געטאן.

א חוץ דעם האב איך באגעגנט עטליכע מאדנע נפשות, וועלכע ס׳איז אוממעגליך צו פארטראגן, דערהויפט דאס ארויסווייזן זייער פריינדשאפט.

זיי געזונט! דער בריוו וועט ביי דיר נושא חן זיין; ער איז גאנץ היסטאריש.

דעם 22־טן מאי.

אז דאס לעבן פון דעם מענטשן איז בלויז א חלום, איז שוין אַ סכנן אזוי פארגעקומען, און מיך לאזט אויך ניט אפּ אט דער געפיל. ווען איך זעה אָן די באגרעניצטקייט, אין וועלכער ס׳זיינען איינגעשטיקט די שאפנדיגע און פארשנדיגע כחות פון דעם מענטשן; ווען איך זעה, ווי דער גאנצער האָוועץ האט נאר דעם תּכלית, ווי צו דערגרייכן די באפרידיגונג פון באדערפענישן, וואס האבן ווידער קיין אנדער ציל ניט, ווי פארלייגערן דעם עלנטן קיום; און שפּע־טער, אז די גאנצע בארוהיגונג וועגן געוויסע פּרטים פון נאכ־קלערן איז נישט מער ווי א פארחלומטער יאוש, ווייל מ׳באמאָלט די ווענט פון דער תּפיסה, צווישן וועלכע מ׳איז געפאנגען, מיט פארביגע געשטאלטן און העלע בילדער, — דאס אלץ, — ווילהעלם, מאכט מיך שטום. איך קער זיך אום צוריק אין זוך אליין און געפין א וועלט! ווידער אמאל מער אין דמיון און טונקעלן באגער, ווי אין ממשות און לעבעדיגן כח. און דעמאלט שווימט אדורך אלץ פאר מיינע חושים, און טרוימענדיג שמייכל איך פון ס׳ביי אין דער וועלט.

אז די קינדער ווייסן נישט, פארוואס זיי האָבן א פארלאנג, אין דעם זיינען צווישן אלע וואוילגעלערנטע קיין חלוקי־דעות נישטא; אז אבער אויך דערוואקסענע, גלייך ווי קינדער, פלאנטערן זיך ארום אויף דער וועלט, און ווייסן נישט, ווי יענע, פון וואנען זיי קומען, און וואוהין זיי גייען, שאפן גראד אזוי ווייניג צוליב אויפריכטיגע צילן, גלייך אזוי ווערן אנגעפירט דורך ביסקוויט, קיכל, א רוט, דאס איז קיינער נישט גרייט צו גלויבן, און מיר דוכט, אז מ'קאָן עס אנטאפן מיט די הענט.

איך בין דיר גערן מודה — ווייל איך ווייס, וואס דו וועסט מיר זאגן דערויף, — אז יענע זיינען די גליקליכסטע, וואס הוליען אפ, ווי די קינדער, דעם טאג, שלעפן ארום זייערע ליאלקעלאך, טוען זיי אויס און טוען זיי אן, און מיט גרויס רעספעקט שמעקן ארום די שיפלאדן, וואו די מאמע האט די צוקערגעבעק פארשלאסן, און פאַ־קנדיג, ענדליך, דעם פקדון, שפארן זיי אן פולע באקן און שרייען: נאך! — דאס זיינען גליקליכע ברואים. אויך יענע איז גוט, וואס קאנען באצירן מיט א שיינעם טיטל אלע זייערע עסקימלאך, אדער אפילו זייערע תאוות, און צושרייבן דאָס אלס גרויסע עובדות פארן וואויל און גליק פון דער מענטשהייט. גוט איז דעם, ווער עס קאָן אזוי זיין! ווער אבער עס דערקענט אין זיין עניוות, וואוהין דאס אלץ ציט, ווער ס'זעהט, ווי בעלהבתיש יעדער בירגער, ווען ס'איז גוט, ווייס ווי צו פארוואנדלען זיין גערטענדל אין א גן עדן, און ווי אזוי שפעטער עס שלעפט זיך מיט סבלנות אויך דער אומגליקליכער ווייטער אויף זיין וועג אונטער דער משא, און אז אלע האבן דעם זעלבן וואונש, א ווײַלע לענגער אנזעהן דאס ליכט פון דער זון; — יאָ, דער איז שטיל, און שאפט אויך זיין וועלט פון זיך אליין, און איז אויך גליקליך, ווייל ער איז א מענטש. און דאן, ווי באגרעניצט ער איז, טראגט ער פארט תמיד אין הארצן דאס זיסע געפיל פון פרייקייט, אז ער קאן פארלאזן די תפיסה, ווען ער וויל.

### דעם 26־טן מאי׳

דו קענסט פון לאנג אן מיין שטייגער זיך איינצוארדענען׳ ערגעץ וואו אין א רוהיגן ווינקעלע אויפקלאפן פאר זיך א ביידעלע׳ און וואוינען דארטן מיט דער גרעסטער פשוטקייט. אויך דא האב איך א ווינקעלע אויסגעפונען׳ וואס האט מיך צוגעבונדען׳

ביי א שעה פון שטאט איז דא אנ׳ארט׳ וואס הייסט וואלהיים. * דער בארגיגער ארט איז פרעכטיק׳ און גייענדיג אויבן דורך די סטעזשקע צום דארף צו׳ אנטפלעקט זיך מיטאמאל דער גאנצער טאל. א גוטע ווירטן׳ וואס איז פריינדליך און מונטער פאר איר עלטער׳ פארקויפט וויין׳ ביר׳ קאווע. דאס שענסטע אבער זיינען די צוויי לינדנבוימער׳ וואס שלייערן איין מיט זייערע אויסגעשפרייטע צווייגן דעם קליינעם פלאץ פאר דער קירכע׳ וואס איז ארומגערינגלט מיט פויערשע הייזער׳ שייערן און הויפן. אזא געמיטליכן׳ אזא פאר־בארגענעם ווינקעלע האב איך נישט לייכט געטראפן. און א הין הייס איך ברענגען מיין טישל און מיין ביינקל פון דעם שיינק׳ דארטן טרינק איך מיין קאווע און לייען מיין האמערן. דאס ערשטע מאל׳ ווען איך בין דורך א צופאל געקומען אין א שיינעם נאכמיטאג אונטער די לינדנבוימער׳ האב איך געטראפן דאס ערטעלע אזוי איינזאם יונג און אלט איז געווען אין פעלד. מער ניט א אינגעלע פון א יאר פיר איז געזעסן אויף דער ערד און געהאלטן מיט ביידע הענטלאך צווישן זיינע פיס א צווייטע קינד פון א האלב יאר׳ האט געהאלטן אים אנטקעגן הארצן׳ אזוי אז ער איז פאר אים געווען ווי א לענשטול׳ און נישט קוקנדיק אויף דער לעבעדיגקייט׳ וואס עס האט ארויסגעקוקט פון זיינע שווארצע אויגן׳ געזעסן גאנץ רוהיג. דאס בילד האט מיר הנאה געטאן. כ׳האב זיך געזעצט אויף אן אקער׳ וואס איז געשטאנען אנטקעגן׳ און מיט גרויס פרייד געצייכנט די ברידערליכע פאָזע; איך האב צוגעגעבן דעם נאהנטסטן פארקאן׳ א טויער פון א שייער׳ עטליכע צעבראכענע רעדער פון א וואגן׳ אלץ אין דעם סדר׳ ווי זיי זיינען געשטאנען׳ און אין א שעה ארום האב איך אויסגעפונען

* דער לעזער דארף זיך ניט מטריח זיין צו זוכן די נעמען פון די ערטער; מ׳איז געווען גענויטיגט די אמתע נעמען פון דעם אריגינאל צו פארבייטן.

אז כ׳האב פארענדיגט א זעער אינטערעסאנטע צייכענונג׳ נישט צו־געבנדיג דאס מינדסטע פון זיך. דאס האט מיך באפעסטיגט אין מיין כונה׳ אויף להבא האלטן זיך נאר אן דער נאטור אליין. זי אליין איז אָן א שיעור רייך; זי אליין שאפט דעם גרויסן קינסטלער. מ׳קאן צום שבח פון די כללים א סך זאגן׳ אומגעפער דאס, וואס מ׳קאן צוגעבן צום לויב פון די געזעצן פון דער בירגעליכער געזעלשאפט: א מענטש׳ וואס היט אפּ טריי די כּללים וועט קיינמאל נישט ארויס־ברענגען עפּעס נישט באטעמטעס און שלעכטעס, ווי איינער׳ וואס לאזט זיך פירן פון געזעץ און בעל־הבּתישקייט׳ וועט קיינמאל נישט ווערן קיין שלעכטער שכן׳ קיין גרויסער רשע; דערפאר אבער וועט אויך יעדער כלל — מ׳מעג אפילו רעדן׳ וואס מ׳וויל׳ — מאכן א תּל סיי פונ׳ם אמתן אויפנעמען די נאטור׳ סיי פון דעם אויסדריקן זי. זאגט׳ אז דאס איז צו שארף׳ זיי צאמען איין׳ שניידן נאר ארום די צוואקסענע צווייגן א. א. וו. — מיין פריינד! זאל איך דיר ברענגען א משל? ס׳איז דערמיט׳ ווי מיט דער ליבע׳ א יונג הארץ איז אינגאנצן צוגעבונדן צו א מיידל׳ זיצט ביי איר אפּ גאנצע טעג׳ פּטר׳ט אוועק זיינע גאנצע כּחות׳ זיין גאנצן פארמעגן׳ כּדי אויס־דריקן איר אין יעדן מאמענט׳ אז ער געהערט אינגאנצן צו איר. און איצט זאל קומען א בעל־הבית׳ א מענטש׳ וואס פארנעמט א עפנטליכן ארט און זאגן: הערט אויס׳ יונגער מאן! ליב האבן איז מענטשליך; מוזט איר אבער מענטשליך ליב האבן! טיילט איין אייערע שעהן׳ עטליכע פאר דער ארבעט און די צייט פון אייער אפּרוה גיט אפּ אייער מיידל׳ רעכנט אויס אייער פארמעגן׳ און וואס עס בלייבט אייך איבער פון אייערע הצטרכות׳ דערפון פארווער איך אייך נישט קויפן איר א מתּנה׳ נאר נישט צו אפט: צום געבורטס־טאג׳ למשל׳ צום טאג פונ׳ם נאמען געבן וכדומה׳ — פאלגט דער פארליבטער וועט שוין פון אים ארויס אנ׳אמת פּראקטישער יונגערמאן׳ און איך אליין וואלט יעדן פירסט געגעבן א עצה׳ נעמען אים אויף א שטעלע; נאר מיט זיין ליבע איז שוין א סוף׳ און אויב ער איז א קינסטלער׳ מיט זיין קונסט.

אי׳ מיינע פריינד! פארוואס ברעכט אזוי זעלטן אויס דער

שטראם פונ׳ם זשעני׳ הויבט זיך אזוי זעלטן אויף אין הויכע כוואַ־ליעס און צעטרייסלט אייער אנגעלאדענע נשמה? ליבע פריינד! אויףביידע זייטן פון ברעג וואוינען די רוהיגע בעל־הבתים׳ וועמעס גארטנהייזלאך׳ טולפנבייטלאך און קרויטפעלדער וואלטן גיין לאבוד׳ און זיי וויסן דעריבער באצייטנס דורך פארהאלטן און אראפפירן דאס וואסער צו באזייטיגן די סכנה׳ וואס שרעקט אויסצובערעכן׳

דעם 27־טן מאי׳

ווי איך זעה׳ בין איך פארטרונקען געווארן אין התפעלות׳ משלים׳ מגידות׳ און כ׳האב פארגעסן ענדיגן׳ וואס ס׳איז ווייטער פארגעקומען מיט די קינדער׳

פארטיפט אין געפילן פון מאלעריי׳ פון וואס מיין נעכטיגער בריוו גיט דיר איבער צעשטיקלט׳ בין איך געזעסן אויף מיין אקער א גוטע צוויי שעה׳ פארנאכטלאך קומט אן צו די קינדער׳ וואס האבן זיך בשעת מעשה פון ארט נישט גערירט׳ א יונגע פרוי מיט א קערבל אין האנט און פון ווייטן געלאזט הערן: ביזט גאר א וואוילער׳ פיליפס! זי האט מיך געגריסט׳ איך האב אפגעענטפערט׳ בין אויפגעשטאנען׳ צוגעגאנגען נעהנטער צו איר׳ און געפרעגט׳ אויב זי איז עס די מוטער פון די קינדער? זי האט געזאגט יא׳ און׳ געבנדיג דעם עלטערן א האלבן זעמל׳ האט זי גענומען דאס עופהלע און געקושט עס מיט דער גאנצער ליבע פון א מאמען׳

— איך האב געגעבן׳ — האט זי זיך אנגערופן׳ — פיליפסן צו־האלטן דאס קינד און אליין אוועק מיט דעם עלטערן אין שטאט איינקויפן ברויט׳ צוקער און א ליימענעם טעפל׳ — דאס אלץ האב איך געזעהן אין דעם קארב׳ פון וועלכן דאס דעקל האט זיך אראפגערוקט׳

— איך וויל אויסקאכן אויף אינאוונט א יאיכעלע פאר מיין האנסן (אזוי האט געהייסן דער מיזיניקל); דער מזיק דער עלטערער׳ האט נעכטן׳ זיך רייסנדיג מיט פיליפסן פארן איבערגעבליבענעם ביסל זופ׳ צעבראכן דאס טעפל׳ כ׳האב געפרעגט׳ וואו דער עלטערער

איז׳ און נאָך איידער זי האט געהאט אויסגערעדט׳ אז ער יאגט זיך ארום אויף דער לאנקע נאָך א פּאר גענז׳ איז דער בעל דבר אליין אנגעפארן׳ ברענגענדיג פאר פיליפסן א מתּנה א פּרוטקעלע׳ איך האב זיך ווייטער צורעדט מיט דער פרוי און דערוואוסט זיך׳ אז זי איז דעם שול־מייסטערס א טאכטער׳ איר מאן איז אוועקגעפארן קיין שווייץ אפּנעמען ירושה פון א רייכן קרוב׳ — זיי האבן אים געוואלט אפּנארן און האבן נישט געענטפערט אויף זיינע בריוו׳ איז ער אליין א הין אוועקגעפארן׳ ווען עס האט נאר קיין אומגליק נישט געטראפן! איך הער גארנישט פון אים׳ — ס׳איז מיר שווער געווען אוועקצוגיין פון דער פרוי׳ כ׳האב צעטיילט די קינדער צו קרייצער׳ און פאר דעם עופהלע געגעבן איר אליין איינעם׳ ווען זי וועט זיין אין שטאט׳ קויפן אים א זעמל צום זופּ׳ אזוי האבן מיר זיך צעשיידט׳

איך זאג דיר׳ מיין טרייער׳ ווען מיינע חושים ווילן מער ניט אויסהאלטן׳ שטילט איין דעם גאנצן רעש דער אנבליק פון אזא מענטשן׳ וואס מאכט אדורך אין גליקליכער געלאסנקייט דעם איינגן קרייז פון זיין לעבן׳ העלפט זיך דורך פון איין טאג אויף דעם צווייטן׳ זעהט ווי בלעטער פאלן׳ און טראכט דערביי בלויז: דער ווינטער קומט׳

פון דעמאלט אן בין איך אפט ביי זיי׳ די קינדער זיינען צוגעוואוינט צו מיר׳ איך גיב זיי צוקער׳ בשעת איך טרינק קאווע׳ און אינאווענט מאכן מיר שותּפות דאס פוטער־ברויט און די זויער־מילך׳ זונטאג פעלט זיי קיינמאל נישט דער קרייצער און ווען ס׳מאכט זיך׳ אז איך בין דארטן ניטא נאכן קלויסטער קומען׳ האט שוין די פרוי אן ארדער׳ אויסצוצאלן זיי׳

זיי זיינען היימיש׳ דערציילן מיר כּלערליי מעשהלאך׳ און דערהויפּט פריי איך זיך פון זייערע תּאווהלאך און דעם תּמימותדיגן אויספראלן זייערע פארלאנגען׳ ווען עס קלייבן זיך צונויף מערער קינדער פון דארף׳

א סך מי האט מיר געקאסט אוועקצונעמען די זארג פון דער מוטער׳ אז די קינדער קאנען מיר זיין צו לאסט׳

דעם 30־טן מאי.

וואס איך האב דיר אנומלט געזאגט וועגן דער מאלעריי, קאן איך גילטן וועגן דער פאעזיע, מ׳דארף בלויז דערקענען דאס דער־הויבענע, און דערוועגן זיך דאס ארויסזאגן — און דאס איז, פארשטייט זיך, מיט ווייניג ווערטער א סך געזאגט. איך האב היינט געזעהן א בילד, וואס, גוט ארויסגעבראכט, וואלט עס געווען די שענסטע אידיליע אויף דער וועלט. נאר צו וואס פאעזיע, בילדער, אידיליעס? מוז דען תמיד באפוצט ווערן, ווען מ׳איז זוכה אויפצונעמען א נאטור־ערשיינונג?

אויב דו ווארסט נאך דער דאזיגער הקדמה צו הערען עפעס גרויס און חשובדיגס, ביזטו ווידער מיאוס אפגענארט, ס׳איז ניט מער ווי א דארפס־קנעכט, וואס האט מיך ארייגעריסן אין דעם ווארימן מיטפילן, — איך וועל, ווי מיין שטייגער איז, איבערגעבן שלעכט און דו וועסט עס האלטן, ווי תמיד, פאר א גוזמא: ס׳איז אבער אמאל וואלהיים און ווידער־אמאל וואלהיים, וואס ברענגט ארויס די דאזיגע חידושים.

עס האט זיך פארקליבן דארטן, אונטער די לינדנבוימער, א געזעלשאפט קאווע טרינקען, ווייל זי איז מיר ניט אינגאנצן געווען צום הארצן, בין איך, זאגנדיג א תירוץ, געבליבן אן א זייט.

פון א דערבייאיגער שטוב איז ארויס א קנעכט און גענומען פאררייכטן דעם אייגענעם אקער, וואס איך האב די טעג געהאט געצייכנט. ווייל זיין אויסזעהן איז מיר געפעלן געווארן, האב איך אנגעהויבן מיט אים רעדן, זיך פאנאנדערפרעגן אויף זיין שטייגער לעבן. מיר זיינען באלד באקאנט געווארן, און ווי ס׳גייט מיר תמיד מיט די מענטשן, באלד היימיש געווארן. ער האט מיר דערציילט, אז ער דינט ביי אנ׳אלמנה, און זי באגייט זיך מיט אים זעהר גוט. ער האט אזוי פיל גערעדט וועגן איר, אזוי געלויבט זי, אז איך האב באלד געקאנט זעהן, אז ער איז צוגעבונדן צו איר בלב ונפש. זי איז שוין ניט יונג, האט ער געזאגט, זי איז פון איר ערשטער מאן שלעכט באהאנדלט געווארן; וויל נישט מער חתונה האבן, און פון זיין גאנצן רעדן האט אזוי קלאר

געלויכטן, ווי שיין, ווי טייער זי איז פאר אים, ווי ער וואלט געוואלט, זי זאל אים אויסדערוויילן, כדי אויסצולעשן דעם זכר פון די עוולות פון איר ערשטן מאן, אז איך וואלט דיר וואָרט ביי וואָרט געדארפט איבערחזרן, כדי מאכן פאר דיר לעבעדיג אט די ריינע צוגעבונדנקייט, די ליבע, דאס טרייקייט פונ׳ם דאזיגן מענטשן, יאָ, איך וואלט געמוזט זיין געבענטשט מיט דער גאב פונ׳ם גרעסטן דיכטער, כדי גלייכצייטיג אויסמאלן פאר דיר דעם אויסדרוק פון זיינע מינעס, די הארמאניע פון זיין שטים, דאס פארבארגענע פייער פון זיינע בליקן, ניין, עס זיינען ניטא קיין ווערטער אויף באַצייכענען דאס צארטקייט, וואס ס׳איז געווען אין זיין גאנצן מהות און באנעמען זיך, — ס׳איז אלץ נאר מגושם, וואס איך וואלט געקאנט ווידער ארויסגעבן, דערהויפט האט מיך גערירט, ווי ער האט מורא געהאט, אפשר קאן איך שלעכט אויסטייטשן זיין באַציאונג צו איר, אפשר קאן איך צווייפלען אין איר ערענטליכער אויפפירונג, ווי חנעוודיג ס׳איז געווען, בעת ער האט גערעדט פון איר בעשטאלט, פון איר קערפער, וואס האט אים אן דעם יוגנטחן אזוי גוואלטיג געצויגן און געבונדן צו זיך, — קאן איך נאר איבערחזרן אין די טיפענישן פון מיין נשמה, איך האב אין מיין לעבן אזא שטארקן באגער, אזא פלאמיג־ביינקענדיגן פארלאנג אין אזא ריינקייט ניט געזעהן, יאָ, ערליך צו זאגן, אין דער דאזיגער ריינקייט ניט געדאכט און ניט געחלומט, זידל מיך ניט, ווען איך זאג דיר, אז ביים דערמאנען זיך אן דער דאזיגער ריינקייט און אמת גליהט אין מיר די אינעווניגסטע נשמה, און אז אומעטום פארפאלגט מיך דאס בילד פון דער טרייקייט און צערטליכקייט, און, ווי אליין דערפון אנגעצונדן, לעכץ איך און איך שמאַכט!

איצט וועל איך זיך פלייסן, צו זעהן בקרוב זי גופא אויך, אדער, פארקערט, ווען איך באטראכט זיך גוט, וויל איך דאס אויסמיידן, ס׳איז בעסער, ווען איך זעה זי דורך די אויגן פון איר ליבהאבער; אפשר באווייזט זי זיך דעמאלט פאר מיינע אייגענע אויגן נישט אזוי, ווי זי שטייט איצט פאר מיר; און פארוואס זאל איך זיך דאס שיינע בילד קאליע מאכן?

דעם 16־טן יוני.

פארוואס איך שרייב דיר נישט? — דו פרעגסט דאס, און ביזט דאך אויך איינער פון די געלערנטע? האסט באדארפט משער זיין, אז איך בין געזונט, דהינו — מיט איין ווארט, איך האב א באַקאנטשאפט געמאכט, וואס גייט נעהנטער אן מיין הארצן. איך האב — איך ווייס נישט. —

דערציילן דיר אין דעם סדר, ווי איך האב זיך באקאנט מיט איינעם פון די ליבהארציגסטע וועזנס וועט זיין שווער. איך בין פריילעך, גליקלעך, און בין בכן ניט קיין גוטער שרייבער פון געשיכטע.

א מלאך! נארישקייט! דאס זאגט יעדערער פון זיינער, נישט אזוי? און דאך בין איך נישט אימשטאנד איבערצוגעבן דיר ס'ארא פאלקאמענער מענטש זי איז, פארוואס זי איז אזוי; גענוג, זי האט מיין גאנצן דעת פארכישופט.

אזוי פיל פשוטקייט ביי אזוי פיל פארשטאנד, אזוי פיל גוטסקייט ביי אזא פעסטקייט, און די רוהיגקייט פון דער נשמה ביי דעם אמתן לעבן און שאפן. —

דאס אלץ, וואס איך זאג דא פון איר, איז בלויז מיאוסע פלאפלעריי, פוסטע אבסטראקטן, וואס דריקן ניט אויס קיין איין שטריך פון איר גופא. אנאנדערסמאל — ניין, ניט קיין אנדערסמאל, איצט גלייך וויל איך דאס דיר דערציילן, ווער איך עס איצטער ניט טאן, וועט עס אויך קיינמאל ניט געשעהן, — ווייל, צווישן אונז זאל עס בלייבן, זינט איך שרייב האב איך שוין א מאל דריי געהאט בדעה אוועקלייגן די פעדער, הייסן אנזאטלען מיין פערד און ארויסרייטן. דאך האב איך זיך היינט אינדערפרי געגעבן א שבועה, ניט ארויסצורייטן, און — בין פונדעסטוועגן יעדע רגע ביים פענסטער צו זעהן, ווי הויך עס שטייט נאך די זון. — — —

איך האב עס נישט געקאנט גובר זיין, געמוזט אוועק צו איר. אצונד, ווילהעלם, בין איך שוין דא צוריק, כ'וועל עסן מיין אוונטברויט און וועל דיר שרייבן. וואס פאר א גליק עס איז פאר מיין נשמה, זעהן זי אין דעם קרייז פון אירע ליבע, מונטערע קינדער, די אכט שוועסטער און ברידערלאך!

ווען איך וועל אזוי ווייטער שרייבן, וועסטו זיין ביים סוף דער אייגענער חכם, ווי ביים אנהויב. נאר הער! איך וועל זיך צווינגען דערציילן דיר געגוי.

אנומלט האב איך דיר געשריבן, ווי איך האב זיך באקענט מיט דעם אמט־מאן ס. און ווי ער האט מיך געבעטן קומען צו אים אין זיין איינזאמען געצעלטל, אדער ריכטיגער, אין זיין קליין מלוכהלע. איך האב דאס געלאזן, און איך וואלט אפשר עד היום ניט געקומען א היין, ווען דער צופאל וואלט מיר נישט אנטפלעקט דעם אוצר, וואס ליגט פארבארגן אין דער שטילער געגנט.

אונזער יונגווארג האט געמאכט א באל אויפן לאנד, אין וועלכן איך האב זיך גערן באטייליגט. א היגע מיידל — א שיינע און גוטע, אגב א גאנץ פשוטע — האב איך פארבעטן צוזאמען פארן, און מיר האבן אפגערעדט, אז איך זאל נעמען א פורל און מיט איר און איר קרובה זאלן מיר אויפן וועג פארפארן צו שארלאטע ס. און זי אויך מיטנעמען — איר וועט זיך באקענען מיט א שיין מיידל, האט זיך אנגערופן מיין באגלייטערן, בעת מיר זיינען געפארן דורכן ברייטן אויסגעהאקטן וואלד צום הויז צו. — זעט נאר, האט צוגעגעבן די „קרובה", איר זאלט זיך נישט פארליבן! — וואס הייסט? האב איך געזאגט. — זי איז שוין פארקנסט פאר א זעער וואוילען יונגן־מאן, האט יענע געענטפערט, וועלכער איז אוועק־געפארן ברענגען זיינע געשעפטן אין ארדענונג, ווייל זיין פאטער איז געשטארבן, און ער וועט ווערן בכבודיג פארזארגט. — דעם נייס האב איך אויפגענומען גאנץ קאלטבלוטיג.

די זון איז נאך געשטאנען ביי א פערטל שעה פון דעם בארג, בעת מיר זיינען צוגעפארן צום טויער פון הויף. עס איז געווען זעער שטיקנדיג, און די פרויען האבן זיך געשראקן פאר א געוויטער, וואס האט געשיינט אויסצוברעכן פון די אנגעצויגענע ווייס־גרויע און שווערע וואלקנדלאך ארום האריזאנט. איך האב צעשטרויט זייער פחד מיט מיין כלומרשטדיגער מעטעאָראָלאָגישער בקיאות, הגם מיר גופא האט אנגעהויבן אויסזעהן, אז אונזער שמחה וועט זיין פארשטערט.

איך בין אראפ פון פורל, און דאס שטובמיידל, וואס איז צוגע־
גאנגען צום טויער, האט געבעטן א ווײלע אויפווארטן: „פריילן
לאטע וועט גלייך ארויס". איך בין געגאנגען דורכן הויף צו דעם
שיין געבויטן הויז, און אז איך בין ארויף אויף די טרעפ און אריין
אין טיר, האט זיך באוויזן פאר מײנע אויגן דאס שענסטע בילד,
וואס איך האב נאר ווען עס איז געזעהן. ארום א שיין מיידל פון
מיטעלן וואוקס, אנגעטאן אין א פשוט ווייס קלייד מיט בלאסרויטע
שלייפן אויף די ארעמס און ברוסט, האבן זיך אין דעם פעדער־
צימער געווימלט זעקס קליינע קינדערלאך אין דעם עלטער פון
עלף ביז צוויי יאר, זי האט געהאלטן א שווארץ ברויט און גע־
שניטן פאר אירע קינדער ארום, זיך יעדערן א חלק לויט זיינע
יארן נאך און זיין אפעטיט, געגעבן יעדערן זיינס מיט אזא ליבשאפט, און
יעדע קינד האט אזוי פשוט געזאגט: א דאנק! דערביי האט עס
א לאנגע צייט געהאלטן אויסגעשטרעקט די הענטלאך אין דער הויך
נאך איידער ס'איז געווען אפגעשניטן, און קריגנדיג דעם חלק, אדער
צופרידן אוועקטאנצן, אדער, נאך זיין שטילן כאראקטער נאך, רואיג
אוועקגיין צום טויער פון הויף, אנקוקן די פרעמדע מענטשן און די
פורל, מיט וועלכער זייער לאטע האט געדארפט אוועקפארן. — איר
וועט מיר אנטשולדיגן, האט זי געזאגט, וואס איך האב אייך באמיט
אהער און לאזווארטן די פרויען. צוליב דעם אנטאן זיך און
צוליב דעם פארזארגן די שטוביגע קלייניגקייטן אויף דער צייט
פון מיין אוועקפארן, האב איך פארגעסן געבן די קינדער מיטאג, און
זיי ווילן פון קיין אנדערן נישט נעמען זייער ברויט ווי פון מיר. איך האב
איר געמאכט א קליינעם קאמפלימענט; מיין גאנצע נשמה האט גערוט אויף
דער געשטאלט, אויף דעם טאן, אויף דעם באנעמען זיך, און האב
ערשט דעמאלט געקאנט קומען צו זיך פון דעם רושם, ווען זי איז
אריינגעלאפן אין צימער נעמען אירע האנטשן און דעם ווייער.
די קינדער האבן מיך באקוקט פון דערווייטנס און איך בין
צוגעגאנגען צו דעם איינגסטן, א קינד מיט א געראטן פנים'ל. דאס
קינד האט זיך אפגערוקט, ווען לאטע איז גראד ארויס און געזאגט:
„לואיס, גיב דעם אנקל די האנט"! דאס אינגעלע האט עס ניט שעמעוודיג

געטאָן, און איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, ניט קוקנדיק אויף זיין פאַרשמירט נעזל, אים האַרציק צו קושן. — אַנקל? — האָב איך זיך אָנגערופן דערלאַנגענדיק איר די האַנט, מיינט איר, איך בין זוכה דאָס גליק צו זיין איינער פון אייערע קרובים? — אַ, האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל, אונזער קרובהשאַפט איז אַזוי גרויס, און מיר וואָלט פאַרדראָסן, ווען איר וואָלט געווען אין איר דער ערגסטער. — גייענדיק האָט זי אָנגעזאָגט סאָפיען, דער עלטסטער שוועסטער נאָך איר, אַ מיידל פון אַ יאָר עלף, אַכטונג צו געבן אויף די קינדער, און גריסן דעם פּאַפּאַ, ווען ער וועט זיך אומקערן פון דעם שפּאַציררייטן. די קינדער האָט זי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן פאָלגן דער שוועסטער סאָפיען, גלייך ווי איר, וואָס אַנדערע האָבן בפירוש צוגעזאָגט, נאָר אַ זעקסיאָריק קלוג בלאָנדינקעלע האָט זיך אָנגערופן: „דו ביזט דאָך דאָס אָבער פאָרט ניט, לאָטכען! און מיר האָבן דיך העלטער״. — די צוויי עלטסטע איינגלאָך האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פורל, און אויף מיין שתדלנות האָט זי זיי ערלויבט אונטערפאָרן ביזן וואַלד, בתנאי, אַז זיי זאָלן זיך נישט רייסן און פעסט אָנהאַלטן זיך.

מיר האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט אַריינגעזעצט, די פרויען זיך בעגריסט, איינע דער אַנדערער געזאָגט וואָס וועגן די טואַלעטן, דערהויפּט וועגן די היט, געהעריק דורכגענומען די געזעלשאַפט, וואָס האָט געדאַרפט קומען, ווען לאָטע האָט געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן און די קינדער אַראָפּגיין; זיי האָבן פאַרלאַנגט נאָך אַ מאָל איר האַנט צו קושן, און דער עלטערער האָט עס געטאָן מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, וואָס קאָן ראוי זיין פאַרן עלטער פון פופצן יאָר, דער אַנדערער, פאַרקערט, מיט אַ סך אימפּעט און לעבעדיגקייט. זי האָט געלאָזט נאָך אַ מאָל גריסן די קליינינקע און מיר זיינען ווייטער געפאָרן.

די קרובה האָט זי געפרעגט, אויב זי האָט שוין פאַרענדיגט דאָס בוך, וואָס זי האָט איר אָנומלט געשיקט? — ניין, האָט לאָטע געזאָגט, ס'געפעלט מיר נישט; איר קאָנט עס צוריק באַקומען. דאָס פריהערדיגע, אַגב, איז אויך נישט געווען בעסער. איך בין נשתומם

געוואָרן, ווען איך האָב געפרעגט, וואָס פאַר אַ ביכער דאָס זיינען געווען, און זי האָט מיר געענטפערט *) — אין דעם אַלעמען, וואָס זי האָט געזאָגט, האָב איך געפונען אַזוי פיל שׂכל, מיט יעדן וואָרט האָב איך געזעהן נייע שיינקייט, נייע שטראַלן פון איר גייסט אויפשיינענדיג אין איר פּנים, וואָס האָט אויסגעזעהן, אַז עס שפּרייט זיך אויס אַלץ מער און מער מיט פרייד, ווייל זי האָט געפילט אַן מיר, אַז איך פאַרשטיי זי.

אַז איך בין אינגער געווען, האָט זי זיך אָנגערופן, האָב איך קיין זאַך אַזוי נישט ליב געהאַט ווי ראָמאַנען. דאָס ווייס גאָט, ווי גוט ס'איז מיר געווען, ווען איך פלעג מיך זונטיגס זיך קאָנען זעצן אין אַ ווינקעלע, און מיטפילן מיטן גאַנצן האַרצן דאָס גליק און אומגליק פון אַ מיס זשעני. איך בין מודה, אַז אַט די דאָזיקע ביכער האָבן נאָך אַלץ פאַר מיר עפּעס צוציענדיגס. אָבער ווייל איך קום אַזוי זעלטן צו אַ בוך, מוז עס טאַקע אינגאַנצן זיין לויט מיין געשמאַק. און אַט דער מחבר איז מיר דער ליבסטער, אין וועמען איך געפין ווידער מיין וועלט, ביי וועמען דאָס לעבן גייט, ווי אַרום מיר, און וועמעס ספּור המעשׂה עס ווערט מיר פּונקט אַזוי נאָהנט און האַרציג, ווי מיין אייגן שטוביג לעבן, וואָס איז אמת נישט קיין גן עדן, אָבער אינגאַנצן דאָך אַ קוואַל פון גליק נישט אַרויס־צוגעבן. —

איך האָב זיך געפלייסט צו באַהאַלטן דעם רושם פון די ווערטער. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, קיין סך נישט געדויערט: וואָרים אַז איך האָב דערהערט ווי ריכטיג זי האָט, בדרך אגב, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם פּריסטער פון וואַקעפילד **), בין איך אינגאַנצן פון זיך אַרויס, און געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געוואוסט, און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען לאָטע האָט זיך געווענדט

---

*) מ'געפינט פאַר נויטיג אַרויסצוװאַרפן די דאָזיגע שטעל פונ'ם בריוו, כדי קיינעם נישט געבן די געלעגנהייט צו האָבן פּאַראיבל, הגם אין תּוך גייט יעדן מחבר װעניג אָן דער אורטייל פון אַן איינציגער מיידל און פון אַ יונגן אומבאַשטענדיגן בחור.

**) מ'האָט דאָ אויך אַרויסגעלאָזן די נעמען פון אייניגע אונזערע מחברים. ווער עס איז זוכה צו לאָטעס ליבע, וועט עס געוויס פילן אין זיין האַרצן, ווען ער וועט לייענען די דאָזיגע שטעלע, און אַ זייטיגער דאַרף עס גאָר ניט וויסן.

מיט איר געשפּרעך צו די איבעריגע, האָב איך דערזעהן, אַז זיי זיינען די גאַנצע צייט געזעסן מיט אָפענע אויגן, די קרובה האָט מיך אַ פּאָר מאָל אָנגעקוקט מיט שמייכל, וואָס איז מיר אָבער זעהר ווייניג אָנגעגאַנגען.

דער שמועס איז אַריבער אויף דעם תּענוג פון טאַנצן, — אויב אַט די תּאוה, האָט לאָטע זיך אָנגערופן, איז אַ חסרון, בין איך אייך גערן מודה, אַז איך ווייס נישט קיין שענערס פון טאַנצן, און אַז עס פּלאָנטערט זיך מיר עפּעס אין קאָפּ, און איך שפּיל מיר אויף אויף מיין קלאַוויר אַ קאָנטערטאַנץ, איז אַלץ ווידער גוט. —

ווי האָב איך זיך אין אירע שוואַרצע אויגן געבאָדן בשעת איר דערציילן! ווי האָבן צוגעצויגן מיין גאַנצע נשמה די לעבע־דיגע ליפּן און דאָס פרישע מונטער פּנים! ווי בין איך אין דעם טיפן שכל פון איר רעדן איינגאַנצן פאַרזונקן, אַפּט אַפילו די ווערטער נישט געהערט, מיט וועלכע זי פלעגט זיך אויסדריקן! — דערפון האָסטו אַ באַגריף, ווייל דו קענסט מיך, אַ קיצור, ווי אַ פאַר־חלומטער בין איך אַראָפּ פון פורל, ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם באַלהויז, און איך בין געווען אַזוי פאַרלאָרן אַרום אין חלומות דער דעמערנדיגער וועלט, אַז איך האָב זיך קוים צוגעהערט צו דער מוזיק, וואָס האָט געשאַלט אַנטקעגן אונז פון דעם העל באַלויכטענעם זאַל.

די צוויי הערן, אַאודראַן און אַ געוויסער נ. נ. — ווער קאָן אַלע נעמען געדיינקען! — וואָס זיינען געווען דער קרובהס און לאָטעס טענצער, האָבן אונז אויפגענומען ביים טירל פון עקיפּאַזש, גענומען זייערע דאַמען און איך האָב מיינע אַרויפגעפירט.

מיר האָבן געטאַנצט איינער אַרום דעם אַנדערן מענועט; איך האָב פאַרבעטן איין דאַמע נאָך דער אַנדערער, און דוקא די אומבאַחנטע זיינען נישט געקומען דערצו דערלאַנגען די האַנט און מאַכן אַ סוף. לאָטע און איר טענצער האָבן אָנגעהויבן אַ ענגלישן. און דו קאָנסט פילן, ווי גוט ס'איז מיר געווען, אַז זי האָט אויך אין דער ריי אָנגעהויבן מיט אונז די פיגור. טאַנצן מוז מען זי זעהן! פאַרשטייסט, זי איז אַזוי מיט דעם גאַנצן האַרצן און דער גאַנצער נשמה דערביי, דער

גאנצער קערפער איז איין הארמאניע, אזוי פריי, אזוי לייכט, ווי דאס וואלט געווען אלץ אייגענטליך, ווי זי וואלט א חוץ דעם גארנישט ניט געטראכט, גארנישט געפילט; אין דעם מאמענט פארשווינדט געוויס פאר איר יעדער אנדער זאך. איך האב געבעטן ביי איר דעם צווייטן קאנטער־טאנץ; זי האט מיר דעם דריטן צוגעזאגט, און מיט חנעוודיגסטער תמימות פון דער וועלט האט זי מיר צוגעגעבן, אז זי טאנצט מיט פרייד א דייטשן — דא אזוי די מאדע, האט זי ווייטער געזאגט, אז יעדעס פארל, וואס געהערט צוזאמען, בלייבט אויך ביי דעם דייטשן צוזאמען, און מיין קאוואליר איז שוואך אין דעם, און וואלט געווען צופרידן, ווען איך באפריי אים פון דער ארבעט. אייער דאמע קאן אויך נישט בעסער, און זי וויל עס נישט, און איך האב ביי דעם ענגלישן געזעהן, אז איר טאנצט גוט. אויב איר ווילט זיין מיינער פארן דייטשן, טא גייט און בעט עס ביי מיין הער, און איך וועל גיין צו אייער דאמע. — איך האב איר געגעבן די האנט, און מיר האבן אזוי אפגעמאכט, אז איר טענצער זאל זיך דערווייל אונ־טערהאלטן מיט מיין טענצערקע. דא האט זיך עס אנגעהויבן, און א ווײַלע האבן מיר זיך געקוויקט פון פארשיידנארטיגן פלעכטן די ארעמס. מיט וואס פאר א חן, מיט וואס פאר א לייכטקייט האט זי זיך באוועגט! און אז מיר זענען ערשט דערגאנגען צום וואלסן און ווי די ווינטן ארומגעשוועבט איינער ארום דעם אנדערן, איז אין אנהויב, פארשטייט זיך, מחמת נאר עטליכע האבן געקענט, ארויס אביסל פארפלאנטערט. מיר האבן דאס פארשטאנען און געלאזט זיי אויסטאנצן זיך; און אז די קנאפע טענצער זיינען אראפ פון ארט, האבען מיר זיך געלאזן, און צוזאמען מיט נאך א פארל, אאודראנען און זיין דאמע, זעער גוט דורכגעפירט. קיינמאל האב איך זיך נאך אזוי לייכט ניט באוועגט. איך בין מער קיין מענטש ניט געווען. צו האבן דאס טייערסטע אין די ארעמס, און ווי א ווינטער שוועבן מיט איר, אז אלץ ארום פארשווינדט, און — ווילהעלם, דעם אמת גע־זאגט, האב איך זיך דאן געגעבן א שבועה: א מיידל, וואס איך וועל ליב האבן, אויף וועמען איך וועל א כח האבן, זאל קיינמאל מיט קיין אנדערע נישט וואלסן, ווי מיט מיר, און איך זאל אפילו

מוזן צוליב דעם צום גרונט גיין, דו פארשטייסט מיך!

מיר האבן געמאכט אין זאל עטליכע טורן כדי אפצוכאפן דעם אטעם, דערנאך האט זי זיך געזעצט, און די פאמעראנצן, וואס איך האב באהאלטן, און זיי זיינען איצט די לעצטע געווען, האבן מחיה געווען, נאָר מיט יעדן חלק, וואס זי האט, פון דרך ארץ וועגן, מכבד געווען א שכנטע, האט עס מיר געגעבן א שניט אין הארצן.

ביים דריטן ענגלישן טאנץ זיינען מיר געווען דאס צווייטע פאר. אז מיר האבן די שורה א דורכגעטאנצט און איך בין, דאס ווייס גאט, מיט וויפל גליק געהאנגען אויף איר ארעם, און אירע אויגן זיינען געווען פול מיט אפענער און ריינער שמחה, זיינען מיר פאר־בייגעגאנגען פאר א פרוי, וואס איז מיר אויפגעפאלען צוליב איר פריינדליכער מינע אויף איר פנים, וואס האט שוין אויסגעזעהן ניט גאנץ יונג. שמייכלענדיג קוקט זי אן לאטען, סטראשעט מיטן פינגער, און רופט אן צוויי מאל ביים פארבייגיין דעם נאמען אלבערט מיט גרויס באדייטונג.

ווער איז דאס אלבערט, האב איך געזאגט צו לאטען, אויב ס'איז נישט קיין העזה צו פרעגן?

זי האט געהאט בדעה צו ענטפערן, ווען מיר האבן זיך געמוזט צושיידן, כדי אויסצופירן די גרויסע אקט, און עס האט זיך מיר גע־דאכט, אז איך זעה א פארטראכטקייט אויף איר שטערן, בעת מיר האבן זיך אדורכגעקרייצט. וואס זאל איך אייך לייקענען, האט זי געזאגט דערלאנגענדיג מיר די האנט צו דער פראמענאדע, אלבערט איז א ווארילער מענטש, פאר וועמען איך בין אזוי גוט ווי פארקנסט. איז דאס פאר מיר נישט געווען ניי (ווארים נאך אויפן וועג האבן מיר דאס די מיידלאך געזאגט), און פארט אזוי ניי געווען, ווייל איך האב דאס נאך נישט געטראכט בנוגע צו איר, וואס איז מיר אין אזא קורצער ווײלע אזוי טייער געווארן. הכלל, איך האב זיך פאר־פלאנטערט, פארגעסן זיך, אריינגעמישט זיך אין א פרעמד פארל, און דער ווירוואַר איז געווארן אזא, אז ס'איז נויטיג געווען לאטעס גאנ־צער שכל אין שלעפן און ציען, כדי ווייטער צו ברענגען אלץ אין ארדענונג.

דער טאנץ איז נאך ניט געווען פארענדיגט, ווען דער בליק וועלכן מיר האבן שוין לאנג געזעהן לייכטן אויפן האריזאנט, און וואס מיר האבן געהאלטן פאר היצבליצן האבן אנגעהויבן צו ווערן שטארקער, און דער דונער האט פארהילכט די מוזיק. דריי דאמען זיינען ארויסגעלאפן פון דער שורה, נאך וועלכע עס זיינען נאכגעלאפן זייערע הערן. די מהומה איז געוואקסן, און די מוזיק איז אנטשוויגן געווארן. ס׳איז נאטירליך, אז ווען אנ׳אומגליק אדער עפעס שרעקליכעס טרעפט אונז בשעת א שמחה, מאכט עס אויף אונז א שטארקערן רושם ווי תמיד, טיילווייז צוליב דער סתירה, וואס לאזט זיך אזוי בולט פילן, טיילווייז, און נאך מער, דערפאר, ווייל אונזערע חושים זיינען שוין מסוגל צו פילן און דעריבער נעמען זיי א סך גיכער אויף א איינדרוק. אט די סיבות זיינען דאס גורם געווען די משונה־מאדנע העויות, וואס עס האבן געמאט פיל פון אונזערע פרויען. די קליגסטע האט זיך צוגעטוליעט אין א ווינקל מיטן רוקן צום פענסטער, און פארשטאָפט די אויערן. א צווייטע לעבן איר אויף די קני און איינגענורעט אין איר שויס דעם קאפ. א דריטע — זיך ארייננגעשארט צווישן זיי ביידן און מיט א ביטערער יללה ארומגעכאפט איר שוועסטערל. אייניגע האבן זיך געריסן א היים; אנדערע ווידער, וואס האבן נאך ווייניגער געוואוסט, וואס זיי טוען, זיינען ניט געווען אויף אזוי ווייט ביים זינען, אויף אפצופארטיגן ווי געהעריג די יונגעלייטלאך, וואס האבן אויסגעזעהן שטארק פארטאָן מיטן אויפנעמען פון די ליפן גאר די ציטערדיגע תפלות, וואס עס האבן געשיקט צום הימל די די פארדאגהטע שייניקע פרויען נעבאך. א טייל פון אונזערע הערן זיינען אראפגעגאנגען פאררויכערן בשלוה א ליולקע טאבאק, און דער איבעריגער עולם האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטן, בעת די קלוגע ווירטן איז געפאלן אויף א פלאן, אז מ׳זאל ארייין אין אנ׳אנדער צימער, וואו עס זיינען דאָ לאדן און פארהיינגלאך. מיר זיינען געווען אקארשט ארייין, און לאטע איז שוין געווען פאַרטאָן מיט צונויפשטעלן שטולן אין א ראד און געבעטן דעם עולם זעצן זיך, און פארלייגן אין וואס צו שפילן. איך האב געזעהן סאַכען, וואס האפנדיג צו באקומען א טייערע פאַנד, האבן זיי שוין באלעקט דאס פיסקעלע און מיט רחבות אויסגעצויגן

זיך — מירן שפּילן אין ציילעניש, האָט זי געזאָגט, אָבער היט זיך! איך וועל אַרומגיין די ראָד פון רעכטס אויף לינקס, אַזוי דאַרפסט איר ציילן אויך, יעדערער די צאָל, וואָס עס קומט צו אים, דאָס מוז אָבער זיין, ווי אַ בליץ. און ווער ס׳וועט זיך פאַרפּלאָנטערן אָדער טועה זיין זיך, קריגט אַ פּאַטש, און אַזוי וועט זיין ביז טויזנט. איז דאָס געווען אַ חיות צוצוקוקן! מיט אַ אויסגעשטרעקטן אָרעם איז זי אַרומ־געגאַנגען די ראָד, — איינס! האָט אָנגעהויבן דער ערשטער, — צוויי! דער שכן זיינער, — דריי! דער דריטער און אַזוי ווייטער. דאָ הויבט זי אָן גיכער צו גיין, אַלץ גיכער און גיכער, פּלוצלונג פאַרפּלאָנטערט זיך איינער, אַ פּאַטש! און צוליבן געלעכטער דעם אַנדערן אויך אַ פּאַטש! און וואָס ווייטער אַלץ גיכער. איך אַליין בין אויך זוכה געווען צו צוויי פּעטש, און מיט אַ טיפער שמחה האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיינע זיינען געווען שטאַר־קערע פאַר די, וואָס זי פלעגט די אַנדערע מכבד זיין. דער אַלגעמיינער געלעכטער און טומל האָבן געמאַכט אַ סוף צום שפּיל, איידער ס׳איז נאָך דערגאַנגען ביז טויזנט. די נאָהנטסטע פּאָרלאַך האָבן זיך אַוועקגענומען אָן אַ זייט; דער געוויטער איז שוין געווען פאַרביי און איך בין מיט־געגאַנגען מיט לאָטען אין זאַל.

— איבער די פּעטש האָבן זיי פאַרגעסן אי אָן די דונערן, אי אָן די בליצן, — האָט זי געזאָגט גייענדיק. — איך האָב איר גאָרנישט ניט געקאָנט ענטפערן. — איך בין געווען, האָט זי צוגעגעבן, איינע פון די שרעקנדיגסטע, און מאַכנדיג זיך האַרץ צוצוגעבן אַנדערע מוט, בין איך אַליין געוואָרן מוטיג. — מיר זיינען צו צום פענסטער. פונדערווייטן האָט געדונערט, און דער טייערער רעגן האָט געמורמלט אויפן פעלד, און דער דערקוויקנדיגסטער ריח האָט פון אַ וואַרימער לופט דערגרייכט צו אונז. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף איר עלנ־בויגן, איר בליק האָט דורכגעדרונגען דעם אַרום, האָט געקוקט צום הימל און אויף מיר; כ׳האָב געזעהן טרערן אין אירע אויגן, זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיינער, און אַרויסגערעדט — קלאָפּשטאָק! — איך האָב זיך באַלד דערמאָנט אָן דער הערליכער אָדע, וועלכע זי האָט געמיינט, און בין פאַרזונקען אין דעם שטראָם פון געפילן, וואָס זי האָט מיט אַט דעם וואָרט אויסגעגאָסן איבער מיר.

כ׳האב ניט געקאנט איבערשטארקן זיך, כ׳האב צוגעבויגן דעם קאפ צו איר האנט און געקושט זי דורך טרערן פול פון גליק, און כ׳האב איר ווידער געקוקט אין די אויגן, איידעלער! ווען דו וואלסט געזעהן דיין פארגעטערונג אין אט דעם בליק, און איך וואלט מער ניט געוואלט הערן אנרופנדיג דיין אזוי אפט פארשוועכטן נאמען!

דעם 19־טן יוני.

וואו איך בין די טעג געבליבן אין מיין לעצטן בריוו, געדיינק איך נישט; דאס ווייס איך, ס׳איז שוין געווען צוויי ביינאכט, ווען איך האב זיך געלייגט אין בעט, און ווען איך וואלט געקאנט רעדן מיט דיר אנשטאט צו שרייבן, וואלט איך מן הסתם פארהאלטן דיך ביז אין טאג אריין.

וואס עס האט פאסירט צוריקפארנדיג פון דעם באל, האב איך דיר נאך ניט דערציילט, און היינט איז נאך אויך נישט דער טאג דערצו.

ס׳איז געווען דער פיינסטער זונענאויפגאנג! ארום אונז דער טריפנדיגער וואלד און די פריש אנגעטרונקענע פעלדער! אונזערע באגלייטערנס האבן איינגעדרעמלט, זי האט מיך געפרעגט, אויב איך בין אויך נישט קיין בעלן אויף דעם? וועגן איר, זאל איך רוהיג זיין,—כל זמן איך זעה אפן אט די אויגן, האב איך געזאגט און האב זי שטארק אנגעקוקט, ביז דעמאלט איז ניטא קיין סכנה, — און מיר ביידע האבן אויסגעהאלטן ביז איר טויער, וואו דאס שטוב־מיידל האט שטיל אויפגעעפנט און פארזיכערט אויף אירע פראגן, אז דער פאטער און די קינדער זיינען געזונט און אלע שלאפן נאך. דא האב איך זיך געזעגנט מיט דער בקשה, מעגן זי זעהן נאך דעם זעלביגן טאג; זי האט געגעבן איר הסכמה, און איך בין געקומען; און פון דעמאלט אן קאן די זון, די לבנה, און די שטערן רוהיג טרייבן זייער בעל הבתישקייט, נישט איך ווייס, ווען ס׳איז טאג, און ווען נאכט, די גאנצע וועלט פארלירט זיך ארום מיר.

דעם 21־טן יוני.

איך לעב דורך אזוינע גליקליכע טעג, ווי זיי זיינען פון כביכול אנגעברייט פאר זיינע צדיקים; און מעג מיט מיר ווערן, וואס עס וויל, טאר איך ניט זאגן, אז איך האב ניט גענאסן די פרייד, די ריינסטע פרייד פון דעם לעבן.

מיין וואלהיים איז דאך דיר באוואוסט. איך בין דארטן שוין א תושב; פון דאנען האב איך נאר א האלבע שעה צו לאטען, דארטן פיל איך זיך גופא, און דאס גאנצע גליק, וואס איז געגעבן דעם מענטשן.

ווען וואלט איך געחלומט, בעת איך האב זיך אויסגעקליבן וואלהיים פארן ציל פון מיינע שפאצירגייענג, אז עס ליגט אזוי נאהנט צום הימל! ווי אפט האב איך אויף מיינע ווייטע וואנדערונגען געזעהן, דא פונ׳ם בארג, דא פונ׳ם פליין איבערן טייך, דאס יאגד־הויז, וואס אצינד איז עס כולל אלע מיינע פארלאנגען!

טייערער ווילהעלם! אלערליי מחשבות האב איך דורכ־געטראכט, וועגן דער תאוה אין מענטשן זיך פאנאנדערצושפרייטן, שאפן נייע אנטדעקונגען, ארומצוואנדערן; און שפעטער ווידער, צוליב דעם אינוועניגסטן דראנג, אונטערוווארפן זיך מיטן אייגענעם ווילן דער באגרעניצטקייט, ווייטער קייקלען זיך איבער די שנורן פון דער רגילות, און נישט קימערן זיך אויף א האר.

צו באוואונדערן: בעת איך בין געקומען א הער און אראפ־געקוקט פון דעם בארג אין דעם שיינעם טאל אריין, ווי אלץ ארום האט מיך פארכישופט. — דא דאס וועלדל! — אך, ווען דו וואלסט געקאנט באדן זיך אין זיינע שאטנס! דא דער שפיץ פון דעם בארג! — אך, ווען דו וואלסט געקאנט פון דארטן דעם ווייטן ארום באקוקן! — די צוזאמען־געקייטלטע היגלען און די ליבע טאלן! — א, ווען איך וואלט געקאנט פארפאלן ווערן אין זיי! — איך האב געאיילט א הין, זיך צוריק געקערט, און האב נישט געפונען, וואס איך האב געהאפט. א, מיט דער ווייטקייט איז גלייך ווי מיט דער צוקונפט! פאר אונזער נשמה רוהט א שטיק טונקלדיגע גאנצקייט, אונזער געפיל ווערט אין דעם צורונען, ווי אונזער אויג,

און מיר בײנקען, אך! אַרײַנצוּוואַרפן אין דעם אונזער גאַנצן תּוך, זיך דורכדרינגען מיט דעם גאַנצן גליק פון אן אײנציגן, גרויסן, הערליכן געפיל. — און װײ! װען מיר דערגרײכן אהין, װען דער דאַרטן װערט דאָ, איז אַלץ װי געװען, און מיר שטײען אין אונזער אָרימקײט, אין אונזער באַגרעניצטקײט, און עס שמאַכט אונזער נשמה נאָך דעם פאַרשװאונדענעם באַלזאַם.

אַזױ בײנקט שפּעטער דער גרעסטער נע־װנדניק װידער נאָך זײן הײם, און געפינט אין זײן געצעלטל, בײם האַרץ פון זײן װײב, אין דעם אָרום פון זײנע קינדער, אין דער אַרבעט פאַר זײער חיונה, דאָס גליק, װאָס ער האָט אומזיסט געזוכט אין דער ברײטער װעלט.

װען איך גײ אַרױס אינדערפרי בײם זונען־אױפגאַנג קײן װאַלהײם, און רײס דאַרטן אַלײן אין דעם װירטס גאָרטן צוקער־אַרבעס, כ׳זעץ זיך, שײל אים, און אינמיטן לײען איך מײן האָמערן! װען איך קלײב דערנאָך אױס אַ טעפּל אין קיך, כ׳שנײד אָפּ פּוטער, און צוגעדעקטערהײט שטעל איך אַװעק דעם אַרבעס צום פײער און זעץ זיך בײם אױװן, כדי אַ מאָל אױסצומישן: דעמאָלט פיל איך אַזױ בולט, װי די אױסגעלאַסענע פאַרערער פון פּענעלאָפּע שעכטן זײערע אָקסן און חזירים, שנײַדן זײ און בראָטן, קײן זאַך נעמט מיך ניט דורך מיט אַזאַ רוהיגן, אױפריכטיגן געפיל, װי די שטריכן פון דעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבן, װעלכע איך קאָן, געלױבט איז דער בורא, ניט געקינסטלט אײנשפּינען אין מײן אײגענעם שטײגער לעבן.

װי גוט איז מיר, אַז מײן האַרץ קאָן פילן דאָס פּשוטע, תּמימותדיגע גליק פון דעם מענטשן, װאָס ברענגט אַרױף אַ קעפּל קרױט אױף זײן טיש, װאָס האָט אים אַלײן געכאָװעט, און ניט נאָר די קרױט אַלײן, נאָר די אַלע גוטע טעג, די שײנע פרימאָרגנס, װען ער האָט אים געפּלאַנצט, די ליבע פאַרנאַכטן, װען ער פלעגט אים אַנטרינקען, די פרײד, צװעהנדיג דאָס כסדרדיגע װאַקסן, דאָס אַלץ געניסן פון דאָס נײ אין אײן מאָמענט.

דעם 29־טן יוני׳

אייערנעכטן איז געקומען צום אמטמאן דער דאקטאר פון שטאט׳ און האט מיך געטראפן זיצנדיג אויף דער ערד צווישן לאטעס קינדערלאך׳ ווי עטליכע האבן אויף מיר ארומגעקלעטערט׳ און אנדערע גערייצט זיך מיט מיר׳ ווי איך האב זיי געקיצלט׳ און ווי איך האב מיט זיי געמאכט א גרויסן ליארים׳ דער דאקטאר׳ וואס איז א זעער סטאטנער נפש און האט א רגילות ביים רעדן׳ צו לייגן פאלדן אויף זיינע מאנזשעטן און כסדר ארויסצושלעפן א קרויז׳ האט דאס געפונען אונטער דער ווערדע פון א געשייטן מענטשן; דאס האט מען געקאָנט זעהן אָן זיין נאז׳ איך האב זיך אבער אין גארנישט ניט געשטערט׳ האב אים געלאזן האלטן זיינע קלוגע דרשות׳ און זיך ווייטער געבויט פאר די קינדער די קארטנהייזלאך׳ וואס זיי האבן געהאט צוווארפן׳ נאכדעם האט ער געמאכט אין שטאט אזא דרוש: דעם אמטמאנס קינדער זיינען שוין אזוי אויך גענוג אויס־געוואקסן אויפן וואלד׳ ווערטהער אבער וועט זיי לגמרי איבערפירן׳

יא׳ טרייער ווילהעלם׳ דאס נאהנטסטע פאר מיין הארץ אויף דער וועלט זיינען די קינדער׳ ווען איך קוק זיך צו צו זיי און כ׳זעה אין די קליינינקע מעשים דעם ניצוץ פון גאר די מדות טובות׳ פון גאר די כחות׳ וואס זיי וועלן אמאל אזוי נויטיג באדארפן; ווען איך דערזעה אין דעם קאפריז שפעטערדיגע שטאנדהאפטיגקייט און שטארקייט פון כאראקטער׳ אין דעם שטיפן דעם גוטן הומאר און לייכטקייט׳ אריבערצושפרינגען די שפעטערדיגע סכנות פון דער וועלט׳ און אלץ אזוי ריין׳ אָן קיין שום מום! — איך חזר דעמאלט איבער שטענדיג׳ שטענדיג די גילדענע רייד פון דעם לערער פון די מענטשן: און אויב איר וועט נישט זיין ווי איינער פון אט די; און זעה׳ מיין טרייער׳ זיי׳ וואס זיינען אונזער גלייכן׳ וואס מיר האבן באדארפט פון זיי לערנען׳ מיט זיי באגייען מיר זיך׳ ווי מיט אונזערע אונטערטעניגע׳ זיי טארן ניט האבן קיין ווילן! — האבן מיר דען ניט קיין ווילן? און וואו איז דא די בכורה? — ווייל מיר זיינען עלטער און קליגער! — הארציגער

פאטער אין הימל! אלטע קינדער זעהסט דו און יונגע, און ווייטער גארנישט; ווער ס'איז אבער דיר נעהנטער און פון וועמען דו האסט מער פריידי, האט שוין דיין שליח לאנג געלאזט הערן. נאר זיי גלויבן אין אים און הערן אים ניט — דאס איז אויך א אלטע מעשה — און דערציען די קינדער נאך זיך נאך און — א גוטן דיר, ווילהעלם! איך וויל מער ניט פלאפלען וועגן דעם.

דעם 1־טן יולי.

וואס לאטע מוז זיין פאר א קראנקן, דאס פיל איך אן מיין אייגן עלנט הארץ, וועמען ס'איז שווערער ווי דעם חולה, וואס ליגט פארשמאכט אויפן קראנקן בעט. זי וועט בלייבן א פאר טעג אין שטאט ביי א חשובער פרוי, וואס, ווי די דאקטוירים זאגן, זי האלט ביים שטארבן; אין אט די לעצטע מאמענטן וויל זי האבן לאטען ארום זיך. פאראכטאגן בין איך מיט איר געװען ביי דעם פאסטאר פון סט־ א ווינקל, וואס ליגט ביי א שעה גאנג פון דאנען, אן א זייט צווישן די בערג. א זייגער פיר זיינען מיר א הין אנגעקומען. לאטע האט מיטגענומען אויך איר צווייטע שוועסטער. בעת מיר זיינען ארויף אויפן פאסטארס הויף, וואס איז געווען באשאטנט פון צוויי הויכע נוס־בוימער, האבן מיר געטראפן דעם בנעימותדיגן אלטינקן זיצנדיג אויף א ביינקל לעבן דער טיר, און, דערזעהענדיג לאטען, איז ער ווי פון דאס ניי אויפגעלעבט געווארן, פארגעסן זיין שטעקן, און א הויב געטאן זיך צו איר אנטקעגן. לאטע איז צוגעלאפן, געגוויט אים א נידער זעצן זיך, און האט זיך אליין אויך געזעצט לעבן אים. זי האט אים געבראכט א גרוס פון איר פאטער, געצערטלט זיין העסליכן שמוציגן אינגסטן אינגעלע, דעם בן־זקונימל זיינעם. דו האסט באדארפט זעהן, ווי זי האט זיך באנומען מיט דעם אלטן, ווי זי האט געזעהן הויבן העכער איר קול, כדי זיינע האלב־טויבע אויערן זאלן דאס קאנען הערן, ווי זי האט אים דערציילט פון יונגע, געזונטע מענטשן, וואס זיינען פלוצלונג געשטארבן, ווי גוט קארלסבאד איז, ווי זי לויבט זיין אנטשלוס,

דעם קומענדיגן זומער צו פארן א הין, ווי זי געפינט, אז ער זעהט אויס א סך בעסער, א סך מונטערער ווי דעם לעצטען מאל, ווען זי האט אים געזעהן, — איך האב זיך דערווייל דורכגעשמועסט מיט דעם פאַסטאָרס פרוי. דער אלטער איז געווארן גאנץ אויפ־געלייגט, און ווייל איך האב נישט געקאנט אויסמיידן ניט צו לויבן די שיינע נוס־בוימער, וואס האבן אונז אזוי גוט באשאטנט, האט ער אונז אנגעהויבן צו דערציילן, כאטש ס'איז אים אנגעקומען א ביסל שווער, די געשיכטע פון זיי. — דעם אלטן, האט ער אנגעהויבן, ווייסן מיר ניט, ווער עס האט אים געפלאנצט; א יש אומרים, אז דער פאַסטאָר, אנדערע, אז יענער, דער אינגערער אבער, וואס דארטן הינטן, איז אין איינע יארן מיט מיין ווייב, אין אקטאבער פופציג יאר. אינדערפרי האט אים איר פאטער פארפלאנצט און זי איז פארנאכט געבארן געווארן, ער איז דא געוועזן פאר מיר פאַסטאָר און ווי טייער דער בוים איז אים געוועזן, לאזט זיך גאר ניט איבערגעבן; מיר איז ער אויך ניט ווייניגער טייער. מיין ווייב איז געזעסן אויף א באלקן אונטער אים און געשטריקט, בעת איך בין נאך אלס ארעמער סטודענט, מיט א יאר זיבן און צוואנציג צוריק, געקומען צום ערשטן מאל אהער אויפן הויף. — לאטע האט געפרעגט, וואו זיין טאכטער איז; מ'האט געענטפערט, אז זי איז אוועק מיט דעם הער שמידט אויפן לאנקע צו די ארבעטער, און דער אלטער האט ווייטער דערציילט, ווי זיין שווער האט אים ליב באקומען און די טאכטער אויך, און ווי ער איז אין אנפאנג געוועזן זיין באהעלפער, דערנאך געווארן דער ממלא מקום. די מעשה איז געוועזן אקארשט פארענדיגט, ווען די טאכטער מיט דעם אזוי גע־רופענעם הער שמידט זיינען אנגעקומען דורכן גארטן; זי האט זיך מיט הארציגער ווארעמקייט באגריסט מיט לאטען, און איך מוז זאגן, אז זי איז מיר גאנץ גוט געפעלן געווארן; א לעבעדיגע, שיין געוואקסענע ברונעטקע, מיט וועלכער מ'וואלט געקאנט גוט פארברענגען א פאר וואכן אויפן לאנד, איר ליבהאבער (ווייל אלס א זעלכער האט זיך הער שמידט גלייך ארויסגעוויזן), א פיינער, נאר א שטילער מענטש, האט ניט געוואלט אריינמישן זיך אין אונזער שמועס, כאטש

לאטע האט אים כסדר ארייַנגעצויגן׳ וואס עס האט מיך אבער מער פאר אלץ געאַרט איז דאס׳ וואס איך האב געזעהן אָן זיין פנים׳ אז ס׳איז מער עקשנות און בייזער קאפריז׳ וואס עס זונדערט אים אפ פון דער געזעלשאפט׳ ווי באגרעניצקייט אין פארשטאנד׳ שפעטער איז דאס טאקע צו בולט ארויסגעקומען: בעת פרידעריקע האט ביים שפאצירן מיט לאטען׳ זיך א מאל דורכגעגאנגען מיט מיר אויך׳ איז געווארן זיין פנים׳ וואס האט אזוי אויך געהאט א ברוינעם קאליר׳ אזוי שטארק פארטונקלט׳ אז לאטע האט באדארפט א שלעפ טאן מיך פארן ארבל׳ און געבן צו פארשטיין׳ אז איך האלט זיך צו נאהנט מיט פרידעריקען׳ און אט פארדריסט מיר קיין זאך ניט מער׳ ווי אז מענטשן פלאגן איינער דעם אנדערן׳ דער עיקר אבער׳ ווען יונגע לייט׳ בעת דאס לעבן האלט אין איין בליהען׳ און זיי וואלטן געקאנט אָפן אויפנעמען יעדע פרייד׳ פארסמען איינער דעם אנדערן די פאר שיינע טעג מיט משונהדיגע העויות; ערשט שפעט כאפן זיי זיך אויף דעם׳ וואס מ׳האט אויסגעבראכט׳ און מ׳קאן צוריק נישט באקומען׳ דאס האט מיך געעגבערט׳ און איך האב זיך נישט געקאנט איינהאלטן׳ ווען מיר האבן זיך פארנאכט צוריקגעקערט אויפן הויף און מיר האבן ביי א טיש געטרונקען מילך׳ און דער שמועס איז ארויף אויף פרייד און לייד פון דער וועלט׳ אז איך זאל זיך ניט ארייַנמישן און ריידן מיט הארץ קעגן מרה שחורה׳ מיר מענטשן׳ האב איך אנגעהויבן׳ באקלאגן זיך אפט׳ וואס די גוטע צייט איז אזוי קורץ׳ די שלעכטע׳ ווידער׳ אן א ברעג׳ און ווי מיר דוכט׳ איז עס דאס רוב אומגערעכט׳ ווען מיר וואלטן געהאט שטענדיק א אפן הארץ אויף אויפצונעמען דאס גוטע׳ וואס דער בורא שיקט אונז פאר יעדן טאג׳ דעמאלט וואלטן מיר געהאט אויך גענוג כח אויף איבערטראגן די צרות׳ ווען זיי קומען׳ — דער געמיט אבער איז ניט אין אונזער רשות׳ האט די׳ פאסטארן זיך אנגערופן: וויפיל הייַנגט אפ פון דעם קערפער! ווען איינער פילט זיך ניט מיט אלעמען׳ איז אים שוין אומעטום ניט גוט׳ — איך בין מסכים געווען׳ — לאמיר׳ אלזא׳ האב איך געזאגט׳ באטראכטן דאס ווי א קראנקייט און זעהן׳ אויב ס׳איז נישטא דערצו קיין רפואה?׳ — דאס לאזט זיך הערן׳ האט לאטע

געזאגט: איך ווענינגסטנס גלויב, אז א סך הענגט אפּ אן אונז. איך ווייס דאס אן זיך גופא, ווען עס פאַרדריסט מיר עפּעס און עס הויבט מיך אן צו באטריבן, כאפּ איך זיך אויף און גיי זיך דורך אין גאָרטן און זינג א פּאָר קאַנטערטענץ, און תּיכף איז עס פאַרביי, — דאָס איז עס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, האָב איך געענטפערט; מיט דעם באטריבטן געמיט איז גראָד ווי מיט דער אפּגעלאָזנקייט, ווארים דאָס איז אויך א מין אפּגעלאָזנקייט. אונזער נאַטור איז זייער נוטה דערצו, און פאָרט ווען מיר האָבן נאָר איינמאָל כּח צו שטאַרקן זיך, פּליט אונז די אַרבעט לעבעדיג פון דער האַנט, און דערין געפינען מיר א אמתן תּענוג. — פרידעריקע האָט זיך שטאַרק צוגעהערט און דער יונגער מאַן האָט זיך אַנגערופן, אז מ׳האָט ניט קיין כּח איבער זיך אַליין, און ווייניגער נאָך קאָן מען הערשן איבער די געפילן. — דאָ רעדט זיך פון א געפיל, וואָס איז ניט קיין אַנגענעמער׳האָב איך געענטפערט׳פון וועלכן יעדערער וואָלט גערן געוואָלט באפרייט ווערן, און קיינער ווייס נישט, ווי ווייט עס דערגרייכן זיינע כּחות, ביז ער האָט זיי נישט אויסגעפּרובט. געוויס, ווער ס׳איז קראַנק וועט זיך נאָכפרעגן ביי אַלע דאָקטוירים, וועט זיך ניט אפּשטעלן פאַר די האַרבסטע אזהרות און די ביטערסטע רפואות, כּדי נאָר צו דערהאַלטן דעם טייערן געזונט. — איך האָב באַמערקט, אז דער ליבער זקן לייגט צו זיין אויער, כּדי צו קאָנען הערן אונזער ויכּוח; איך האָב אַנגעהויבן העכער צו רעדן, ווענדנדיג זיך צו אים. — מ׳דרשנט קעגן אַזוי פיל זינד, האָב איך געזאָגט; איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל נישט געהערט, מ׳זאָל עפּעס זאָגן פון בימה קעגן מרה שחורה. — דאָס איז אַנ׳אַרבעט פאַר די פּאַסאַטערס פון שטאָט, האָט ער געזאָגט; די דאָרפישע ווייסן ניט פון קיין מרה שחורות; פונדעסטוועגן וואָלט דאָס א מאָל אויך ניט געשאַדט; ס׳וואָלט געווען א מוסר פאַר דער ווייב און פאַר דעם הער אַמטמאַן, — דער עולם האָט געלאַכט, און ער דאָס אייגענע. ער האָט זיך פאַרהוסט, און דאָס האָט איבערגעריסן אויף א היבשע ווילע אונזער ויכּוח. דער יונגער מאַן האָט זיך אַנגערופן געדופן, — איר האָט געזאָגט, אז מרה שחורה איז א זינד; מיר

דוכט, דאס איז א גוזמא, — הויבט זיך ניט אן, האב איך געענטפערט, אז דאס, מיט וואס מ'שעדיגט זיך און דעם צווייטן פארדינט דעם נאמען, איז דען ווייניג וואס מיר קאנען איינער דעם אנדערן נישט גליקליך מאכן? מוזן מיר נאך איינער ביים אנדערן רויבן די פרייד, וואס יעדעס הארץ קאן זיך נאך א מאל אליין פארשאפן? און רופט מיר אן דעם מענטשן, וואס לייט פון מרה־שחורה און איז דערביי אזוי העלדיש, צו באהאלטן זי, אליין זי צו טראגן, ניט צושטערנדיג די פרייד פון ארום זיך? און איז דאס נישט פיל גיכער א אינווייניגסטע אומצופרידנקייט קעגן אונזער אייגענער אומווערדיגקייט, א באטריבטקייט קעגן זיך גופא, וואס איז תמיד פארבונדן מיט קנאה, וואס ווערט אויפגערייצט דורך נארישע גאוה! מיר זעהען גליקליכע מענטשן, וועלכע מיר מאכן נישט גליקליך, און דאס איז נישט איבערצוטראגן, — לאטע האט א שמייכל געטאן, ווייל זי האט געזעהן מיט וויפל הארץ איך האב גערעדט, און א טרער אין פרידעריקעס אויגן האט מיך נאך מער אויפגעמונטערט ווייטער צו רעדן, — וויי איז יענעם, האב איך געזאגט, ווער עס נוצט אויס דעם כח, וואס ער האט איבער א צווייטנס הארץ, און גזלט פון אים אוועק די פשוטע פרייד, וואס עס שפראצט ארויס פון אים אליין! אלע מתנות, אלע טובות פון דער וועלט וועגן נישט אזוי פיל ווי א רגע פרייד, וואס עס פארביטערט אונז די קנאה פון אונזער מרה־שחורהדיגן טיראן.

מיין גאנצע הארץ איז געווען פול אין אט דעם אויגנבליק; זכרונות פון אזוי פיל פארגאנגענעס האבן זיך געשפארט אין מיין נשמה, און אין די אויגן האבן זיך טרערן געשטעלט.

יעדערער דארף זיך דאס איבערחזרן יעדן טאג, האב איך אויסגערופן: דו האסט קיין אנדער רעכט ניט אויף דיינע פריינד, ווי נאר זייער פרייד זיי צו לאזן און זייער גליק צו פארמערן, דורך דעם וואס דו געניסט עס מיט זיי. ביזטו דען אימשטאנד, ווען דער תוך פון זייער נשמה ווערט געפייניגט פון א אימהדיגער ליידנשאפט, ווערט צעריסן פון צער, צו געבן זיי א טראפן לינדערונג?

און ווען, די לעצטע, שווערסטע קראנקייט באפאלט דעם ווזן וועלכן דו האסט אונטערגעגראבן אין די בליהענדיגע יארן, און אצונד ליגט זי אין עלנטן צאנקען, די אויגן פארגליווערט געווענדט צום הימל, טראפנס טויטן שווייס בייטן אויס איינע די אנדערע אויף דעם בלייכן שטערן, און דו שטייסט פארן בעט, ווי א פארשאלטענער, אין דעם טיפסטן געפיל, אז דו פארמאגסט גארנישט מיט דיין גאנצער עשירות, און די מורא קראמפט דיך אינווייניג, אז דו וואלסט אלץ געוואלט מקריב זיין, כדי צו קאנען דעם גוססדיגן ווזן אריינגעבן א טראפן שטארקונג, א פונק מוט.

דאס דערמאנען זיך פון אזא סצענע, ביי וועלכע איך בין ביי־געוועזן, איז מיך באפאלן מיט דעם גאנצן כח. איך האב גענומען דאס טאשנטיכל צו די אויגן, און נאר לאטעס שטים, וואס האט מיך גערופן: לאָמיר גיין, האט מיך געבראכט צו זיך. און ווי זי האט זיך געביי‍זערט אויף מיר אויפן וועג, וואס איך נעם זיך אלץ שטארק צום הארצן, און אז איך וועל צוליב דעם פארפאלן ווערן! אז איך דארף זיך היטן! — אָ דער מלאך! צוליב דיינטוועגן מוז איך לעבן!

דעם 6־טן יולי.

זי איז שטענדיג לעבן איר פריינדן, וואס האלט ביים שטארבן, און איז תמיד דער זעלביקער, דער ליבער מענטש, וואס וואו זי גיט א קוק לינדערט זי פיין, און שאפט גליקליכע. נעכטן אין אוונט איז זי מיט מאַריאַנען און דער קליינער מיילכען געגאנגען שפאצירן; איך האב געוואוסט פריער דערפון, און כ׳האב זיי אנגעטראפן, און מיר זיינען אינאיינעם געגאנגען. נאך א וועג פון אנדערהאלבן שעה זיינען מיר געקומען צו דער שטאט צו, צו דעם ברונען, וואס איז מיר אזוי טייער, און איצט נאך טויזנט מאל טייערער. לאטע האט זיך ארויפגעזעצט אויפן ווענטל און מיר זיינען געשטאנען לעבן איר. איך האב זיך ארומגעקוקט, אַך! און די צייט, ווען מיין הארץ איז אזוי איינזאם גע־ווען, האט ווידער אויפגעלעבט פאר מיר. — ליבער ברונען, האב

איך געזאגט, פון דעמאלט אָן האב איך ניט גערוהט אין דיין קילקייט, אפט איילנדיגערהייט פארבייגעלאָפן און נישט אנגעזעהן דיך. — איך האב א קוק געטאן אויף אראפּ און דערזעהן, ווי מיילכען קלעטערט ארויף מיט א גלאז וואסער אין האנט. איך האב אנגעקוקט לאטען, און איך האב געפילט אלץ, וואס איך האב אין איר. דערווייל קומט מיילכען מיט דעם גלאז. מאריאנע האט געוואלט ביי איר אוועקנע־מען: ניין! האט דאס קינד אויסגערופן מיט א ליבסטן קולכעלע. ניין! לאטכען, דו דארפסט צוערשט טרינקען! — איך בין פון דער תמימות און הארציגקייט, ווי דאס קינד האט דאס ארויסגערעדט, אזוי נתפעל געווארן, אז איך האב אנדערש ניט געקאָנט אויסדריקן מיין געפיל, ווי אויפהייבן דאס קינד פון דער ערד און אזוי הארציג קושן אים, אז עס האט גלייך אנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען. — איר האט עס נישט גוט געטאן, האט לאטע געזאגט. — איך האב זיך געפילט שולדיג. — קום, מיילכען, האט זי צוגעגעבן, נעמענדיג דאס קינד פארן הענטל, און אראפּגעפירט פון די טרעפּ. דא וואש זיך פון דעם פרישן קוואל, גיכער, גיכער! וועט דאס אראפּ. —

און איך בין אזוי געשטאנען און צוגעזעהן, מיט וואס פאר א התמדה דאס קינד האט געריבן מיט די נאסע הענטלאך די באקן, מיט וואס פאר א גלויבן, אז דורך דעם וואונדערקוואל וועט ווערן אפּגעוואשן די גאנצע טומאה, אז עס וועט ווערן אפּגעטאן די שאנד פו צו קריגן א מיאוסע באָרד, ווי דאס קינד האט נאך אלץ געוואשן, אפילו בעת לאָטע האט געזאגט: שוין גענוג! עפּעס ווי וואס מער, איז אלץ בעסער — איך זאג דיר ווילהעלם, מיט קיין גרעסערן יראת הכבוד בין איך ניט ביי געווען ביי קיין טויפ־סצענע, און אז לאָטע איז ארויף, וואלט איך געוועז גרייט א ווארף טאָן זיך פאר איר, ווי פאר א נביא, וואס האט געבעטן פאר די זינד פון א פאלק.

אויפדערנאכט האב איך, אין דער פרייד פון מיין הארץ, ניט געקאנט אויסמיידן ניט צו דערציילן די מעשה פאר א מאן, אין וועמען איך גערעכנט צו געפינען מענטשן־געפיל, ווייל ער איז א מענטש מיט שכל; וואס פאר א פסק האב איך אבער געהאט! ס'איז געוועז ניט גוט פון לאָטען, האט ער געזאגט. מ'טאר דאס ניט איינפלאנצן אין

די קינדער; דאס איז א וועג צו א סך טעותן און אבערגלויבן, פון וואס מ׳מוז פון יוגנט אָן אפהיטן די קינדער. — דא האב איך זיך דערמאנט, אז מיט אנ׳אכטאג צוריק האט ער געטויפט זיינס א קינד; דעריבער האב איך דאס געלאזן, אין בין געבליבן טיף אין הארצן טריי דעם אמת: מיר דארפן זיך באגיין מיט די קינדער, ווי גאט מיט אונז, וואס מאכט אונז פאר די גליקליכסטע, ווען ער לאזט אונז ארומשוועבן אין זיסע חלומות.

דעם 8־טן יולי.

וואס איז מען פאר א קינד! ווי מ׳לעכצט נאך אזא בליק! וואס איז מען פאר א קינד! — מיר זיינען געגאנגען קיין וואַלהיים. די דאמען זיינען געפארן, און אין דער צייט פון אונזער שפאצירן האב איך געגלויבט אין לאָטעס שווארצע אויגן — איך בין א נאר, זיי דאס מיר מוחל; ווואלסט זיי באדארפט זעהן, אט די אויגן! — איך מאך דאס בקיצור (ווארים די אויגן פארהיינגען זיך פון שלאָף). הער, די דאמען שטייגן ארייין; לעבן דעם פורל זיינען גע־שטאנען דער יונגער וו.. זעלשטאט, אאודראן און איך, דורך די טירל פון דער דראשקע האט מען געפלוידערט מיט די יונגע לייטלאך, וואס זיינען געווען, אמת גערעדט, גענוג לייכט און ווינטיג. — איך האב לאָטעס אויגן געזוכט; אך! זיי האבן זיך באוועגט פון איינעם אויפן צווייטן! אבער מיך! מיך! מיך, וואס איז געשטאנען דא אינ־גאנצן איבערגעגעבן צו זיי, האבן זיי נישט געזעהן! מיין הארץ האט איר צוגעשיקט טויזנט מאל זיי־געזונט! און זי האט מיך נישט געזעהן! דאס פורל איז אדורך, און א טרער האט זיך מיר געשטעלט אין אויג. איך האב איר נאכגעקוקט, כ׳האב געזעהן לאטעס קאפ־שלייער ארויסבייגן זיך פון טירל, און זי האט זיך א קער געגעבן א קוק צו טאן — אך! אויף מיר? טרייער! אין אט דער ספקת שוועב איך; דאס איז מיין טרייסט: אפשר האט זי זיך אויף מיר אומגע־קוקט! אפשר! — א גוטע נאכט! אָ, וואס בין איך פאר א קינד!

דעם 10־טן יולי׳

האסט באדארפט זעהן די תמעוואטע מינע׳ וואס איך מאך׳ ווען מ׳רעדט פון איר צווישן א עולם און מ׳פרעגט מיך גאר׳ ווי זי געפעלט מיר? — געפעלט! ווי דעם טויט האָס איך דאס ווארט׳ וואס מוז דאס זיין פאר א מענטש׳ וועמען לאָטע געפעלט׳ און ביי וועמען זי פילט נישט אויס אלע חושים און געפילן! געפעלט! אנומלט האט מיך איינער געפרעגט׳ ווי אָססיאן געפעלט מיר!

דעם 11־טן יולי׳

פרוי מ׳ איז שטארק קראנק; איך בין מתפלל פאר איר לעבן׳ ווייל איך לייד אינאיינעם מיט לאָטען׳ איך טרעף זי זעלטן ביי מיין פריינדן׳ און היינט האט זי מיר דערציילט א חידושליכע מעשה׳ — דער אלטער מ׳ איז א קארגער און א מוראדיגער קמצן׳ וואס האט אויפן לעבן ניט ווייניג געפלאגט זיין ווייב און געהאלטן זי אין דחקות; פונדעסטוועגן האט זי געהאוסט׳ ווי דורכצוהעלפן זיך׳ פאר עטליכע טעג׳ ווען דער דאקטאר האט איר אפגעזאגט דאס לעבן׳ האט זי געהייסן רופן איר מאן צו זיך (לאָטע איז דעמאלט געווען אין צימער)׳ און האט צו אים אזוי געזאגט: איך מוז דיר מודה זיין א זאך׳ וואס וואלט געקאנט אנמאכן נאך מיין טויט א פלאנטער און עגמת נפש׳ ביז איצט האב איך געפירט די שטוביגע הוצאות אזוי רעכטפארטיג און שפארעוודיג׳ ווי ס׳איז נאר מעגליך געווען: דו וועסט מיר אבער מוחל זיין׳ וואס די גאנצע דרייסיג יאר האב איך דיך אפגענארט׳ באלד נאך אונזער חתונה האסטו אוועקגעשטעלט א קליינעם סכום אויף אויסצוהאלטן די קיך און אלע אנדערע שטוביגע הוצאות׳ דערנאך׳ אז די הצטרכותן זיינען גרעסער געווארן׳ דאס געשעפט אויך׳ האב איך ניט געקאנט פועלן ביי דיר׳ צו העכערן מיין וואכןגעלט לויט די הוצאות נאך; א קיצור׳ דו ווייסט׳ אז בעת די הוצאות זיינען געווען די גרעסטע׳ האסטו פארלאנגט׳ אז איך זאל אויסקומען מיט זיבן גילדן א וואך׳ ניט זאגנדיג קיין ווארט׳ פלעג איך דאס נעמען און דאס איבעריגע דערלייגן יעדע וואך פון דעם פדיון׳

מחמת קיינער האט ניט חשד געווען, אז דאס ווייב באגנבעט די קאסע. איך בין ניט געווען קיין אויסבערענגערקע און איך וואלט נאך איצטער אויך, ניט מודה זייענדיג, אוועק מיט א ריינער נשמה אויפן עולם האמת, ווען נישט די, וואס וועט קומען אויף מיין ארט און פירן די בעל־הבתישקייט. וואלט נישט געוואוסט ווי ארויסצוהעלפן זיך, און דו וואלסט נאך אויביג געקאנט טענה'ן: דיין ערשט ווייב איז מיט דעם אויך אויסגעקומען.

איך האב גערעדט מיט לאטען וועגן דער פארבלענדעניש פון דעם מענטשנס שכל, וואס איז גארניט צו גלויבן, אז איינער איז אפילו ניט חשד, אז עפעס אנדערש מוז זיין אין דעם, ווען איינער קומט אויס מיט זיבן גילדן דארטן, וואו מ'זעהט בחוש די הוצאה אפשר צוויי מאל אזוי פיל. נאר איך גופא האב געקענט מענטשן, וואס וואלטן דעם נביאס אויביגן קריגל אייל אָן א שום חידוש ארייגענומען אין זייער שטוב.

דעם 13־טן יולי.

ניין, איך נאַר זיך נישט! איך לייען אין אירע שווארצע אויגן אמתן מיטפילן מיט מיר און מיט מיין גורל. יא, איך פיל, און אין דעם קאן איך גלויבן מיין הארץ, אז זי — א, טאָר איך, קאן איך אויסריידן דעם הימל אין די ווערטער? — אז זי האט מיך ליב!

האט מיך ליב! — און ווי טייער איך ווער זיך אליין, ווי איך — פאר דיר קאן איך דאס זאגן, דו האסט א חוש פאר דעם — ווי איך אכפער זיך אליין, זינט זי האט מיך ליב!

איז דאס העזה אדער געפיל פון דעם אמתן יש? — איך קען נישט דעם מענטשן, צוליב וועמען איך זאל מורא האבן פאר לאטעס הארץ, און פארט — בעת זי רעדט פון איר חתן, רעדט פון אים מיט אזא ווארימקייט, אזא ליבשאפט — איז מיר ווי יענעם, וואס האט פארלארן זיין גאנצן כבוד און שם, און ביי וועמען עס ווערט נאך דער שווערד אוועקגענומען.

דעם 16־טן יולי

אך ווי עס לויפט דורך דורך אלע אָדערן, ווען פלוצלונג רירט זיך אן מיינער א פינגער אָן אירן, ווען אונזערע פיס באגעגע־נען זיך אונטערן טיש! ווי פון פייער טו איך זיי א צי צוריק, און א פארבארגענער כח שלעפּט מיך ווידער צו — עס הייבט מיר אן אזוי צו שווינדלען אין אלע חושים! — א! און איר צניעות, איר פרייע נשמה פילט ניט, ווי עס פייניגן מיך אט די קליינע היימישקייטן. ווען גאר אמאל ביים רעדן לייגט זי ארויף איר האנט אויף מיינער, און צוליב דעם שמועס רוקט זי זיך צו נעהנטער צו מיר, אזוי, אז דער הימלישער אטעם פון איר מויל דערגרייכט מיינע ליפּן — עס דאכט זיך מיר, אז איך פארזינק, ווי פון א דונער געטראָפן, — ווילהעלם! ווען איך וועל אמאל דערוועגן זיך, אט דעם הימל, אט דעם צוטרוי, — דו פארשטייסט מיך, ניין! נאך איז נישט אזוי פארדארבן מיין הארץ! אמת, שוואך! גענוג שוואך! — און איז דאס גופא נישט קיין פארדארבנקייט?

זי איז מיר הייליג. אין איר בייזיין שווייגט יעדע תאוה. איך ווייס קיינמאל נישט, ווי ס׳איז מיר, ווען איך בין ביי איר; ס׳איז מיר ווי די נשמה וואלט אין אלע אברים זיך געביטן. — זי האט א מעלאדיע, וואס זי שפּילט אויפן קלאוויר מיט דער קראפט פון א מלאך, אזוי פשוט און מיט אזוי פיל גייסט! דאָס איז איר הארצליד און מיך שטעלט עס אויף פון איטליכער פּיין, פלאנטער און קאפּריזן, ווען זי רירט נאר אן די ערשטע נאטע.

קיין איינציג ווארט פון דעם אלטן כּישופדיגן כח פון דער מוזיק איז פאר מיר א גוזמא. ווי עס נעמט מיך דורך דער פּשוטער געזאנג! און ווי זי ווייס, ווען צו קומען דערמיט, אפט אין א צייט, ווען איך וואלט זיך מיט א קויל אין קאפּ געשאסן! — דער ווירוואר און די פינסטערניש פון מיין נשמה צעשפּרייט זיך, און איך עטעם פרייער אפ פונדאסניי.

דעם 18־טן יולי.

ווילהעלם, וואס איז פאר אונזער הארץ די וועלט אָן ליבע! וואס איז א כישוף־לאמטערן אן ליכט! קוים שטעלסטו אריין דאס לעמפל, אזוי שייגען אויף פארשיידנפארביגע בילדער אויף דיין ווייסער וואנט. און ווען עס וואלט אפילו געווען נישט מער ווי דאס, ווי א דורכשוועבנדיגער פאנטאָם איז עס פארט אונזער גליק, ווען מיר שטייען פאר דעם, ווי מונטערע אינגלאך, און פרייען זיך פון די וואונדערבילדער. היינט האב איך נישט געקאנט גיין צו לאטען; א געזעלשאפט, פון וועלכער איך האב מיך ניט געקאנט אפזאגן, האט מיך פארהאלטן. וואס האב איך געדארפט טאן? איך האב גע־שיקט צו איר מיין דינער, כדי צו האבן כאטש א מענטשן לעבן זיך, וואס איז היינט געווען נאהנט ארום איר. מיט וואס פאר א בייגקעניש איך האב אויף אים ארויסגעקוקט, מיט וואס פאר א פרייד איך האב אים באגעגנט! איך וואלט אים געגרן אָנגענומען ביים קאפ און געקושט, ווען איך וואלט זיך ניט געשעמט.

מ'דערציילט פונ'ם באנאנישן שטיין, אז בעת ער ליגט אויף דער זון, זאפט ער איין אין זיך די שטראלן, און ביינאכט לייכט ער א ווײַלע. אזוי איז מיר אויסגעקומען מיט דעם דינער. דאס געפיל, אז אירע אויגן האבן גערוהט אויף זיין פנים, אויף זיינע באקן, אויף די קנעפלאך און קראגן פון זיין מלבוש, האט מיר געמאכט דאס אלץ אזוי הייליג, אזוי טייער! אין דער רגע וואלט איך אים פאר כל הון דעלמא ניט אוועקגעגעבן. ס'איז מיר געווען אזוי גוט לעבן אים. — גאט זאל דיך היטן צו לאכן דערפון! ווילהעלם, זיינען דאס פאַנטאָמען, ווען ס'איז אונז גוט?

דעם 19־טן יולי.

איך וועל זי זעהן! דאס זאג איך יעדן אינדערפרי, בעת איך כאפ זיך אויף, און כ'קוק מיט דער גרעסטער שמחה אויף דער שיינער זון; איך וועל זי זעהן! און איך האב שוין קיין אנדער

פארלאנג ניט אויפן גאנצן טאג. אלץ, אלץ רינגלט זיך ארום דער דאזיגער האפענונג.

דעם 20־טן יולי.

אייער פלאן, איך זאל אוועק מיט דעם געזאנדטן קיין... וויל נאך נישט אריין אין מיין מח. איך פארטראג נישט די אונטער־טעניקייט, און מיר ווייסן אלע, אז אט דער מענטש איז נאך דערצו א מיאוסע בריאה. דו זאגסט, אז די מאמע וואלט מיך גערן וועלן זעהן, ווי איך טו עפעס; דאס האט ביי מיר ארויסגערופן א שמייכל. טו איך דען איצט אויך נישט? און איז דען אייך א נפקא מינה, אויב איך צייל ארבעס אדער לינזען? אלץ אויף דער וועלט גייט דאך צו נארישקייט, און יענער איז תמיד א שוטה, וואס מאטערט זיך אפ לשם געלט, כבוד אדער אזוי עפעס צוליב אנדערע וועגן, נישט צוליב זיין אייגענעם באגער, זיין אייגענער באדערפעניש.

דעם 24־טן יולי.

ווייל דו גארסט אזוי, אז איך זאל ניט פארלאזן דאס צייכענען, וואלט איך בעסער וועלן די גאנצע זאך פארשוויגן, איידער זאגן דיר, אז פון דעמאלט אן איז ווייניג וואס געטאן געווארן.

איך בין נאך קיינמאל נישט געווען גליקליכער, קיינמאל איז נאך ניט געווען מיין פילן די נאטור ביז דאס קלענסטע שטיינדעלע, דאס נידעריגסטע גרעזעלע פולער און טיפער; און פארט — איך ווייס נישט, ווי איך זאל דאס ארויסזאגן — איז מיין כח הדמיון אזוי שוואך, אלץ שווימט און וואקלט זיך אזוי פאר מיין נשמה, אז איך קאן נישט כאפן קיין פעסטן פודים; נאר איך רעד זיך איין, ווען איך וואלט האבן ליים אדער וואקס, וואלט איך שוין עפעס יא ארויסגעבראכט. איך וועל טאקע נעמען ליים, אויב עס וועט נאך דויערן לייננגער, און וועל קנעטן — און עס מעגן אפילו קיכעלאך ווערן דערפון!

לאטעס פארטרעט האב איך דריי מאל אנגעהויבן, און דריי מאל אוועקגעלייגט; וואס עס פארדריסט מיר אבער מער פאר אלץ, ווייל ניט לאנג האב איך געקאנט זעער גוט טרעפן. דערנאך האב איך געצייכנט איר סילועט און מיט דעם דארף איך זיך באנוגענען.

דעם 25־טן יולי.

יאָ, ליבע לאטע, איך וועל אלץ באזארגן און איבערגעבן נאר מער שליחותן גיט, אבער זעער אפטער! איין בקשה האב איך צו אייך: שיט נישט מער קיין זאמד אויף די צעטעלאך, וואס איר שיקט מיר. היינט האב איך עס גיך צוגעכאפט צו די ליפן און די ציינער האבן אנגעהויבן קנאקן.

דעם 26־טן יולי.

שוין ניט איינמאל האב איך זיך פארגענומען ניט זעהן זי אזוי אפט. יאָ, ווער קאן דאס אבער אויסהאלטן! יעדן טאג האלט איך נישט אויס דעם נסיון און גיב זיך א הייליגע שבועה: מארגן זאלסטו ניט קומען. און בעת דער מארגן קומט געפין איך ווייטער א שטארקן תירוץ, און איידער איך קוק זיך ארום, בין איך ביי איר. אדער זיך געזעגענענדיג פארנאכט, זאגט זי: איר קומט דאך מארגן? — ווער וואלט דא געקאנט ניט קומען? אדער זי גיט מיר א שליחות, און איך געפין פאר געשיקטער, אליין ברענגען די תשובה; אדער דער טאג איז צו שיין, איך גיי קיין וואלהיים און אז איך בין שוין דארטן, איז דאך נאר א האלבע שעה צו איר! — איך בין צו נאהנט אין דער סביבה — א צי! און איך בין שוין דארטן. מיין באבע האט געהאט א מעשהלע מיט א מאגנעטנבארג: פון די שיפן, וואס פלעגן זיך דערנעהנטערן צו אים, פלעגט ווערן פלוצלונג ארויסגעריסן גאר די אייזנס, און די טשוועקעס פלעגן צופליען צום בארג, און די אומגליקליכע נעבאך פלעגן אומקומען צווישן די איינפאלנדיגע ברעטער.

דעם 30־טן יולי.

אלבערט איז אנגעקומען, און איך װעל אװעק, און װאלט ער אפילו געװען דער בעסטער, דער איידלסטער מענטש, אונטער װעמען איך װאלט אין יעדן פרט גרייט געװען נידעריגער צו שטעלן זיך, װאלט דאס פארט געװען ניט צו דערטראגן, צו זעהן אים פאר זיך אלס באזיצער פון אזא עשירות! באזיצער! גענוג, װילהעלם, דער חתן איז דא! א װאוילער, ליבער מענטש, צו װעמען מ׳מוז זיין גוט. צום גליק בין איך נישט געװען בא דער באגעגעניש. דאס װאלט מיין הארץ צעריסן. ער איז טאקע אזוי ערליך און האט נאך קיין איין מאל נישט געקושט זי אין מיין בייזיין. זאל אים דער אויבערשטער דערפאר באצאלן! צוליב דעם דרך ארץ, װאס ער האט פאר איר, מוז איך אים ליב האבן. ער האט מיך ליב, און איך בין משער, אז דאס איז מער לאטעס עובדא איידער זיין אייגן געפיל; װארים אין דעם פרט זיינען די פרויען פיין און זיינען גערעכט: װען זיי קאנען צװיי פארערער האלטן אין אחדות, איז דער געװינס תמיד אויף זייער זייט, חי׳ װעלטן דאס זאל ניט פארקומען.

און דאך קאן איך אלבערטן נישט אפזאגן מיין אכטונג צו אים. זיין רוהיגער באנעמען זיך שיידט זיך אזוי בולט אפ פון דער אומרוהיגקייט פון מיין כאראקטער, װאס ס׳לאזט זיך נישט באהאלטן. ער האט א סך געפיל און װייס, װאס ער האט אין לאטען. עס זעהט אויס, אז ערליידט ניט פון קיין שלעכטער לוינע, און דו װייסט, אז דאס איז די זינד, װעלכע איך האס מער ביים מענטשן איידער יעדע אנדערע.

מיך האלט ער פאר א מענטשן מיט שכל; און מיין צו־געבונדנקייט צו לאטען, מיין װארעמע פרייד, װאס איך האב פון אלע אירע מעשים, פארמערט נאך זיין שמחה, און ער האט זי נאך שטארקער ליב. אויב ער פייניגט זי נישט א מאל מיט װערטעלאך פון אייפערזוכט, דאס װייס איך נישט; איך, לכל הפחות, װאלט אויף זיין ארט ניט געבליבן אינגאנצן פריי פון אט דעם שטן.

אזוי צי אזוי, מיט מיין פרייד, ביי לאטען צו זיין, איז שוין

נאך אלעמען· זאל איך דאס רופן שטותעריי אדער פארבלענ־דעניש? — צו וואס באדארף מען נעמען! די זאך רעדט פאר זיך אליין! — איך האב געוואוסט אלץ· וואס איך ווייס אצונד· איידער אלבערט איז געקומען; איך האב געוואוסט· אז איך טאר ניט האבן קיין תביעות אויף איר· און האב אויך נישט געהאט — דאס הייסט· ווי ווייט ס׳איז מעגליך בנוגע א מענטשן· וואס איז אזוי ווערט מ׳זאל אים ליב האבן· נישט צו גלוסטן — און איצט שטייט דער תם מיט אויס־געגלאצטע אויגן· ווען דער צווייטער קומט באמת און נעמט ביי אים דאס מיידל אוועק·

איך בייס א צאָן אויף א צאָן· און איך לאך פון מיין עלנט· און לאך כפלים פון יענע· וואס וואלטן געקאנט זאגן· אז איך זאל זיך מיאש זיין· ווייל אנדערש האט עס נישט געקאנט זיין· — נעמט אחעק פון מיר די פראים! — איך לויף ארום איבער די וועלדער· און ווען איך קום צו לאטען און אלבערט זיצט ביי איר אין גערטענדל אונטער דעם זומער־ביידל· און איך קאן נישט ווייטער· ווער איך אזוי נאריש צולאזן· און הויב אן מאכן משונה־ווילדע מינעס און העויות· — ווי גאט איז אייך· ליב האט לאטע צו מיר היינט געזאגט· איך בעט אייך· מאכט ניט אזא סצענע· ווי נעכטן אין אוונט! איר זייט שרעקליך· ווען איר ווערט אזוי לוסטיג· — צווישן אונז זאל דאס בלייבן· איך היט אפּ די צייט· בעת ער איז פארנומען — האָפּ! איך בין דארטן· און דעמאלט איז מיר תמיד גוט· ווען איך טרעף זי אליין·

## דעם 8־טן אוגוסט·

איך בעט דיך· טרייער ווילהעלם· כ׳האב זיכער ניט געמיינט דיך· ווען איך האב אומדערטרעגליך בארעדט יענע מענטשן· וואס פאדערן פון אונז אונטערוואַרפן זיך דעם גורל· וועלכן מ׳קאן נישט אויסמיידן· איך האב באמת ניט גערעכנט· אז דו קאנסט אויך אזוי טראכטן· און אין גרונט ביזטו גערעכט· נאר איין זאך· מיין טייערסטער! זעער זעלטן נוצט אין לעבן דער „ממה־נפשך״; די

געפילן און מעשים שיידן זיך אפּ אזוי שטארק, ווי שטארק ס׳איז דער חילוק צווישן א הויקערדיגער און פלאטשיגער נאז.

ווערסט אויף אזא אופן נישט פאראיבל האבן, ווען איך וועל לאזן אן א זייט דיינע אלע טעמים, און כ׳וועל זיך פארט פּרובן א דורכגנבענען דורך דעם „ממה־נפשך”.

ממה־נפשך, זאגסטו, אדער דו האסט האפענונג אויף לאטען, אדער דו האסט נישט קיין האפענונג. גוט! אויב יאָ, זעה זי צו פארווירקליכן, זעה צו דערפילן דיינע פארלאנגען, אויב ניט, שטארק זיך און זעה באפרייט צו ווערן פון א נאגנדיגן געפיל, וואס מוז אויס־זויגן גאר דיינע כחות! — טייערסטער! ס׳איז גוט געזאגט, און — גרינג געזאגט.

און קאנסטו פארלאנגען פון דעם אומגליקליכן, וועמעס לעבן עס שטארבט אפּ כסדר פון א פארצערנדיגער קראנקייט, קאנסטו פון אים פארלאנגען, אז ער זאל מיט איין שטאך פון א מעסער מאכן א סוף צו אלע זיינע ענויים? און גזלט דען נישט אוועק די קראנקייט, וואס זויגט פון אים ארויס די כחות, צו דער אייגענער צייט אויך דעם מוט, אויף צו באפרייען זיך דערפון?

וואלסט מיר אפשר געקאנט ענטפערן מיט א גלייכן משל: ווער וואלט נישט געלאזן בעסער אפּשניידן זיך א האנט, איידער דורך אפלייגן און קווינקלען צו שטעלן דעם גאנצן לעבן אין קאן? — איך ווייס נישט! — און לאמיר זיך נישט אמפערן מיט קיין משלים, גענוג — יא, ווילהעלם, אפטמאל שפיר איך א רגע א אויפכאפנדיגן און פון אלץ זיך אפטרייסלענדיגן כח, און דעמאלט — ווען איך וואלט נאר געוואוסט וואוהין? איך וואלט אוועק.

אינאווונט.

היינט איז מיר פון דאס ניי ארייגעפאלן מיין טאָגבוך אין האנט, וועלכן איך האב שוין פון א היבשער צייט פארלאזן, און איך חידוש זיך, ווי איך בין בכיוון, טראט פאר טראט, דערגאנגען דערצו; ווי איך האב תמיד אזוי קלאר געזעהן מיין אייגענעם

צושטאנד, און פארט אויפגעפירט זיך ווי א קינד, כ'זעה נאך איצט אזוי קלאר, און עס זעהט זיך נאך אלץ נישט קיין שיין צו קיין תרופה.

דעם 10־טן אווגוסט.

איך וואלט געקאנט האבן דאס בעסטע גליקליכסטע לעבן, ווען איך וואלט נישט געווען קיין נאר. נישט אזוי לייכט פאסן זיך צונויף אזוינע מאמענטן, צו באפרידיגן א מענטשנס נשמה, ווי די, אין וועלכע איך געפין זיך איצט. אך, עס איז אזוי אמת, אז אונזער הארץ אליין בויט זיך זיין גליק. — זיין א גליד פון אזא ליבער פאמיליע, פון דעם אלטן צו ווערן געליבט ווי א זון, ווי א פאטער פון די קינדער, און פון לאטען! — דאַן דער וואוילער אלבערט, וואס האט נאך קיין איינציג מאל ניט געשטערט מיין גליק דורך קאפריזן; וואס נעמט מיך ארום מיט דער הארציגער פריינדשאפט; פאר וועמען איך בין נאך לאטען דאס טייערסטע אויף דער וועלט! — ווילהעלם! ס'איז א פרייד צו הערן אונז רעדנדיג וועגן לאָטען, ווען מיר שפאצירן אינאיינעם: מ'האט ניט אויסגעפונען אויף דער וועלט אזא שטותעריי, ווי אט די לאגע, און פונדעסטוועגן קומען מיר אפט טרערן אין די אויגן.

ווען ער דערציילט מיר פון איר בנעימותדיגער מאמען, ווי ליגנדיג אויפן טויטן בעט האט זי איבערגעגעבן לאטען די שטוב און די קינדער, און לאטען גופא געשטעלט אין זיין רשות, ווי פון דעמאלט אן איז אנ'אנדער גייסט געקומען אויף לאטען, ווי זארגנדיג פאר דערווירטשאפט און אין דעם גאנצן ערנסט, איז זי געווארן א אמתע מאמע, ווי עס פארגייט ניט קיין רגע פון איר צייט אָן שאפנדיגער ליבשאפט, אָן ארבעט, און פונדעסטוועגן האט זי איר מונטערקייט, איר לייכטער געמיט דערביי קיינמאל נישט פארלאָזן! — איך גיי אזוי לעבן אים, איך פליק בלימלאך ביי דער סטעזשקע, פלעכט זיי זארגעוודיג אין א בוקעט און — כ'ווארף זיי ארייַן אין פארביי־שטראמיגן טייך, און קוק זיי נאך, ווי זיי טוקן זיך פאמעליך. — איך געדיינק נישט, צי איך האב דיר געשריבן, אז אלבערט פארבלייבט

דא׳ און אז ער באקומט א שטעלע מיט א בכבודיגער הכנסה אין הויף׳ וואו ער נעמט שטארק אויס׳ אין פינקטליכקייט און התמדה אין געשעפט־זאכן האב איך קנאפ וואס געזעהן זיין גלייכן׳

דעם 12־טן אווגוסט׳

אלבערט איז געוויס דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט׳ נעכטן האב איך געהאט מיט אים גאר א מאדנע מעשה׳ איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט אים׳ ווייל איך האב באקומען חשק צו רייטן אין די בערג׳ פון וואנען איך שרייב דיר דאס טאקע איצט׳ ווי איך גיי מיר ארום איבער דער שטוב׳ האבן זיך מיר א חארף געטאָן זיינע פיסטאליען אין די אויגן׳ — ליי מיר די פיסטאליען צו מיין נסיעה׳ האב איך געזאגט׳ — פון מיינטוועגן׳ האט ער געענט־פערט׳ ווען דו ווילסט זיך נאר מטריח זיין אנצולאדן; בא מיר הייגען זיי נאר סתם אזוי׳ — איך האב איינע אראפגענומען און ער האט ווייטער געזאגט: זינט מיין פארזיכטיגקייט האט מיר אזוי מיאוס אפגעטאן׳ וויל איך מער ניט האבן צו טאן מיט דעם׳ — איך האב שטארק געוואלט וויסן די מעשה׳ — ביי א פערטל יאר׳ האט ער אנגעהויבן׳ האב איך פארבראכט ביי מיינעם א פריינד אויפן לאנד׳ כ׳האב געהאט א פאר נישט קיין געלאדענע פיסטאָליען און כ׳בין רוהיג געשלאפן׳ איינמאל אין א רעגנדיגן נאכמיטאג זיץ איך שלינג־און־ שלאנג׳ און כ׳ווייס ניט׳ ווי אזוי עס פאלט מיר איין׳ אז מ׳קאן אונז נאך באפאלן׳ מיר קאנען נאך דארפן די פיס־ טאָליען׳ און קאנען — דו ווייסט דאך׳ ווי ס׳קומט פאר׳ — איך האב דערלאנגט דעם דינער אויסצופוצן זיי און אנצולאדן׳ ער הויבט אן טרייבן קאטאוועס מיט די מיידלאך׳ וויל זיי דערשרעקן און׳ איין גאט ווייסט׳ ווי אזוי דאס געווער שיסט אויס מיטאמאל׳ בעת דאס שטעקעלע צום לאדן איז נאך געווען אינווענייג׳ און טרעפט אָן א מיידל אין דער רעכטער האנט און פארוואונדעט איר דעם גראבן פינגער׳ דא האב איך דאס געהאט אויסצושטיין קולות און יללות׳ היינט א חוץ דעם באצאלן נאך פאר דעם היילן זיך׳ פון דעמאלט אן

לאז איך אלע ביקסן ניט געלאדן, גוטער פריינד, וואס איז פארזיכ־טיגקייט? עס זיינען ניטא קיין חקירות בנוגע דער סכנה! אמת — און דאס ווייסטו דאך, אז איך האב דעם מענטשן שטארק ליב ביז זיין אמת; ווארים איז דען נישט קלאר פון זיך אליין, אז יעדער כלל האט אויך א יוצא מן הכלל? אבער אזוי רעכטפארטיג איז דער מענטש, ווען עס דאכט זיך אים, אז ער זאגט וואס ארויס צו־גיך, צו־מטושטשדיג און א האלבן אמתן, ווי ער הערט שוין נישט אויף צו פירושן און פארטייטשן, צוצוגעבן און אויסצומעקן, ביז עס בלייבט צום סוף גארנישט פון דער זאך גופא. און ביי דעם דאזיגן פאל האט ער זיך צופיל אריינגעלאזן אין תוך; צום סוף האב איך שוין גארנישט ניטגעהערט, בין אריינגעפאלן אין קאפריזן, און מיט א משונהדיגער העויה צוגעדריקט די פיסטאל צום שטערן איבערן רעכטן אויג. — חלשות! האט ער א זאג געטאן, אראפציענדיג די פיסטאל, וואס הייסט דאס? — זי, איז נישט אנגעלאדן, האב איך געזאגט, — און אז ניט, וואס זאל דאס באדייטן? האט ער צוגעגעבן מיט אימפעט. איך קאן נישט תופס זיין, ווי א מענטש קאן זיין אזוי נאריש און דערשיסן זיך; שוין דער געדאנק אליין דערוועקט אין מיר א ווידערווילן.

פארוואס מוזט איר, מענטשן, האב איך אויסגערופן, כדי צו רעדן פון א זאך, תיכף אנהויבן: דאס איז נאריש, דאס איז קלוג, דאס איז גוט, דאס איז שלעכט! איז וואס זשע איז דעריבער? האט איר צוליב דעם שוין אויסגעפארשט דעם תוך פון די סיבות פון דער זאך? קאנט איר גענוי פאנאנדערקלייבן די טעמים, פארוואס דאס איז געשעהן, פארוואס דאס האט געמוזט געשעהן? ווען איר וואלט דאס געטאן, וואלט איר זיך נישט אזוי געאיילט מיט אייערע אורטיילן.

דו וועסט מיר מודה זיין, האט אלבערט זיך אנגערופן, אז געוויסע מעשים בלייבן פארט א זינד, זיי מעגן אפילו געשעהן צוליב וועלכע טעמים עס איז.

איך האב א הויב געטאן מיט די אַקסלען און מודה געווען, — פונדעסטוועגן, מיין ליבער, האב איך צוגעגעבן, געפינט זיך דא אויך

א יוצא מן הכלל. ס׳איז אמת, אז גנבענען איז א זינד. אבער דער מענטש, וואס לאזט זיך אויף רויב, כדי צו ראטעווען זיך און זיין פאמיליע פון צו שטארבן פאר הונגער, פארדינט ער רחמים אדער שטראף? ווער וועט דערוועגן זיך אויפצוהייבן דעם ערשטן שטיין אויף א מאן, וואס אין זיין גערעכטן צארן, הרגעט ער זיין פאלשע פרוי און איר פארפירער? קעגן א מיידל, וואס פארלירט זיך אין א שעה פול פון גליק און אין די פרייד פון דער ליבע, וואס לאזן זיך נישט איינצאמען? אונזערע געזעצן אפילו, אט די קאלט־בלוטיגע פעדאנטן, זיי ווערן אויך גערירט און האלטן אפ די שטראף.

דאס איז עפעס אנדערש, האט אלבערט געזאגט, ווארים א מענטש, וועמען עס רייסן אוועק די ליידנשאפטן, פארלירט דעם גאנצען דעת, און מ׳באטראכט אים ווי א שכור, חי א משוגענעם.

אך, איר גרויסע חכמים! האב איך שמייכלענדיג אויסגערופן. ליידנשאפט! שכרות! שגעון! איר שטייט אייך אזוי רוהיג, אזוי קאלטבלוטיג, איר כשרע נשמות! איר זידלט דעם שכור, עס עקלט אייך פון דעם משוגענעם, ווי דער כהן גייט איר דורך פארביי, און ווי דער פרוש דאנקט איר גאט, וואס ער האט אייך ניט באשאפן ווי איינעם פון זיי. איך בין געווען מער ווי איינמאל שכור, מיינע ליידנשאפטן זיינען קיינמאל ניט געווען ווייט פון שגעון, און אויף ביידע האב איך קיין חרטה נישט; ווארים אין מיין צושטאנד האב איך געלערנט משיג צו זיין, ווי מ׳רופט שכורים און משוגעים אלע אויסער־געוויינליכע מענטשן, וואס האבן געשאפן עפעס גרויסעס און אזוינס, וואס מ׳האלט דאס פאר ניט מעגליך.

אבער אויך אין פשוטן לעבן איז ניט צו דערטראגן אויס־צוהערן, ווי מ׳שרייט נאך כמעט נאך איטליכן מענטשן ביי עטוואס פרייע אידעלע מעשים, אז דער מענטש איז שכור, ער איז משוגע. שעמט זיך, איר טרוקענע מוחות! שעמט זיך, איר חכמים!

דאס איז ווידער עפעס פון דיין גריבלעניש, האט אלבערט געזאגט. ביזט אלץ מגזם און דא ביזטו וועניגסטנס געוויס ניט

גערעכט, ווען דו פארגלייכסט זעלבסטמארד, פון וואס מ׳רעדט דא איצט, וואס מ׳קאן דאך אנדערש נישט באטראכטן ווי א שוואכקייט, מיט גרויסע מעשים, ווארים ס׳איז אודאי גרינגער צו שטארבן, איידער איבערצוטראגן מיט שטאנדהאפטיגקייט א לעבן פול מיט ענויים.

איך האב געהאט בדעה איבערצורייסן, ווארים קיין זאך רייצט מיך אזוי נישט אויף, ווי ווען איינער הויבט אן צו דרשענען מיט בעל־הבתישע ווערטלאך, בשעת איך רייד פון דעם גאנצן הארצן, פונדעסטוועגן האב איך זיך באהערשט, ווארים איך האב שוין דאס א סך מאל געהערט און אפט שוין געערגערט זיך דערפון, און איך האב אפגעענטפערט א ביסל מיט אימפעט: דו רופסט דאס אן שוואכקייט? איך בעט דיך, לאז זיך ניט פארבלענדן פון דעם שיין, א פאלק, וואס עס שמאכט אונטער דעם אומדערטרעגליכן יאך פון א טיראן, טארסטו דאס אנרופן שוואכקייט, ווען סוף כל סוף שטייט עס אויף און צערייסט זיינע קייטן? א מענטש, וועלכער צוליב דעם פחד, וואס דאס פייער האט ארומגעכאפט זיין שטוב, שפירט אלע זיינע כחות אנגעצויגן און מיט א לייכטקייט שלעפט ער משאות, וואס ער וואלט ביים רוהיגן פארשטאנד קוים גערירט פון ארט; איינער, וואס אין צארן פון באליידיגונג, שטעלט זיך אנטקעגן זעקסן און באוועלטיגט זיי, קאן מען זיי רופן שוואכע? און, מיין טייערער, אויב פלייסן זיך איז שטארקייט, פארוואס זאל די גרעסטע אנגעשפאנטקייט זיין דער היפוך? — אלבערט האט מיך אנגעקוקט און געזאגט: האב קיין פאראיבעל ניט, די אלע משלים, וואס דו ברענגסט דא, האבן, דאכט זיך, קיין שייכות ניט דערצו — גאנץ מעגליך, האב איך געענטפערט, מ׳האט מיר שוין א סך מאל אויפגעווארפן, אז מיין שטייגער טראכטן גרעניצט זיך אפט מיט פלאפלעריי. לאמיר אבער זעהן, אויב מיר קאנען זיך אויף אנ־אנדער אופן אויסמאלן ווי עס קאן זיין דעם מענטשן אויפן הארצן, וואס נעמט אויף זיך אראפצוווארפן די ביז איצט ליבע משא פון דעם לעבן; ווארים נאר אויף וויפל מיר פילן מיט, איז פאר אונז א כבוד צו רעדן פון א זאך.

די נאטור פונ׳ם מענטשן׳ האב איך ווייטער צוגעגעבן׳ האט אירע גרעניצן; ביז צו א געוויסער מדרגה קאן זי דערטראגן פרייד׳ לייד׳ ווייטאג׳ און גייט צו גרונט׳ ווי מ׳איז נאר אריבער די מדרגה׳ דא איז אויף אזא אופן ניט די פראגע׳ צי איינער איז שוואך אדער שטארק? נאר אויף וויפיל ער קאן אריבערטראגן די מאס פון זיינע יסורים? קיין נפקא מינה ניט צי מאראלישע צי קערפערליכע; און איך האלט דאס גראד אזוי פאר משונה׳ צו זאגן: דער מענטש איז א פחדן׳ וואס נעמט זיך דאס לעבן׳ אזוי ווי עס וואלט געווען משונה אנצורופן יענעם פחדן׳ וואס שטארבט פון א שווערן פיבער׳

פאראדאקס! א מוראדיגער פאראדאקס! האט אלבערט אויסגעשריען׳ — נאך נישט אזוי׳ ווי דו מיינסט׳ האב איך צוגעגעבן׳ דו ביזט מודה׳ אז יענע קראנקהייט רופן מיר א טויט־קראנקייט׳ פון וועלכער דער כח הטבע ווערט אזוי אנגעגריפן׳ אז טיילוויז ווערן די כחות אויסגעזאפט׳ טיילוויז אזוי אפגעחלשט׳ אז זיי זיינען נישט אימשטאנד ווידער ארויסהעלפן זיך׳ ווידער אויפצושטעלן דעם געוויינליכן שטייגער לעבן דורך קיין שום גליקליכע שנוים׳

איצט׳ מיין ליבער׳ לאמיר דאס אנווענדן אויך אויפן גייסט׳ לאמיר אנקוקן דעם מענטשן אין זיין באגרעניצטקייט׳ ווי א רושם ווירקט אויף אים׳ ווי עס ווארצלען זיך איין בא אים אידעען׳ ביז וואקסנדיגע ליידנשאפט רויבט פון אים לסוף אוועק דעם גאנצן רוהיגן פארשטאנד און ער גייט צו גרונט׳ אומזיסט׳ וואס דער קאלטער בר דעת פארשטייט דעם צושטאנד פון דעם אומגליקליכן׳ אומזיסט׳ וואס ער איז אים מתרה! גראד ווי א געזונטער׳ וואס שטייט ביים קראנקן צוקאפנס׳ איז ניט אימשטאנד אריינצוגעבן אים א טראפן פון זיינע פחות׳

אלבערטן איז דאס אויסגעקומען גערעדט ניט צו דער זאך׳ איך האב אים דערמאנט אן א מיידל׳ וואס מ׳האט געפונען פאר א קורצער צייט צוריק א דערטרונקענע׳ און האב אים איבערגעחזרט די מעשה פון איר׳ — א גוטע מיידל׳ וואס איז אויפגעוואקסן אין דער איינגער סביבה פון בעלהבתישקייט׳ כסדר אין וואכעדיגער ארבעט׳ וואס האט ניט געהאט קיין אנדער השגה׳ ווי אפשר יעדן זונטאג אנטאן זיך אין אירע קליידער׳ וואס זי האט ביסלעכוויז צונויפגעזאמלט׳

שפּאַצירן איבער דער שטאָט מיט איר גלייכן, אפשר בשעת די גרויסע יום־טובים אַמאָל טאַנצן אויך, און אַמאָל אַגבֿ, מיט דעם גאַנצן ברען פֿון׳ם האַרצן, אַפּפּלוידערן אַ פּאָר שעה מיט אַ שכנה וועגן עפּעס אַ קריגערײַ, לשון הרע — אַ מיידל, וועמעס פֿייערדיגע נאַטור פֿילט לסוף טיפֿערע באַדערפֿעניש, וואָס ווערן נאָך פֿאַרמערט דורך די חניפֿות פֿון די מענער; אירע פֿריערדיגע תּענוגים פֿאַרלירן אַלץ מער און מער דעם טעם, ביז זי טרעפֿט אָן צום סוף אַ מענטשן, צו וועמען עס רייסט זי אַוועק אַן אומבאַוואוסטער געפֿיל, וואָס זי קאָן ניט בייקומען, אַ מענטשן, אויף וועמען זי לייגט אַרויף אַלע אירע האָפֿע־נונגען, זי פֿאַרגעסט די וועלט אַרום זיך, זעהט גאָרנישט הערט גאָרנישט, פֿילט גאָרנישט, חוץ אים, דעם איינציגן, בענקט נאָר נאָך אים, דעם איינציגן, ניט פֿאַרדאַרבן דורך קיין פּוסטע פֿאַר־געניגנס פֿון הבלדיגן לייכטזין, שטרעבט איר פֿאַרלאַנג גלייך צום ציל; זיינע וויל זי ווערן, אין אייביגער פֿאַרבינדונג וויל זי געפֿינען גאָר דאָס גליק, וואָס איר פֿעלט, געניסן דעם סכום פֿון גאָר די פֿרייד, נאָך וועלכע זי האָט געבענקט, אַ צוזאָג נאָך אַ צוזאָג, אַס גי איר אַ חתימה אויף די זיכערקייט פֿון די האָפֿענונגען, שטאַרקען סימנים פֿון ליבשאַפֿט, וואָס פֿאַרגרעסערן אירע תּאוות, כאַפּן אַרום איר נשמה; זי שוועבט אין מטושטשדיגע רעיונות, פֿילנדיג פֿאַרויס גאָר די פֿרייד, זי איז געשפּאַנט ביז צו דער העכסטער מדרגה, צום סוף שטרעקט זי אויס אירע הענט אַרומנעמען אַלע אירע פֿאַרלאַנגען — און איר געליבטער פֿאַרלאָזט זי, — פֿאַרגליווערט, אָן זינען, שטייט זי פֿאַר אַ תּהום; אַלץ איז פֿינסטער אַרום איר, קיין האָפֿענונג, קיין טרייסט, קיין בטחון! ווייל דער האָט זי פֿאַרלאָזן, אין וועמען אַליין זי האָט געפֿילט איר קיום, זי זעהט ניט די ברייטע וועלט, וואָס ליגט פֿאַר איר, ניט די אַלע, וואָס וואָלטן געקאָנט איר דעם שאָדן ממלא זיין, זי פֿילט זיך אַליין, פֿאַרלאָזן פֿון דער וועלט — און איינ־געפֿרעסט אין דער איינגשאַפֿט פֿון דער שרעקליכער פּיין פֿון איר האַרץ, וואַרפֿט זי זיך בלינד אין תּהום אַריין, כּדי דערשטיקן אַלע ענוים אין דעם טויט, וואָס רינגלט אַלץ אַרום, — פֿאַרשטייסט, אַלבערט, אַזוי איז די מעשה מיט אַ סך מענטשן! און זאָג, איז דאָס ניט

דער פאַל פון דער קראַנקייט? די נאַטור געפינט ניט קיין אויסוועג פון דעם לאַבירינט פון די פאַרפּלאָנטערטע און סותרדיקע כּחות, און דער מענטש מוז פאַלן אַלס אַ קרבן. ווי יענעם, וואָס וואָלט געקאָנט צוזעהן און זאָגן: סאַראַ שוטה! ווען זי וואָלט אָפּגעוואַרט, ווען זי וואָלט דאָס איבערגעלאָזן דער צייט, דער יאוש וואָלט אַוועק; עס וואָלט זיך שוין אויסגעפונען אַ צווייטער צו טרייסטן זי, — ס'איז גראָד ווי איינער וואָלט געזאָגט: דער שוטה! ער שטאַרבט גאָר פון פיבער! ווען ער וואָלט אָפּגעוואַרט, ביז זיינע כּחות וואָלטן צוריק געקומען, די בלוטן וואָלטן זיך פאַרבעסערט, דער שטורים פון זיין בלוט וואָלט זיך געלייגט, וואָלט אַלץ געווען כּשורה, און ער וואָלט נאָך עד היום געלעבט.

אַלבערט, פאַר וועמען דער משל איז נאָך ניט בולט געווען, האָט נאָך איבערגעשפּאַרט און אַגבֿ געזאָגט, אַז איך האָב נאָר גערעדט פון אַ גאַנץ פּשוטער מיידל; ווי אַזוי מ'קאָן אָבער מוחל זיין אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד, וואָס איז ניט אַזוי באַגרעניצט, וואָס קאָן טיפער אַריינקוקן אין אַ זאַך, דאָס קאָן ער ניט תּופס זיין. — מיין פריינד! האָב איך אַ זאָג געטאָן, דער מענטש בלייבט תּמיד מענטש, און דאָס ביסל שכל, וואָס איינער האָט, האָט אַ קנאַפּע וואָג, אָדער גאָר קיין וואָג ניט, ווען די ליידנשטפט שטורימט, און עס שטיקן איין די גרע־ניצן פון דער מענטשהייט. אדרבה, — אַנ'אַנדערס מאָל דערפון, האָב איך געזאָגט, און געגומען דעם הוט. אָ! ביי מיר איז געווען דאָס האַרץ אַזוי פול! — און מיר זיינען זיך צוגאַנגען, ניט האָבנדיק פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן, ווי עס פאַרשטייט בכלל איינער דעם צווייטן ניט לייכט אויף דער דאָזיקער וועלט.

## דעם 15טן אויגוסט.

ס'איז דאָך זיכער, אַז קיין זאַך שאַפט ניט אַזאַ נויטיקייט אין אַ מענטשן, ווי די ליבע. איך פיל דאָס אָן לאָטען, אַז זי וואָלט ניט גערן מיך פאַרלאָרן, און די קינדער האָבן קיין אַנדער השגה ניט, ווי אַז איך קום תּמיד מאָרגן ווידער. איך בין היינט געגאַנגען אַהין פאַרריכטן

לאטעס קלאוויר; איך האב אבער ניט געקאנט קומען דערצו, מחמת די קינדערלאך זיינען נאכגעלאפן. איך זאל זיי דערציילן א מעשהלע, און לאטע האט אליין אויך געזאגט, אז איך זאל דערפילן זייער בקשה. איך האב זיי געגעבן זייער עסן, וואס זיי נעמען פון מיר כמעט אזוי גערן, ווי פון לאטען, און האב זיי דערציילט דעם עיקר פון דער מעשהלע מיט דער בת מלכה, וואס מיסטעריען־הענט באדינען זי. דערביי לערן איך א סך, דאס שווער איך דיר, און כ'בין נשתומם, וואס פאר א רושם דאס מאכט אויף זיי. ווען איך מוז א מאל אויסטראכטן אַן אנהייב, וועלכן איך פארגעס ביים צווייטן מאל, זאגן זיי תיכף, אז יענעם מאל איז געווען אנדערש, אזוי אז איך געוויין זיך איצט אפצודער־ציילן זיי מעשהלאך ניט געביטן אויף א האר, ווי אויף א שנירל אנ־געצויגן. איך האב דערפון געלערנט, ווי א מחבר שעדיגט דער צווייטער פארענדערטער אויסגאבע פון זיין דערציילונג, כאטש אפילו זי איז פאעטיש געווארן בעסער. נאר דעם ערשטן רושם נעמען מיר אויף, און אזוי איז שוין דער מענטש באשאפן, אז מען קאן אים ניסים איינרעדן; דאס באהעפט זיך אבער תיכף אזוי שטארק צו אים, און ווי יענעם, ווער עס וויל דאס אויסמעקן און פארטיליגן.

דעם 18־טן אווגוסט.

האט דען דאס געמוזט אזוי זיין, אז דאס, וואס עס שאפט דעם מענטשנס גליק, זאל ווערן דער קוואל פון זיינע ענויים?

דאס פולע, ווארעמע געפיל פון מיין הארץ צו דער לעבעדיגער נאטור, וואס האט מיך מיט אזוי פיל גליק פארפלייצט, וואס האט מיר געמאכט די וועלט ארום פאר א גן עדן, ווערט מיר איצט צו א פייניגער, ניט צו דערטראגן, צו א מאטערנדיגן גייסט וואס יאגט מיר נאך אויף אלע וועגן. ווען איך פלעג א מאל, פון דעם פעלז איבערן טייך ביז צו יענע בערגלאך צו, באקוקן דעם פרוכטבארן טאָל, און פלעג זעהן ווי אלץ ארום שפראצט און וואקסט; ווען איך פלעג זעהן יענע בערג באקליידט פון צופוסן ביזן שפיץ מיט הויכע, געדיכטע בוימער, יענע טאלן אין זייערע פארשיידנארטיגע שליינגלונגען באשאטנט פון די

חנעוודיגסטע וועלדער, און דער בנעימותדיגער טייך שוימט אוועק צווישן דעם מורמלענדיגן ציראט, אפשפיגלענדיג די ליבע וואלקנס, וואס עס טראגט אויפן הימל דעם מילדער אוונטווינטל; ווען איך פלעג דעמאלט הערן, ווי די פייגלען מאכן לעבעדיג דעם וואלד ארום מיר, און האפערדיג פלעגן טאנצן די מיליאנען מחנות מוקעלאך אין דעם לעצטען רויטן שטראל פון דער זון, און איר לעצטער ציטערנ־דיגער שיין פלעגט ארויסרופן פון גראז דעם זשומעדיגן זשוק; ווען דאס רוישן און שווימלען ארום מיר פלעגט צוציהען מיין בליק צו דער ערד, און דער מאָך, וואס רייסט ארויס פון דעם הארטן פעלז זיין שפייז, און די קוסטעס, וואס וואקסן אראפ פון דעם זאמדיגן טרוקענעם בערגל, פלעגן מיר אנטפלעקן דאס טיפע, גליהנדיגע, היי־ליגע לעבן פון דער נאטור: ווי אויפנעמען פלעג איך דאס אלץ אין מיין ווארעם הארץ, האב זיך געפילט ווי פארגעטערט אין דער פאר־פלייצנדיגער פולקייט, און אין מיין נשמה האבן געשוועבט די הער־ליכע געשטאלטן פון דער אומענדליכער וועלט אלץ באלעבנדיג. מוראדיגע בערג האבן מיך ארומגערינגלט, תהומען זיינען געווען אויס־געשפרייט פאר מיר, שטראמען פון די בערג זיך געווארפן אראפ, די טייכן געפלאסן אונטער מיר, און וואלד און בארג האט געקלונגען; און איך האב געזעהן, ווי אין די טיפענישן פון דער ערד ארבעטן זיי און שאפן צוזאמען, גאר די כחות, וואס ס'איז ניט משיג צו זיין; און אויף דער ערד און אונטער דעם הימעל ווימלען די כל־ערליי מינים פון פארשיידנארטיגע באשעפענישן, אלץ, אלץ איז באזעצט מיט טויזנטערליי געשטאלטן; און די מענטשן פארמויערן זיך דערנאך אין זיי־ערע הייזלאך, מאכן דארטן זייער נעסטל, און געוועלטיגן אין זייער מחשבה איבער דער ברייטער וועלט! שוטה נעבאך! דו שאצט אלץ אפ אזוי נישטיג, ווייל אליין ביזטו אזוי קליין, — פון די בערג וואס איז ניט צו דערגרייכן, און דורך דער מדבר, וואו קיין פוס האט ניט גע־טראטן, ביז דעם סוף פון דעם אומבאקאנטן אקעאַן שוועבט דער גייסט פון דעם וואס שאפט אויביג, און פרייט זיך פון יעדן שטויבעלע, וואס הערט אים און לעבט, — אָ, ווי אפט האב איך דעמאלט געביינקט, פליהען מיט די פליגלען פונ'ם בושל, וואס איז געפלויגן איבער מיר,

צו דעם ברעג פונ׳ם נישט אויסגעמאסטענעם ים, צו טרינקען פונ׳ם שוימיגן בעכער פון דעם אומענדליכן, יענעם וואקסנדיגן גליק פונ׳ם לעבן, און נאר איין רגע פילן אין דער באגרעניצטער קראפט פון מיין ברוסט א טראפן גליק פון יענעם כח, וואס שאפט אלץ אין זיך און דורך זיך.

ברודער, שוין נאר די זכרונות פון יענע שעהן שאפן מיר פרייד. דער באגער אליין, ארויסצורופן צוריק יענע דערהייבענע געפילן, ווידער ארויסצוגעבן זיי, דערהויבט מיין נשמה איבער זיך אליין, און כפלים פיל איך דעמאלט דעם ציטער פון דעם צושטאנד, אין וועלכן איך געפין זיך איצט.

ווי א פארהאנג האט זיך א וועקגעצויגן פאר מיין נשמה, און די סצענע, וואו דאס אומענדליכע לעבן ווערט געשפילט, פארוואנדלט זיך פאר מיר אין א תהום פון דעם אויביג אפענעם קבר. קאָנסטו זאגן: דאס איז! ווען אלץ גייט פארביי? ווען אלץ קייקלט זיך א דורך מיט דער גיכקייט פון אשטורים, האלט אזוי זעלטן אויס דעם גאנצן כח פון זיין קיום, אך! ווערט ארייגעריסן אין שטראָם, אונטערגעטונקט און צעשמעטערט אָן דעם פעלז? ס׳פארגייט ניט קיין רגע, וואס ס׳זאל דיך און די דייניגע ניט פארלעַנדן, קיין רגע, וואס דו זאלסט ניט זיין קיין צעשטערער, וואס דו מוזט ניט זיין; דער פשוטסטער שפאציר ברענגט אום טויזנטער אומגליקליכע ווערים־לאך, יעדער טראט מאכט חרוב די מיט מאטערניש אויסגעבויטע נעסטן פון די מוראשקעס, און צעטרעט א קליין וועלטל אין א שעדליך קבר. פארשטייסט! ניט עס רירט מיך דער גרויסער פיין פון דער וועלט, ניט די כוואליעס, וואס שווינקען אראפ אייערע דערפער, ניט די ערדציטערנישן, וואס שלינגען איין אייערע שטעט; עס גראבט מיר אונטער דאס הארץ דער פארלענדנדיגער כח, וואס ליגט פאר־בארגן אין דער גאנצער נאטור, וואס האט גארנישט באשאפן, ניט האבנדיג חרוב געמאכט דעם צווייטן, אדער זיך גופא. און אזוי וואגל איך ארום פאראומערט, דער הימל, די ערד און זייערע שפי־נענדיגע כחות ארום מיר. איך זעה גארנישט אויסער א אויביג איינשלינגענדיגע, א אויביג מעלה־גרהדיגע חיה.

### דעם 21־טן אוגוסט.

אומזיסט שטרעק איך אויס מיינע הענט נאך איר אינדערפרי, ווען עס הויבט אן טאגן אין מיר פון שווערע חלומות; אומזיסט זוך איך זי ביינאכט אין מיין געלעגער, ווען עס נארט מיך אפ א גליקליכער רייכער חלום, ווי איך זיץ מיט איר אויף דער לאנקע, האלט איר האנט און באדעק זי מיט קושן אן א שיעור. אך, ווען, נאך האלב אין שכרות פֿון׳ם שלאף, טאפ איך נאך איר און כאפ זיך אויף דערפון — א טייך פון טרערן ברעכט אויס פון מיין פארשטיקטן הארצן, און אָן א טרייסט וויין איך פאר א פינסטערער צוקונפט.

### דעם 22־טן אוגוסט.

נישט גוט, ווילהעלם! מיינע שאפנדיגע כחות זיינען פאר־וואנדלט געווארן אין א אומרוהיגער אפגעלאזנקייט. איך קאן נישט ארומגיין ליידיג, קאן אבער אויך נישט נעמען זיך פאר עפעס. איך האב נישט קיין כח הדמיון, נישט קיין געפיל צו דער נאטור, און די ביכער זיינען מיר נמאס געווארן. ווען מיר פעלן זיך גופא, פעלט אונז דעמאלט אלץ. איך שווער דיר, א סך מאל וואלט איך וועלן ווערן א שכר־יום, כדי נאר אינדערפרי, ביים אויפכאפן זיך, האבן א בטחון אויפן קומענדיגן טאג, א דראנג, א האפענונג. אפט בין איך מקנא אלבערטן, וואס זיצט איינגעגראבן ביזן האלז אין פאפירן, און איך רעד זיך איין, אז עס וואלט מיר געווען גוט, ווען איך וואלט זיין אויף זיין ארט. שוין א פאר מאל האט עס מיך אזוי אנגענומען, אז איך האב געוואלט אנשרייבן צו דיר און צו דעם מיניסטער, און בעטן די שטעלע ביי דער געזאנדשאפט, וואס, ווי דו ביזט מבטיח, מ׳וועט מיר נישט אפזאגן. איך אליין גלויב אויך. דער מיניסטער האט מיך שוין פון לאנג ליב און שוין א צייט אז ער האט מיר פארגעלייגט, אז איך זאל זיך אפגעבן וואס עס איז פאר אן ארבעט; אויף א שעה באנוגנט מיך דער דאזיגער געדאנק. שפעטער, ווען איך טראכט נאך א מאל וועגן דעם, און ס׳דערמאנט זיך מיר די מעשה מיטן

פערד, ווען ס'דערעסט די פרייקייט, און ער לאזט ארויפשלעפן אויף זיך דעם זאטל און די צוים און ווערט געמאכט פאר א קאליקע; — כ'ווייס ניט, וואס זאל איך טאן! — און, מיין טרייער! איז נישט אפשר די ביינקשאפט אין מיר צו בייטן דעם מצב, א אינוועניגסטע, דריקנדיגע אומגעדולד, וואס וועט מיך אור־מעטום פארפאלגן?

### דעם 28־טן אויגוסט.

ס'איז אמת, וואלט נאר מעגליך געווען צו היילן מיין קראנקייט, וואלטן עס אט די מענטשן געטאן. היינט איז מיין געבורטסטאג. און נאך גאר אינדערפרי האב איך באקומען פון אלבערטן א פעקעלע. ביים עפענען ווארפט זיך גלייך אין די אויגן איינע פון די בלאס־רויטע שלייפן, וואס לאטע האט געטראגן, בעת איך האב זיך מיט איר באקענט, און וועלכן איך האב פון דעמאלט אן געהאט עטליכע מאל געבעטן ביי איר. דערביי זיינען געווען צוויי ביכלאך אין א צוועלפטל פארמאט, האמער אין וועטשטיינס קליינער אויסגאבע. דאס האב איך מיר אפט געוואונשן, כדי שפאצירנדיג ניט צו שלעפן זיך מיט ערנסטעס גרויסע אויסגאבע. אט אזוי זעהען זיי צו דערפילן מיינע וואונשן פארויס, אזוי זוכן זיי אויס אלע קליינע געפעליג־קייטן פון פריינדשאפט, וואס זיינען טויזנטער מאל טייערער, ווי יענע שריייענדיגע מתנות, דורך וועלכע די בערימערייי פונ'ם געבער דערנידעריגט אונז. אָן א שיעור מאל קוש איך דעם שלייף, מיט יעדן אטעם טרינק איך די זכרונות פון די פרייד און גליק, מיט וועלכע עס האבן מיך אויסגעפילט יענע קורצע, גליקליכע און די צוריק זיך נישט אומקערנדיגע טעג. ווילהעלם, ס'איז אזוי, און איך קלאג נישט. די בליהונגען פונ'ם לעבן זיינען בלויז א חלום! וויפל גייען פארביי ניט איבערלאזנדיג קיין סימן הינטער זיך! ווי ווייניג פון זיי ברענגען פירות, און ווי ווייניג פון די פירות ווערן צייטיג! און פונדעסטוועגן זיינען זיי נאך גענוג פאראן; און דאך — אָ, מיין ברודער! — קאנען מיר דען פארנאכלעסיגן,

פאראכטן׳ לאזן פארפוילן צייטיגע פירות ניט האבנדיג קיין הנאה?
זיי געזונט! ס׳איז א פיינער זומער; אפט זיץ איך אויף די אויבסטבוימער ביי לאטען אין גארטן׳ און מיט דעם לאנגן שטאנג׳ דעם אויבסט טרייסלער׳ נעם איך ארונטער די בארן פון דעם שפיץ׳ זי שטייט אונטן און נעמט זיי צו׳ ווען איך ווארף זיי אראפ׳

דעם 30־טן אוגוסט׳

אומגליקיכער! ביזטו ניט קיין שוטה? נארסטו זיך גופא נישט אפ? וואס ווילסטו מיט אט דער ברויזנדיגער ליידענשאפט׳ וואס האט קיין סוף ניט? איך האב נישט קיין אנדער תפילה אויסער צו איר; פאר מיין כוח הדמיון ערשיינט ניט קיין אנדער געשטאלט ווי אירער׳ און אלץ׳ וואס אין דער וועלט ארום מיר׳ זע איך נאר אין איין שייכות מיט איר׳ און אט דאס טאקע פארשאפט מיר אזוינע אפטע גליקליכע שעהן — ביז איך מוז זיך ווידער אפרייסן פון איר! אך ווילהעלם! צו וואס שטויסט מיך אפט מיין הארץ! — ווען איך זיץ ביי איר צוויי־דריי שעה און קוויק זיך פון איר געשטאלט׳ פון איר באנעמען זיך׳ פון איר הימלשן שטייגער רעדן׳ און די חושים ווערן אלץ מער און מער אנגעשפאנט׳ עס הייבט אן טונקלען פאר די אויגן׳ אוז קוים וואס איך הער נאך׳ און ווי א תלין וואלט געווארגן פארן האלז׳ דעמאלט זוכט דאס הארץ דורך א ווילדן קלאפן פרייער צו מאכן די פארשטיקטע חושים׳ און פארגרעסערט נאך זייער צעמישט־קייט — ווילהעלם׳ אפטמאל ווייס איך ניט׳ צי איך געפין זיך אויף דער וועלט! און — ווען דער טרויער וואלט טיילמאל נישט גובר געווען׳ און לאטע וואלט מיר ניט געשיינקט דעם קליינעם טרייסט אויסצוויינען מיין פארקלעמט הארץ אויף איר האנט — דעמאלט מוז איך אוועק׳ איך מוז ארויס׳ און איך וואנדל דאן ארום ווייט איבערן פעלד! קלעטערן אויף א שטאציגן בארג איז דעמאלט מיין פרייד׳ דורכברעכן פאר זיך א שטעגל דורך א נישט דורכגעטראטענעם וואלד׳ דורך קוסטעס׳ וואס פארוואונדן מיך׳ דורך דערנער׳ וואס צערייסן מיך! דעמאלט ווערט מיר עטוואס בעסער! עטוואס! און אפטמאל׳

ווען פון מידקייט און דאָרסט בלייב איך ליגן אין מיטן וועג׳ אפטמאל טיף אין דער נאכט׳ ווען די פולע לבנה שטייט איבער מיר׳ זעץ איך זיך אויף א קרומען בוים אין דעם איינזאמען וואלד׳ כדי צו געבן עפעס א לינדערונג די פארוואונדעטע פיס׳ און דעמאלט דרעמל איך איין אין א פארמאטערנדיגער רוה פון דעם דעמערנדיגן ליכט! אָ ווילהעלם! די איינזאמע וואוינונג פון א קעמערל׳ דער האריגער בגד און דער גארטל פון דערנער וואלטן געווען אט דער באלזאם׳ נאך וועלכן עס שמאכט מיין נשמה׳ א גוטן! איך זעה נישט קיין אנדער סוף פאר די ענויים ווי דעם קבר׳

דעם 3־טן סעפטעמבער׳

איך מוז אוועק! א דאנק דיר׳ ווילהעלם׳ וואס דו האסט באַפעסטיגט מיין וואקלדיגן אנטשלוס׳ שוין צוויי וואכן ווי איך טראג זיך ארום מיטן געדאנק צו פארלאזן זי׳ איך מוז אוועק׳ זי איז ווידער אין שטאט ביי א־רער א פריינדן׳ און אלבערט — און — איך מוז אוועק!

דעם 10־טן סעפטעמבער׳

דאס איז געווען א נאכט! ווילהעלם! אצונד וועל איך ביי־קומען אלץ׳ איך וועל זי מער נישט זעהן! אָ׳ מיין טייערער׳ ווי איך וואלט וועלן ארויפווארפן זיך אויף דיין האלז׳ און אין א ים פון טרערן און התלהבות אויסדריקן פאר דיר די געפילן׳ וואס באשטורימען מיין הארץ! איך זיץ מיר דא׳ שעפּ לופט׳ זעה צו בארוהיגן זיך׳ כ׳ווארט אויף טאג׳ און צום זונאויפגאנג זיינען באשטעלט די פערד׳

אָ! זי שלאפט רוהיג און טראכט נישט׳ אז זי וועט מיך מער קיינמאל נישט זעהן׳ כ׳האב זיך ארויסגעריסן; איך בין געווען גענוג שטארק׳ אין א געשפרעך פון צוויי שעה נישט ארויסגעבן מיין כוונה׳ און׳ מיין גאט׳ וואס פאר א געשפרעך!

אלבערט האט מיר צוגעזאגט, באלד נאכ׳ן אָוונט־עסן זיין מיט לאָטען אין גארטן. איך בין געשטאנען אויף דער טעראַסע אונטער די הויכע קאשטאנען־ביימער, און האב געקוקט אויף דער זון, וואס איז צום לעצטן מאל פאר מיר פארגאנגען איבער דעם פריינדליכן טאָל און שטילן טייך. אזוי אפט פלעג איך דא שטיין מיט איר און צוזעהן גראד דאס זעלבע הערליכע בילד, און איצטער! — איך בין ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער דער אלייע, וואס איז מיר אזוי ליב געווען; א פארבארגענער אנגענעמער צוג פלעגט מיך אזוי אפט האלטן אויף דעם ארט, נאך איידער איך האב לאָטען געקענט, און ווי מיר האבן זיך געפרייט, ווען אין אנפאנג פון אונזער באקאנט־שאפט האבן מיר אנטפלעקט אונזער ביידנס נטיה צו דעם דאזיגן ווינקעלע, וואס איז באמת דאס סאמע ראָמאַנטישע, וואס איך האב נאר ווען־עס־איז געזעהן געשאפן פון דער קונסט.

קודם האסטו פון צווישן די קאשטאנען־ביימער א ווייטע פער־רספעקטיוו — אך! איך דערמאן זיך, אז איך האב דיר שוין, דאכט זיך, ניט איינמאל געשריבן פון דעם, ווי די געפינסט זיך איינגע־שלאסן פון הויכע בוקנבוימער און ווי פון א דערבייאיגן וועלדל ווערט די אַלייע אַלץ טונקעלער און טונקעלער ביז עס פארענדיגט זיך אלץ אין א איינגעשלאסענעם ווינקעלע, וואו עס שוועבט ארום דער גאנצער פחד פון דער איינזאמקייט. איך פיל עס נאך, ווי מאדנע ס׳איז מיר געווען, ווען איך בין צום ערשטן מאל בייטאג אהער אריין, ווי איך האב געפילט, וואס פאר אן אַרענע פון גליק און שמערץ דאס דארף נאך ווערן.

כ׳האב זיך ביי א האלבע שעה געזעטיגט מיט די נאגנדיגע און זיסע מחשבות פון צעשיידן זיך, פון ווידער טרעפן זיך, בעת איך האב זיי דערהערט ארויפשטייגנדיג אויף דער טעראסע. איך בין צוגע־לאפן צו זיי אנטקעגן, אָנגעכאפט מיט פחד איר האנט און האב זי געקושט. נאר וואס מיר זיינען ארויף, ווי די לבנה איז אויפגעגאנ־גען פון הינטער דעם פארוואקסענעם היגל; רעדנדיג וועגן פאר־שיידענע זאכן האבן מיר אומבאמערקט זיך דערנעהנטערט צו דעם טונקעלןביידל. לאָטע איז אריין, האט זיך אנידערגעזעצט, אלבערט

לעבן איר, איך אויך; אבער מיין אומרוה האט מיך נישט געלאזן לאנג זיצן; כ'בין אויפגעשטאנען, זיך געשטעלט אנטקעגן איר, ארומגעגאנגען הין און צוריק, זיך ווידער געזעצט: דאס איז געווען א שרעקליכער צושטאנד, זי האט אונז געמאכט אויפמערקזאם אויף דעם הערליכן בילד פונ'ם לבנה־ליכט, וואס האט פון הינטער די בוקנבוימער באלויכטן פאר אונז די גאנצע טעראסע: אן אויסטערליש בילד, וואס איז נאך דעריבער געווען מערקווירדיגער, ווייל פון ארום האט אונז איינגעשלאסן א טיפע טונקלקייט. מיר זיינען געזעסן שטיל, און אין א ווײַלע ארום האט זי אנגעהויבן: — איך האב נאך קיינמאל נישט שפאצירט ביים לבנהליכט, עס זאלן מיר נישט קומען אויפן רעיון אונזערע פארשטארבענע, עס זאל מיך נישט באוועלטיגן דאס געפיל פון טויט און צוקונפט. מיר וועלן זיין! האט זי צוגעגעבן מיט א שטים פון טיפסטן געפיל. אבער, ווערטהער, וועלן מיר זיך נאך ווידער טרעפן? וועלן מיר זיך דערקענען ווידער? ווי מיינט איר? וואס זאגט איר?

לאטע, האב איך געזאגט, דערלאנגענדיג איר די האנט, און די אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן, מיר וועלן זיך נאך ווידער זעהן! דא אדער דארטן וועלן מיר זיך נאך ווידער זעהן! — ווייטער האב איך נישט געקאנט רעדן, — ווילהעלם, האט זי דאס מיך געמוזט פרעגן, בעת איך האב געטראגן אין הארצן אט דעם מוראדיגן זיי געזונט? — און ווייסן דען פון אונז אונזערע טייערע פארשטארבענע, האט זי צוגעגעבן, פילן זיי, ווען עס איז אונז גוט, ווי מיר דערמאנען זיך אן זיי מיט דער פולסטער ליבע? א! די געשטאלט פון מיין מוטער שוועבט תמיד פאר מיר, ווען איך זיץ אין א רוהיגן אוונט ארומגערינגלט פון אירע קינדערלאך, פון מיינע קינדערלאך, ווי זיי קלייבן זיך ארום ארום מיר, ווי א מאל פלעגן זיי זיך ארומקלייבן ארום איר. ווען איך קוק דאן ארויף מיט בייינקנדיגע טרערן צום הימל, און ווינש, אז זי זאל קאנען ארייינקוקן אויף איין רגע, זעהן ווי הייליג איך האלט דאס ווארט, וואס איך האב איר געגעבן א שעה פאר'ן טויט, צו זיין די מאמע פאר אירע קינדער, מיט וואס פאר א געפיל איך רוף אויס: זיי מיר מוחל, טייערסטע, אויב

איך בין פאר זיי נישט דאס, וואס דו ביזט פאר זיי געווען! אך איך טו פונדעסטוועגן אלץ, וואס איך קאן נאר טאן; זיי ווערן גע־שפייזט און געקליידט, אך! און וואס ס'איז מער פאר אלץ: זיי ווערן געפלעגט און געליבט. ווען דו וואלסט געקאנט זעהן אונזער אחדות, ליבע, הייליגע! וואלסטו דעמאלט געשיקט א שבח צום בורא, ווען דו האסט געבעטן מיט די לעצטע ביטערסטע טרערן פארן וואויל פון דיינע קינדער. —

זי האט דאס געזאגט! א ווילהעלם! ווער קאן איבערחזרן, וואס זי האט געזאגט! ווי קאן איבערגעבן דער פארגליווערטער טויטער אות די דאזיגע הימלשע בליהונג פון דעם גייסט! אלבערט איז איר צארט אריינגעפאלן אין די רייד — דאס גרייפט אייך צו שטארק אן, ליבע לאטע! איך ווייס, אז אייער נשמה איז זעער באהעפט צו אט די געדאנקען, אבער איך בעט אייך! — א אלבערט! האט זי זיך אנגערופן, איך ווייס, אז דו וועסט קיינמאל נישט פארגעסן די אוונטן, ווען מיר פלעגן זיצן צוזאמען ביים קליינעם, רונדן טישל, בעת דער פאפא פלעגט פארדייזן, און די קינדער פלעגן מיר הייסן גיין שלאפן. דו פלעגסט אפט האבן א גוטן בוך, אבער ווי זעלטן פלעגסטו קומען דערצו, כדי עפעס צו לייענען, — איז דען נישט געווען פאר אונז דאס ארומגיין ארום דער דערהויבענער נשמה מער פאר אלץ? אט די שיינע, בנעימותדיגע, מונטערע און תמיד שאפנדיגע פרוי! דעם אויבערשטן זיינען באוואוסט מיינע טרערן, מיט וועלכע איך פלעג זיך אפט ארייננווארפן אין בעט און מתפלל זיין: איך זאל זיין אזוי, ווי זי. — לאטע! האב איך אויסגערופן, זיך אווארפטאנדיג פאר איר, און באדעקט איר האנט מיט א שטראם פון טרערן, לאטע! גאטס ברכה רוהט אויף דיר און דער גייסט פון דיין מוטער! — אז איר וואלט זי געקענט, האט זי געזאגט, דריקנדיג מיין האנט, זי איז געווען ווערט, אז איר זאלט זי קענען! — איך האב געגלויבט, איך גיי אונטער. קיינמאל האט מען נאך וועגן מיר נישט ארויסגערעדט קיין שטאלצערן און דערהויבענערן ווארט. — און די דאזיגע פרוי, האט זי צוגעגעבן, האט געמוזט אין מיטן בליהען פון אירע יארן פון דער וועלט אוועק, ווען דאס יינגסטע קינד איז נאך נישט אלט געווען

קיין זעקס חדשים! איר קראנקייט האט לאנג נישט געדויערט: ז
איז געווען רוהיג, דורכגעדרונגען מיט הכנעה; נאר פאר די קינדער
האט געוויייטיגט דאס הארץ, דערהויפט פארן עופהלע, קורץ פארן
טויט האט זי צו מיר געזאגט: ברענג זיי מיר ארויף! און איך האב
זיי ארויפגעפירט, די קליינינקע, וואס האבן נאך גארנישט ניט
פארשטאנען, און די עלטערע, וואס האבן פארלארן דעם זינען, זיי
זיינען געשטאנען ארום בעט און זי האט אויפגעהויבן די הענט און
תפילה געטאן איבער זיי, איינעם נאכן אנדערן געקושט און זיי
אוועקגעשיקט, און צו מיר האט זי זיך אנגערופן: זיי זייער מאמע!
איך האב איר געגעבן די האנט אויף דעם, — דו זאגסט א סך צו, מיין
טאכטער, האט זי צוגעגעבן, א מאמעס הארץ און א מאמעס אויג,
איך האב אפט געזעהן אן דיינע דאנקבארע טרערן, אז דו פילסט,
וואס דאס איז. האב דאס פאר דיינע שוועסטערלאך און ברידערלאך,
און פאר דיין טאטן די טרייקייט און איבערגעגעבנקייט פון א פרוי!
דו וועסט אים טרייסטן, — דערביי האט זי געפרעגט, וואו ער איז;
ער איז געווען ארויסגעגאנגען צו פארבארגן פאר אונז דעם אומ־
דערטרעגליכן צער, וואס האט אים געשטיקט; דער מענטש איז
געווען אינגאנצן דערשלאגן.

אלבערט דו ביזט געווען אין צימער, זי האט דערהערט עמיצן
ארומגייענדיג, האט געפרעגט ווער דאס איז און פארלאנגט, אז
דו זאלסט אריין, ווי זי האט אונז ביידן אנגעזעהן מיטן רוהיגן בליק
פול פון טרויסט, אז מיר זיינען גליקליך! אז מיר וועלן
צוזאמען זיין גליקליך! — אלבערט איז איר ארויפ־
געפאלן אויפן האלז, האט זי געקושט און אויסגערופן: מיר
זיינען גליקליך! מיר וועלן עס זיין! — דער רוהיגער אלבערט האט
זיך אינגאנצן פארלארן, און איך האב גארנישט ניט געוואוסט פון
זיך אליין.

ווערטהער, האט זי אנגעהויבן, און אט די פרוי האט
געדארפט פון דער וועלט אוועק! גאט מיינער, צייטנווייז טראכט איך
ווי מ׳לאזט אוועקנעמען פון זיך דאס טייערסטע, און קיינער
פילט דאס ניט אזוי שארף אויסער די קינדער, וואס האבן זיך נאך

לאנג באקלאגט, אז די שווארצע מענטשן האבן אוועקגעטראגן די מאמא!

זי איז אויפגעשטאנען, און איך, צעשרויפט און צעטרייסלט, בין געבליבן זיצן האלטנדיג איר האנט. — לאמיר גיין, האט זי געזאגט, עס ווערט שפעט. — זי האט געוואלט ארויסציען איר האנט, און איך האב זי נאך שטארקער געהאלטן. — מיר וועלן זיך נאך ווידער זעהן, מיר וועלן זיך נאך טרעפן, האב איך אויסגערופן, צווישן פארשיידנסטע געשטאלטן וועלן מיר זיך דערקענען. איך גיי אוועק, האב איך צוגעגעבן, איך גיי אוועק מיטן אייגענעם ווילן, און דאך, ווען איך וואלט געדארפט זאגן: „אויף אויביג! וואלט איך נישט אויסגעהאלטן. זיי געזונט, לאטע! זיי געזונט, אלבערט! מיר וועלן זיך נאך זעהן! — מארגן, מסתמא, האט זי צוגעגעבן שמייכלענדיג. — איך האב געפילט אט דעם „מארגן! אך, זי האט נישט געוואוסט, בעת זי האט ארויסגעצויגן איר האנט פון מיינער. — זיי זיינען אוועק דורך די אלייע, איך בין געשטאנען, האב זיי נאכגעקוקט ביי דעם לבנה־ליכט, און האב זיך א װארף געטאן צו דער ערד, און זיך אויסגעוויינט, און זיך א הויב געטאן און ארויפגעפלויגן אויף דער טעראסע, און נאך געזעהן דארטן אונטן אינ׳ם שאטן פון די לינדנבוימער שימערירנדיג איר ווייסן קלייד צום טירל פון גארטן צו, איך האב אויסגעשטרעקט די הענט, און עס איז פארשוואונדן.

# צווייטעס בוך

דעם 20־טן אקטאבער 1771.

נעכטן זיינען מיר אהער אנגעקומען. דער קאנסול איז ניט מיט אלעמען, און וועט דא אַלזא פארבלייבען איניגע טעג. ווען ער וואלט נאר נישט געווען אזוי אנטיפאטיש, וואלט שוין אלץ גוט געווען. איך זעה, איך זעה, אז שווערע נסיונות האט פאר מיר דער גורל צוגעגרייט. אבער נאר גוטן מוט! א גרינגער געמיט קומט אלץ ביי! א גרינגער געמיט? עס רופט ארויס א שמייכל, ווי אזוי דאס דאזיגע ווארט קומט אין דער פעדער. אָ! א ביסל רוהי־געריע בלוט וואלט מיך געמאכט פארן גליקליכסטן אויף דער וועלט. וואס! דא, וואו אנדערע מיט זייער גארנישטיגער קראפט און טאלענט שטאלצירן פאר מיר אין רחבותדיגער גדלות, צווייפל איך אין מיין קראפט, אין מיינע כשרונות? גאט אין הימל, וואס אט דאס אלץ איז דיין גאב, פארוואס האסטו ניט פארהאלטן קיין העלפט פון דיין מתנה און ניט געשיינקט מיר קיין גלויבן אין זיך גופא, קיין באפרידיגונג?

געדולד! געדולד! ס׳וועט בעסער ווערן; ווארים איך זאג דיר, ליבער, דו ביזט גערעכט. זינט איך געפין זיך שטענדיג צווישן פאלק און זעה מיט וואס עס פארנעמט זיך און ווי עס ארבעט, פיל איך זיך אליין בעסער. געוויס, ווייל מיר זיינען שוין אזוי באשאפן, אז מיר פארגלייכן אלץ מיט זיך גופא און זיך גופא מיט אלץ, איז שוין דאָ גליק אדער אומגליק אין דעם אלעמען, מיט וואס מיר קומען אין בארירונג, און דעריבער איז גארנישט אזוי געפערליך, ווי די איינזאמקייט. אונזער כח־הדמיון, געטריבן דורך

זיין נאטור, צו דערהויבן זיך, געזעטיגט דורך פאנטאסטישע בילדער פון דער פאעזיע, מאלט זיך אויס א רייע וועזנס, וואו מיר זיינען דאס נידעריגסטע, און אלץ, וואס מחוץ אונז, קומט אונז פאַר הערליכער, פאלקאמענער. און דאס גייט צו גאנץ נאטירליך. מיר פילן אזוי אפט, אז עפעס פעלט אונז, און גראד דאס, וואס אונז פעלט, דאכט זיך אונז אפט, אז אנ׳אנדערער באזיצט דאס. ווען מיר גיבן נאך צו אט דאס אלץ, וואס מיר האבן, און דערצו נאך א געוויסע אידעאלע רחבות אויך, און אזוי איז דער גליקליכער אינגאנצן פארטיג — די יצירה פון אונז גופא.

פארקערט, ווען מיר באוועגן זיך אבער ביי אונזער גאנצער שוואכקייט און מי גראַד פארויס, זעהען מיר גאנץ אפט, אז מיר דערגייען ווייטער מיט אונזער שלעפן זיך און לאווירן, ווי אנדערע מיט זייערע זעגלען און רודערט — און — דאס איז דאך א אמתער געפיל פון דערקענען זיך גופא, ווען מיר גייען מיט אנדערע גלייך אדער מיר יאגן זיי נאך אריבער.

דעם 26־טן נאוועמבער 1771.

איך הייב זיך דא אן גאנץ גוט צו פילן. דאס בעסטע איז, וואס עס איז דא א סך צו טאן; היינט די פארשיידענע מענטשן, די כל־ערליי נייע געשטאלטן שאפן א בונטן בילד פאר מיין נשמה. איך האב זיך באקענט מיט דעם גראף ק״, א מאן, וועמען איך מוז מיט יעדן טאג אלץ מער פארערן, א מאן מיט א ברייטן און געזונטן שכל, וואס איז צוליב זיין ווייטן קוק נישט באגרעניצט, און פון וועמעס באציאונג עס לייכט אזוי פיל געפיל פאר פריינד־שאפט און ליבע. ער האט זיך פאראינטערעסירט מיט מיר, בעת איך האב אפגעפארטיגט א געשעפטליכן אויפטראג צו אים, און ביי די ערשטע ווערטער האט ער באמערקט, אז מיר פארשטייען זיך, אז ער קאָן מיט מיר רעדן, ווי ניט מיט יעדן איינעם. אגב קאן איך ניט געפינען קיין ווערטער אויף צו לויבן זיין אפענעם באנעמען זיך בנוגע מיר. עס איז נישטא אויף דער וועלט אזא אויפריכטיגע

ווארעמע פריידי ווי צו זעהן, ווי א גרויסע נשמה אנטפלעקט זיך פאר איינעם.

דעם 24־טן דעצעמבער 1771.

דער קאנסול פארשאפט מיר א סך פארדרוס; איך האב דאס פארויסגעזעהן. דאס איז דער פינקטליכסטער שוטה, וואס עס קאן נאר געבן; א טראט פאר א טראט און אפגעהיט ווי אן אלטע מוידי. א מענטש, וואס איז מיט זיך גופא קיינמאל נישט צופרידן, און וואס קיינער קאן אים דעריבער ניט צופרידן שטעלן. איך פארטיג מיר אפ לייכט די ארבעט, און ווי עס ווערט אפגעטאן, אזוי איז עס. איז ער אבער מסוגל אומקערן מיר א פאפיר, צו־געבנדיג דערביי: ס'איז גוט, זעהט אבער דאס דורך נאך א מאל; מ'געפינט תמיד א פאסיגערןווארט א בעסערן אויסדרוק. — דא קאכן מיר שוין אויף די בלוטן; — עס טאר נישט פארבלייבן קיין איין איינציגער „און" קיין איין שום בינד־ווארט, און פון יעדן אומ־געקערטן זאץ, וואס עס כאפט זיך ביי מיר א מאל אַרויס, איז ער א דם שונא. טאמער זינגסטו נישט נאך זיינע פעריאדן מיטן סקארבאוון נגון, זעהט ער דיך שוין גאר אן ווי א תם. איז דאס אן אפקומעניש, צו האָבן צו טאן מיט אזא מענטשן.

דער צוטרוי פון דעם גראף ק. איז דאס איינציגע, וואס עס באפרידיגט מיך. אנוסטן האט ער מיר גאנץ אויפריכטיג געזאגט, ווי ער איז אומצופרידן מיטן שלעפן און קווינקלען פון מיין קאנסול. אזוינע מענטשן מאכן נאר שווער סיי זיך סיי יענעם, מ'מוז אבער זאגט ער, נאכגעבן, גלייך ווי א רייזנדער, וואס מוז אריבער א בארג. געוויס, ווען דער בארג וואלט נישט געווען, וואלט געווען דער וועג א סך באקוועמער און קירצער; איז ער אבער יאָ דאָ, דארף מען אים אריבער! —

מיין אלטער שפירט אויך גוט די מעלות, וואס דער־גראף געפינט אין מיר לגבי אים, און דאס ערגערט אים, און ער לאזט נישט דורך קיין איין געלעגנהייט, אנצורעדן פאר מיר עפעס רכילות

אויפן גראף. איך שפאר אים נאטירליך איבער און דורכדעם ווערט די זאך נאר ערגער. נעכטן האט ער מיך גאר געהאט אויפ־געבראכט, ווייל ער האט מיך אויך געמיינט: אין וועלט־ענינים, הייסט עס, איז דער גראף גאנץ גוט צוגעפאסט, ער האט א גרויסע לייכט־קייט אין דער ארבעט און איז מיט א גוטער פען; אבער א גרינט־ליכע געלערנטקייט פעלט אים אבער פארט, ווי אלע בעלעטריסטן. דערצו האט ער געמאכט א מינע, ווי ער וואלט געזאגט: פילסטו דעם שטאך? עס האט מיר אבער נישט אנגעהויבן צו אַרן: איך פאראכט דעם מענטשן, וואס קאן אזוי טראכטן און אזוי האלטן זיך.

איך האב אים איבערגעשפארט און געהאלטן דעם ויכוח מיט ברען. איך האב געזאגט, אז דער גראף איז א מענטש, פאר וועמען מ'מוז האבן אכטונג, סיי צוליב זיין כאראקטער, סיי צוליב זיין וויסן. איך האב נאך קיין איינעם נישט געקענט, האב איך צוגעגעבן, וועמען עס זאל אזוי אפגליקן, צו פארברייטערן דעם גייסט, אזוי פילזייטיג באַרייכערן אים, און דערביי ניט פארלירן די טעטיגקייט פארן פשוטן לעבן. — דאס איז געווען פאר אים א שווערע הלכה, און כדי נישט אויפצורעגן זיך מער פון די ווייטערדיגע שטותערייען, בין איך אוועק.

און אין דעם זייט איר אלע שולדיג, וואס איר האט מיך אריינגעשפארט אין אט דעם דאזיגן יאך, און אזוי פיל געזונגען מיר פון זיין אקטיוו! זיין אקטיוו! אויב דער, וואס זייט קארטאפעל און פירט אין שטאט אריין זיין תבואה צו פארקויפן, טוט נישט מער ווי איך, בין איך מרוצה אפזיין נאך צען יאר אויף דער גאלערע, וואו איך בין אצונד צוגעשמידט!

היינט דער פרעכטיגער דלות, דער אומעט צווישן דעם העס־ליכן עולם, וואס דרייט זיך דא ארום! די להוטקייט נאכן ראנג צווישן זיי, רק מ'היט און מ'וואכט, איינער דעם צווייטן איבער־צושטייגן אויף א טראט. די ארימע, הארצרייסנדיגע ליידנשאפטן ממש מוטער־נאקעט. דא האסטו למשל א פרוי, וואס הערט נישט אויף צו דערציילן פאר יעדער איינציגן פון איר יחוס און פון איר לאנד, אזוי אז יעדער זייטיגער מוז טראכטן: אט איז דאס

א שוטה׳ וואס מאלט זיך אויס פון איר ביסעלע יחוס און האָב נסים ונפלאות. אבער וואס עס איז נאך ערגער פאר אלץ איז׳ וואס גראד די דאזיגע פרוי איז דעם דערבייאיגן אמטס־שרייבערס א טאכטער׳ — הער אויס׳ איך קאן דעם מין מענטשן נישט באַ־ גרייפן׳ וועמעס פארשטאנד עס איז אזוי קליין׳ אויף אזוי מגושמדיג זיך צו פארמיאוסן.

אמת׳ מיט יעדן טאג ווערט מיר קלערער׳ מיין ליבער׳ ווי נאריש עס איז אנדערע צו מעסטן נאך זיך נאך. און איך האב אזוי פיל צו טאן מיט זיך אליין׳ און דאס דאזיגע הארץ איז אזוי שטורעמדיג — אך׳ איך לאז גערן יעדערן גיין דורך זיין סטעזשקע׳ ווען זיי וואלטן אבער מיר אויך געקאנט לאזן.

וואס עס ערגערט מיך מער פאר אלץ׳ זיינען דאס די פאטאלע בעלי־הבתישע פארהעלטעניסן. אמת׳ איך ווייס אזוי גוט׳ ווי אן אנדערער׳ ווי נויטיג עס איז דער חילוק אין די שטאנדן׳ וויפל איך אליין געווין דערפון; נאר זאל עס מיר אבער ניט שטיין גראד דארטן אין וועג׳ וואו איך וואלט נאך געקאנט געניסן אויף דער וועלט א ביסל פרייד׳ א שימער פון גליק.

ניט לאנג האב איך זיך אויף א שפאציר־גאנג באקענט מיט א פריילן פאָן ב״׳ א ליבנסווערדיגער ווען׳ וואס האט אפגעהיט פיל נאטירליכעס אינ׳ם דאזיגן אנגעצויגענעם לעבן. אין דעם געשפרעך זיינען מיר איינער דעם צווייטן געפעלן געווארן׳ און געזעגענענדיג זיך האב איך געבעטן איר רשות קומען צו איר. זי האט דאס מיר ערלויבט מיט אזא פרייקייט׳ אז איך האב קוים געקאנט דערווארטן דעם כאסיגו מאמענט׳ גיין צו איר. אליין איז זי נישט קיין היגע און זי וואוינט ביי אירער א מומען. דער אנבליק פון דער אלטער האט ביי מיר ניט אויסגענומען. איך האב איר ארויסגעוויזן א גרויסע אויפמערקזאמקייט. מיין געשפרעך איז געווען מערסטן טייל געווענדט צו איר׳ און ווייניגער ווי אין א האַלבער שעה זיינען מיר געווארן אזוי נאהענט׳ אז דאס פריילן האָט פאר מיר שפעטער אליין ארויס־ געגעבן׳ אז איר ליבע טאנטעליידט אויף דער עלטער פון אלץ׳ זי האט ניט קיין אנגעזעהענעם פארמעגן׳ קיין שכל׳ קיין

שום שטיצע אויסער איר יחוס׳ קיין שום היטער אויסער דעם שטאנד׳ מיט וועלכן זי האט זיך ארומגעצוימט׳ קיין שום אנדער פארגעניגען ניט׳ ווי אראפקוקן פון איר סאַלקע אויף די בעל־הבתישע דורכגייער׳ אין איר יוגנט׳ זאגט זי׳ איז זי געווען א שיינע׳ און מיט איר קאפריז געפלאגט ניט ווייניג יונגע־לייט; שפעטער אבער׳ אין די בגרת־יארן׳ האט זי זיך אונטערגעגעבן אן אלטן אפיצער׳ וואס האט צוליב דעם׳ און צוליב זיין אנגעזעהענעם פארדינסט׳ אפגעלעבט מ׳ט איר דעם קופערנעם יארהונדערט און איז געשטארבען׳ אצונד אין דעם אייזערנעם יארהונדערט איז זי פארלאזן׳ און וואלט אזוי אויך געבליבן, ווען איר פלימעניצע וואלט נישט געווען אזא ליבע׳

דעם 8־טן יאנואר 1772·

וואס זיינען דאס פאר א מענטשן׳ וועמעס גאנצע נשמה איז נאר דער צערעמאניע איבערגעגעבן׳ וועמעס מחשבות אין רעיונות עס שטרעבן נאר יארן־לאנג דערצו׳ ווי ארייננצושפארן זיך העכער צום אויבנאן פון טיש׳ כאטש נאר אויף איין ארט! און ניט׳ וואס מ׳זאל זאגן׳ אז אויסער דעם וואלטן זיי קיין טעטיגקייט נישט געהאט: אדרבה׳ די ארבעט קלייבט זיך אן׳ ווייל גראד צוליב די קליינליכע פארדרוסן פארטיגט מען נישט אפ די וויכטיגע זאכן׳ פאראכטאגן איז ביים שליטלען זיך פארגעקומען א גאנצע מעשה׳ און די שמחה איז געווען פארשטערט׳

די נאראנים׳ וואס זעהען נישט׳ אז׳ אין פלוג׳ מאכט גאר דער אָרט נישט אויס׳ און אז דער׳ וואס האט דעם ערשטן׳ שפילט אזוי זעלטן די ערשטע ראלע! ווי אפט ווערט א קיניג געפירט פון זיינע מיניסטארן׳ און א מיניסטער פון זיין סעקרעטאר! און ווער איז אלזא דער ערשטער? מיר דוכט אט דער׳ ווער עס דרינגט דורך אנדערע און האט אזוי פיל גוואלט אדער חריפות אנ־צושפאנען זייערע כחות און ליידנשאפטן אויף צו פארווירקליכן זיינע אייגענע פלענער׳

דעם 20־טן יאנואר׳

איך מוז אייך שרייבן פון דאנען׳ ליבע לאטע׳ פון דעם צימערל פון א פשוטער פויערים־קרעטשמע׳ וואו איך באהאלט זיך אויס פארן שלעכטן וועטער׳ כל־זמן איך האב זיך ארומגעדרייט אין דעם עלנטן ווינקל ד׳ צווישן דעם פרעמדן׳ פאר מיין הארצן לחלוטין פרעמדן פאלק׳ האב איך קיין איין אויגנבליק נישט געהאט׳ קיין איינעם׳ ווען מיין הארץ זאל מיר הייסן׳ שרייבן צו אייך׳ און אצונד אין דעם דאזיגן געצעלטל׳ אין דער דאזיגער איינזאמקייט׳ אין אט דער איינגשאפט׳ וואו שניי און האגל קלאפט אין מיין פענסטערל׳ דא זייט איר מיין ערשטער געדאנק געווען׳ ווי איך בין אריינגעקראטן האט מיך אייער געשטאלט באפאלן׳ אייער אנ־דענקען׳ אָ לאטע! — אזוי הייליג׳ אזוי פול! ליבער גאט! דער ערשטער גליקליכער מאמענט נאך א מאל!

ווען איר וואלט מיך געזעהן׳ מיין טרייע׳ אין דעם בארג פון די צעשטרויאונגען! ווי אפגעטעמפט עס ווערן מיינע חושים! קיין איין מאמענט פון דער פולקייט פון דעם הארצן׳ קיין איין גליקליכע שעה! פוסט! פוסט! איך שטיי ווי פאר א קאסטן מיט וואונדערזאכן׳ און זעה ווי עס קריכן ארום די מענטשעלאך און די פערדעלאך׳ און איך פרעג זיך אפט׳ אויב ס׳איז נישט קיין פארבלענדעניש׳ איך שפיל אויך מיט׳ אדרבה׳ מ׳שפילט מיט מ׳ר׳ ווי מיט א מאריאנעטקע׳ און אפטמאל נעם איך אן מיין שכן פאר זיין הילצן הענטל און גיב א שוידער אויף צוריק׳ אינאוונט נעם איך אויף זיך צו געניסן דעם זונען־אויפגאנג און גיי נישט אראפ פון בעט; בייטאג האף איך צו פרייען זיך פון דעם לבנה־ליכט׳ און בלייב אין מיין צימער׳ איך ווייס נישט קלאר׳ צוליב וואס איך שטיי אויף׳ צוליב וואס איך גיי שלאפן׳

די הייוון, וואס פלעגט אויפשוימען מיין לעבן׳ פעלט; דער רייץ׳ וואס פלעגט מיך מונטער אויפהאלטן אין די טיפע נעכט׳ איז אוועק׳ וואס פלעגט מיך וועקן אינדערפרי פון שלאף׳ איז שוין נישטא׳

איין איינציגן ווייבליכן וועון האב איך דא געפינען׳ א פריילן פאן ב׳; זי איז ענליך אָן אייך׳ טרייע לאטע, אויב מ׳קאן זיין

ענליך אָן אייך, עי! וועט איר זאגן, דער מענטש לאזט זיך אריין אין ליבינקע קאמפלימענטן! אינגאנצן פאלש איז דאס ניט, פון א געוויסער צייט בין איך טאקע זעער אנשטענדיג, ווייל אנדערש קאן איך דאך נישט; איך בין זעער וויציג, און ביי די פרויען הייסט עס: קיינער האט נישט געקאנט אזוי פיין זאגן שבחים, ווי איך (און צו לייגן, גיט צו; ווייל אן דעם קאן מען זיך ניט באגיין, איר פארשטייט?). כ׳האב געוואלט רעדן וועגן פריילן פאָן ב.: זי האט א סך נשמה, וואס קוקט פול ארויס פון אירע בלויע אויגן. איר יחוס איז איר צו לאסט, וואס באפרידיגט ניט קיין איין וואונש פון איר הארצן, זי לעכצט צו באפרייען זיך פון דעם קאך, און איינינגע שעהן פאנטאזירן מיר אפּ פון דעם ריינעם גליק, פונ׳ם נאטור־לעבן; אך! און פון אייך! ווי אפט מוז זי אייך לויבן! נישט זי מ׳ז, נאר זי טוט עס פריי, זי הערט אזוי גערן פון אייך, זי לויבט אייך. —

אָ, ווען איך וואלט געזעסן ביי אייך צופוסן אין דעם ליבן, געמיטליכן צימערל און אונזערע קליינע קינדערלאך וואלטן זיך ארומגעדרייט ארום מיר, און ווען זיי וואלטן אייך צו שטארק געטומלט, וואלט איך זיי דאן מיט א פחד־פולער מעשהלע ארומגערינגלט ארום זיך און איינגעשטילט זיי.

די זון פארגייט הערליך איבער דער שניי־גלאנצנדיגער געגנט דער שטורים איז פארביי, און איך — איך מוז זיך ווידער פארשפארן אין מיין שטייגל. — א גוטן! איז אלבערט ביי אייך? און ווי? — זאל מיר גאט מוחל זיין אט די פראגע!

### דעם 8־טן פעברואר.

שוין אכט טאג צייט ווי מיר האבן דא א העסליכן וועטער, און פאר מיר איז דאס גוט, ווארים זינט איך בין דא האט מיר נאך קיין איין שיינער טאג ניט געלויכטן אויפן הימל, וואס עמיצער זאל אים נישט האבן מיר פארדארבן אדער פארסמט. איצט אבער, אז עס רעגנט, עס דרייט דער שניי, עס פרירט און לאָזט, א! — טראכט איך — קאן דאך אין שטוב נישט זיין ערגער, ווי אין דרויסן, אדער

פארקערט, און ס׳איז גוט. און גייט אויף די זון אינדערפרי און זאגט צו א שיינעם טאג, קאן איך זיך קיינמאל נישט בייקומען ניט אויס־צורופן: אט האבן זיי ווידער א גאב פון הימל, וואס זיי קאנען איינער דעם צווייטן פארדארבן! ס׳איז נישטא קיין זאך, זיי זאלן איינער דעם צווייטן נישט פארדארבן! דעם געזונט, דעם גוטן שם, די פרייד, דעם אפרו, און דאס רוב אויס שטותעריי, צוליבן קליינעם שכל, צוליב באגרעניצטקייט, און הערסטו זיי צו, איז גאט די נשמה שולדיג! אפטמאל וויל איך זיי בעטן אויף די קני, נישט אזוי משוגע צו ווילדעווען אין זייער אייגענער אינגעווייט.

דעם 17־טן פעברואר.

איך האב מורא, אז צווישן דעם קאנסול און מיר וועט נאך ניט קיין לאנגע צייט אויסהאלטן. דער מענטש איז לחלוטין אומדער־טרעגליך, זיין שטייגער צו ארבעטן און פירן די געשעפטן איז אזוי לעכערליך, אז איך קאן זיך ניט איינהאלטן ניט איבערצושפארן אים און אפטמאל אפפארטיגן א זאך נאך מיין אייגענעם שטייגער און פארשטאנד, וואס עס איז אים, נאטירליך, קיינמאל ניט געפעלן. וועגן דעם האט ער זיך די טעג געקלאגט אויף מיר אין הויף, און דער מיניסטער האט מיר געמאכט, אמת, א לייכטן, אויסריידי, ס׳איז אבער פארט געווען אן אויסרייד; איך האב געהאט דעריבער בדעה אנצו־געבן זיך אין דעמיסיע, ווי איך האב באקומען פון אים א פריוואטן בריוו, א בריוו, פאר וועלכן איך האב זיך געבוקט, פארגעטערנדיג דעם הויכן, איידעלן און טיפן גייסט. ווי ער פארשטייט ריכטיק מיין צו־שטארקע עמפינדליכקייט, ווי ער שעצט מיינע איבערטריבענע השגה פון טעטיגקייט, פון השפעה אויף אנדערע, פון דורכדרינגען אין געשעפטן, קוקנדיג, אמת, אויף דעם ווי אויף א יוגנטליכן דראנג; ער זוכט אבער ניט אויסצוראטן דאס, נאר צו מילדערן, און זעהט אנווענדן א היין, וואו עס קאן געפינען זיין רוים און מאכן א געזונטע ווירקונג! בין איך טאקע אויף א וואך געשטארקט געווארן און מיט מיר אליין געמאכט שלום. די רוה פון דער נשמה איז

א טייערע זאך און א ברכה פאר זיך אליין. טרייער פריינד! ווען דער אוצר וואלט נאר נישט אזוי עלול געווען אויף צו צעברעכן זיך, ווי שיין און טייער ער איז!

דעם 20־טן פעברואר.

גאט זאל אייך בענטשן, מיינע טייערע, זאל ער אייך געבן די אלע גליקליכע טעג, וואס ער נעמט ביי מיר אוועק!

א דאנק דיר אלבערט, וואס דו האסט מיך אפגענארט: איך האב געווארט אויף דער ידיעה, ווען עס וועט זיין אייער חתונה, און געהאט גענומען אויף זיך, גלייך אין דעם זעלבן טאג פייערליך אראפצונעמען לאטעס ס׳לועט פון וואנט, און פארגראבן אים צווישן די איבעריגע פאפירן. אצונד זייט איר שוין א פאר־פאלק און איר בילד איז נאך דא! טא זאל עס בלייבן! היינט פארוואס ניט? איך ווייס, אז איך בין דאך אויך דא צווישן אייך, ניט שאַדנדיג דיר בין איך אין לאטעס הארץ, איך פארנעם, יא איך פארנעם דארטן דעם צווייטן ארט, און איך וויל א׳ם באהאלטן, איך מוז אים באהאלטן, אָ, איך וואלט משוגע געווארן, ווען זי וואלט געקאנט פארגעסן — אלבערט, אין אט דעם געדאנק ליגט א גיהנום! אלבערט, א גוטן דיר! א גוטן דיר מלאך פון הימל! א גוטן, לאטע!

דעם 15־טן מערץ.

איך האב דא געהאט א פארדרוס, וואס וועט מיך פארטרייבן פון דאנען. איך בייס א צאן אויף א צאן! צום טייוול! מ׳קאן דאס ניט פארריכטן, און נאר איר אליין זייט אין דעם שולדיג, וואס איר האט מיך געהיצט און געטריבן אין געפייניגט, איך זאל אננעמען א פּאָסטן, וואס איז געווען לחלוטין ניט פאר מ׳י־י. איז אט האב איך! אט האט איר אויך! און כדי דו זאלסט נישט זאגן, אז מיין איבערטריבענע השגה פטרט אלץ, א׳ז האסטו דא, ליבער הער, א מעשה, ש׳ין און פיין, ווי א כראניק־שרייבער וואלט אנגעשריבן.

דער גראף פון ק׳ האט מיך ליב׳ צייכנט מיך אויס׳ דאס איז באוואוסט׳ דאס האב איך דיר שוין א מאל הונדערט געזאגט׳ און אט בין איך נעכטן ביי אים געווען צום טיש׳ גראד דעם זעלבן טאג׳ ווען אינאווענט קומט זיך צונויף צו אים די נאבעלע געזעלשאפט פון הערן און דאמען׳ וועגן וועלכע איך האב נישט געטראכט׳ און ס׳איז מיר אפילו נישט איינגעפאלן׳ אז מיר אונטערטעניגע געהערן נישט אהין׳ גוט׳ איך בין ביים גראף צום עסן און נאכן טיש שפאצירן מיר איבערן זאל׳ איך שמועס מיט אים׳ מיטן פאלקאווניק ב׳׳ וואס קומט דערביי אריין׳ און אזוי ארום דערנעהנטערט זיך די שעה פון דער געזעלשאפט׳ גאט ווייס׳ אז איך טראכט פון גארניט׳ דא קומט אריין די הויכגנעדיגע דאמע פאן ס׳ מיט איר הער געמאל און גוט אויסגעשטאפטער גענזל דער טאכטערל׳ מיט איר פלאכער ברוסט און אנגעשנירלטער פיגור׳ א דורכגייענדיג en passant׳ קוקן זיי ארויף מיט זייערע הויך אדעלע אויגעלאך און קרימען מיט די נעזלאכער; אזוי ווי די אומה איז מיר פון הארצן דערווידער׳ האב איך שוין געוואלט אוועקגיין׳ און נאר געווארט׳ ביז דער גראף וועט זיך באפרייען פון דעם העסליכן פלאפלען׳ ערשט מיין כריילן ב׳ גייט אריין. ווייל דאס הארץ הויבט אן שטענדיג א ביסל צו באוועגן זיך׳ ווען איך זעה זי׳ בין איך מיר געבליבן׳ געשטעלט זיך הינטער איר שטול׳ און כ׳האב ערשט אין א היבשער ווײלע ארום באמערקט׳ אז זי רעדט מיט מיר נישט אזוי אפן׳ ווי תמיד׳ נאר מיט א געוויסער פארלעגנהייט׳ דאס איז מיר אויפגעפאלן׳ איז זי אויך ווי אט די גאנצע אומה? האב איך געטראכט, כ׳האב געפילט א שטאך׳ און געוואלט גיין; איך בין אבער דאך געבליבן׳ ווייל איך וואלט איר גערן מוחל געווען׳ און איך האב דאס נישט געגלויבט׳ האב נאך געהאפט צו הערן פון איר א גיט ווארט׳ און — וואס דו ווילסט׳ דערווייל פארגרעסערט זיך די געזעלשאפט׳ באראן פ׳ א׳יסגעפוצט אין דער גאנצער גארדעראבע פון דער קרוינונגס־צייט פון פראנץ דעם ערשטן׳ דער הויפראט ר׳׳ ווערמען מ׳רופט דא אבער in qualitate׳ הער פאן ר׳׳ מיט זיין טויבער ווייב א׳ א׳ ווי׳ יא׳ ניט צו פארגעסן דעם אפגעניצטן י׳׳ וואס האט פארלאטעט די לעכער פון זיינע אלט פרענקישע מלבושים

מיט ניי מאדישע לאטעס. דער עולם קלייבט זיך אויף, און איך רייד מיט אייניגע פון מיינע באקאנטע, וואס זיינען אלע זעער לאקאניש מיט מיר. איך קוק בלויז אויף מיין פריילן ב.; איך האב נישט באמערקט, ווי אין ווינקל פון זאל שושקען זיך די דאמען, ווי עס צירקולירט אויף די מענער, ווי פרוי פאן ס. רעדט מיטן גראף (דאס אלץ האט מיר דערנאך פריילן ב. דערציילט), ביז דער גראף גייט צו צו מיר און פירט מיך צו צום פענסטער. — איר ווייסט דאך, זאגט ער, אונזערע מאדנע פארהעלטעניסן: איך מערק, אז די געזעלשאפט איז אומצופרידן מיט דעם וואס איר זייט דא. איך האב בשום אופן ניט געוואלט . . . — אייער עקסצעלענץ, האב איך אים איבערגעשלאגן, איך בעט טויזנט מאל מיר מוחל זיין; איך האב נאך געדארפט פריער וועגן דעם טראכטן, און איך ווייס, אז איר וועט מיר פארצייען מיין ניט אויסגעהאלטנקייט. איך האב נאך געוואלט פריער אוועקגיין, א בייזער רוח האט מיך אבער פאר־האלטן, האב איך צוגעגעבן שמייכלענדיג, און זיך פארנויגט. — דער גראף האט מיר געדריקט די הענט מיט א געפיל, וואס האט אלץ איבערגעגעבן. איך בין שטיל ארויס פון דער הויכער געזעלשאפט, בין אוועק, זיך געזעצט אין א קאבריאלעט און אוועקגעפארן קיין מ., כדי דארטן פון בערגל זעהן ווי עס פארגייט די זון, און דערביי לייענען בא מיין האמערן דעם הערליכן געזאנג, ווי דער גוטער חזרים־פאסטאך נעמט אויף אוליסן. דאס אלץ איז געווען גוט.

שפעטער קום איך צוריק צום טיש, אייניגע זיינען נאך געווען אין דעם גאסט־צימער, מ'האט פארקאשערט א ברעג טיש־טאך און געשפילט אין צייכן. דא קומט אריין דער אויס־געהאלטענער א., לייגט אוועק זיין הוט און קוקט מיך אן דערוויל, גייט צו צו מיר און רופט זיך אן שטילערהייט: האסט געהאט עגמת נפש? — איך? האב איך זיך אנגערופן. — דער גראף האט דיך ארויסגעשיקט פון דער געזעלשאפט. — כאפט זיי דער טייוול! האב איך צוגעגעבן, עס האט מיר הנאה געטאן, וואס איך בין ארויס אויף דער פרייער לופט. — גוט, זאגט ער, וואס דו מאכסט דאס לייכט אוועק מיט דער האנט! עס פארדריסט מיר אבער,

וואס אומעטום רעדט מען שוין פון דעם. — דא האט מיך ערשט אנגעהויבן די מעשה צו טאטשען. אלע, וואס זיינען געקומען צום טיש און האבן מיך אנגעקוקט, האט מיר אויסגעזעהן, אז נאר צוליב דעם קוקן זיי מיך אָן! דאס האט אויפגערייצט די בלוטן.

היינט איצטער האסטו גאר אזוי; וואו איך גיב א טראט, באדויערט מען מיך, מיינע ניט־פארגינער טריאומפירן און טענהן, אז אט לאז מען זעהן, צו וואס עס דערגייען די בעל־גאוהס, וואס האלטן פון זיך גאט ווייס וויפל, און מיינען דעריבער, אז אלץ טארן זיי שוין, און ווייס איך נאך וואס פון דעם מין בילן — דעמאלט ווילט זיך א מעסער אין הארצן ארייננשטעכן; ווארים מ׳מעג רעדן פון זעלבשטשטענדיגקייט, וואס מ׳וויל, איך וואלט אבער געוואלט יענעם זעהן, ווער עס וואלט געקאנט דולדן, ווען כלבים בארעדן אים, ווען זיי קאנען עפעס אויסשפילן דערביי. ווען זייער פלאפלען איז א שטותעריי, אך! דעמאלט קאן מען דאס לייכט אוועקמאכן מיט דער האנט.

דעם 16־טן מערץ.

אלץ רייצט מיך אויף. היינט טרעף איך פריילן ב. אין דער אלייע. איך האב זיך נישט געקאנט איינהאלטן ניט אנהייבן צו רעדן מיט איר, און ווי מיר האבן זיך נאר עטוואס דערווייטערט פון דעם עולם, ארויסוויזן איר ווי איך האב אויפגענומען איר נעכטיגן האלטן זיך — אָ, ווערטהער! האט זי זיך אנגערופן מיט א אינערלי־כער שטים, ווי אזוי קאנט איר, וויסנדיג מיין הארץ, אזוי אויסטייטשן מיין פארלארנקייט? וויפל האב איך דורכגעליטן צוליב אייך פון דעם מאמענט אָן, ווי איך בין ארייין אין זאל! איך האב אלץ געזעהן פארויס; הונדערט מאל איז מיר געלעגן אויף דער צונג, אייך דאס צו זאגן. איך האב געוואוסט, אז גיכער וועלן פאָן ס. און ט. אוועק־גיין, איידער פארבלייבן אין אייער געזעלשאפט; איך האב געוואוסט, אז דער גראף טאר מיט זיי נישט איינרייסן — און איצטער, דער געפילדער! — וואס, פריילן? האב איך געזאגט, און פארבארגן מיין

שרעק׳ ווארים אט דאס אלץ׳ וואס אַדעלין האט מיר נעכטן געזאגט׳ איז מיר אין דעם אויגנבליק ווי זודיג וואסער דורכגעלאפן דורך אלע אברים. — וויפל האב איך שוין געהאט אויסצושטיין! האט צוגעגעבן דאס ליבע ווען׳ און טרערן זיינען ביי איר געשטאנען אין די אויגן — איך האב מער נישט געהאט קיין שליטה אויף זיך אליין׳ און געוואלט א יזארף טאָן זיך צו אירע פיס. — זאגט אלץ! — האב איך אויסגערופן׳ — טרערן האבן זיך געקייקלט איבער אירע באקן׳ איך בין געווען צעטרייסלט. זי האט זיי אפגעווישט׳ נישט וועלנדיג צו באהאלטן זיי פאר מיר. — מיין מומען קענט איר׳ האט זי אנגעהויבן׳ זי איז געווען בשעת מעשה און האט׳ אך! מיט וואס פאר א אויגן האט זי דאס אנגעקוקט! נעכטן ביינאכט און היינט איני־דערפרי. האב איך געמוזט אויסהערן מוסר וועגן מיין באציהונג צו אייך; איך האב געמוזט צוהערן ווי מ׳באליידיגט און ווי מ׳דער־נידעריגט אייך׳ און איך האב נאר געקאנט׳ איך האב נאר געטארט האלב איינשטעלן זיך פאר אייך. — יעדעסווארט׳ וואס זי האט גע־זאגט׳ איז ווי א מעסער דורכגעגאנגען דורך דאס הארץ; זי האט נישט געפילט׳ וואס פאר א חסד עס וואלט געווען׳ ווען זי וואלט דאס אלץ פארשוויגן. — היינט איצט׳ גיט זי נאך צו׳ וואס פאר א רכילות עס וועט דאס אוועק׳ ווי געוויסע מענטשן וועלן דאס קלייבן נחת דערפון׳ ווי מ׳וועט זיך קייכן און פרייען איבער מיין שטראָף פאר מיין גאוה און האלטן אנדערע פאר קליין׳ וואס מ׳ווארפט שוין מיר אויף פון לאנג. אט דאס אלץ׳ ווילהעלם׳ צו הערן פון איר׳ ארויסגעזאגט מיט א שטים פון אויפריכטיגן מיטפילן — איך בין געווען א צעשטערטער׳ און איך קאן נאך ביז איצט נישט קומען צו זיך׳ כ׳וואלט וועלן׳ אז עמיצער זאל זיך דערוועגן מיר דאס אויפצוווארפן׳ אז איך זאל אים קאנען דעם שפיז ארייגשטעכן אין הארצן; ווען איך וואלט געזעהן בלוט׳ וואלט מיר געווארן בעסער. אך! איך האב א מאל הונדערט אנגעכאפט א מעסער׳ כדי פרייער מאכן אט דעם פארפרעסטן הארצן. מ׳דערציילט פון א איידעלן סאָרט פערד׳ אז בעת זיי זיינען דערהיצט און פארמאטערט׳ בייסן זיי זיך אליין איבער אינסטינקטיוו אן אָדער׳ כדי צו מאכן גרינגער דעם אטעם.

אזוי איז מיט מיר אפטמאל; איך וויל זיך אָן אָדער עפּענען, וואס זאל מיר די אויביגע פרייקייט שאפן.

דעם 24־טן מערץ.

איך האב פארלאנגט פון הויף מיין באפרייאונג, און איך וועל זי, האף איך, באקומען, און איר וועט מיר מוחל זיין, וואס איך האב צוערשט נישט געגומען אייער הסכם. איין מאל מוז איך דאך פארט אוועקגיין, און וואס אזוינס איר האט צו זאגן, כדי איינרעדן מיך צו בלייבן, ווייס איך אלץ — טא דערלאנג דאס אלזא דער מאמען א ביסל צוגעווירצט! איך קאן זיך גופא נישט העלפן, און זי מוז שלום מאכן מיטן געדאנק, אויב איך קאן איר אויך ניט העלפן. נאטירליך מוז דאס איר ווי טאָן. דעם פיינעם שפרונג, וואס איר זון האט זיך אנגעמאסטן צו געבן, גלייך צום געהיימראט און קאנסול, און דא מיטאמאל צוריק מיטן פערדל אין שטאל אריין! איר קאנט אייך דרינגען דערפון, וואס איר ווילט, און קאמבינירט די מעגליכע פאלן,ביי וועלכע איך וואלט יא געקאנט בלייבן און געדארפט בלייבן; א סוף, איך גיי אוועק, און כדי איר זאלט וויסן, וואו מיין געביין קומט אהין, האט איר דעם פירסט ***), וואס האט פארגעניגן אין מיין מסיבה, אז ער האט זיך דערוואוכט פון מיין כוונה, האט ער מיך פאר־בעטן צו זיך אין זיינע גיטער, פארברענגען דארטן אינאיינעם דעם שיינעם פרילינג. איך זאל, הייסט עס — אזוי האט ער צוגעזאגט — געהערן זיך אינגאנצן, און ווייל ביז א געוויסן פונקט גייען מיר זיך צונויף, וויל איך פרובן דעם מזל און גיין מיט אים.

## אַלס הוספה

דעם 19־טן אפריל.

א דאנק פאר דיינע ביידע בריוו. איך האב דיר נישט געענט־פערט, ווייל איך האב געווארט מיטן שרייבן ביז דער הויף וועט אננעמען מיין דעמיסיע; איך האב זיך געשראקן, אז די מאמע קאן

זיך נאך ווענדן צום מיניסטער און מאכן שווערער מיין פלאן. איצ־טער אבער איז עס שוין געשעהן, די דעמיסיע איז אנגענומען. איך וועל אייך גארניט זאגן, ווי נישט גערן מ׳האט מיר זי ארויסגעגעבן און וואס עס שרייבט מיר דער מיניסטער. איר וואלט שוין גענומען נייע קלאָג־לידער זינגען. דער יורש־עצר האט מיר צוגעשיקט צום אפשייד פינף און צוואנציג דוקאטן און דערביי א פאר ווערטער, וואס האבן מיך ביז טרערן גערירט; איך דארף אלזא נישט האבן דאס געלט פון דער מאמען, וואס איך האב אנומלט געשריבן.

דעם 5־טן מאי.

מארגן לאז איך זיך אין וועג ארייין, און ווייל מיין געבורטס־אָרט ליגט סך הכל זעקס מייל פון וועג, וויל איך אים נאך אמאל זעהן, איך וויל זיך דערמאנען אָן די אלטע, גליקליכע, פארחלומטע טעג. ניט אנדערש ווי דורך אט דעם טויער וויל איך אריין, דורך וועלכן מיין מאמע איז מיט מיר ארויסגעפארן, בשעת זי האט נאכ׳ן טאטנס טויט פארלאזן דעם ליבן, חיותדיגן ווינקעלע, כדי זיך אריינ־צושפארן אין דער אומדערטרעגליכער שטאט. א גוטן, ווילהעלם! פון מיין נסיעה וועסטו הערן.

דעם 9־טן מאי.

מיט דעם גאנצן יראת הכבוד פון א פיליגרים בין איך עולה־רגל געווען אין מיין היימאט, און א סך אומדערווארטע געפילן האבן מיך דורכגענומען. לעבן דעם גרויסן לינדן־בוים, וואס שטייט ביי א פערטל שעה פון שטאט צו דעם זייט פון ס. צו, האב איך געהייסן אפשטעלן זיך; כ׳בין אראפ, געהייסן דעם קוטשער ווייטער פארן, כדי צו פוס געניסן פון דאס ביי אין מיין הארץ יעדע ערינערונג. אט שטיי איך אונטער דעם לינדן־בוים, וואס איז א מאל, בשעת איך בין געווען א אינגל, געווען דאס ציל און דער תחום פון מיינע שפאצירגיינג. וואס פאר א שנוי! דעמאלט האב

איך אין גליקליכן אומוויסן געביינקט א הין אין די אומבאקענטע וועלט אריין, וואו איך האב געהאפט קריגן פאר מיין הארץ אזוי פיל געניוס, אויסצופילן און צו באפרידיגן מיין שטרעבענד־ביינקענ־דיגע הארץ. איצט קום איך צוריק פון דער ברייטער וועלט — אָ, מיין פריינד! מיט וויפל נישט פארווירקליכטע האפענונגען, מיט וויפל צעשטערטע פלענער! — איך האב אנגעזעהן דעם בארג ליגנדיג פאר מיר, וואס איז טויזנט מאל געווען דער פונקט פון מיינע וואונשן. שעהן־לאנג פלעג איך קאנען אפזיצן דא ביינקענדיג, מיט דעם תוך פון דער נשמה פארלירן זיך אין די וועלדער, אין די טאלן, וואס פלעגן זיך אזוי ליב פארשטעלן פאר מיינע אויגן, און ווען איך פלעג שפעטער, אין דער באשטימטער צייט, מוזן אוועקגיין צוריק, מיט וואס פאר א ווידערווילן פלעג איך פארלאזן אט דעם ליבן ערטעלע! — איך בין געקומען נעהנטער צו דער שטאט; די אלטע גארטנ־הייזלאך האב איך געגריסט, די נייע זיינען מיר געווען דערווידער, און אזוי אויך די אלע שנוים, וואס זיינען פארגעקומען חוץ דעם. איך בין אריין אין טויער און האב גלייך זיך אליין אינגאנצן ווידער דערשפירט. ליבער, איך וויל זיך נישט ארייננלאזן אין קיין פרטים, ווי רייצנדיג עס איז אויס־געקומען פאר מיר, אזוי אייגטאניג וועט עס ארויס אין דער דערציילונג. — איך האב באשלאסן וואוינען אויפן מארק, גלייך טאקע לעבן אונזער אלטער שטוב. גייענדיג האב איך באמערקט, ווי אונזער אלטער שול־בנין, וואו א ערענטליכע זקנה האט געהאט אונז קינדער צוזאמענגעשטיקט, איז אין א קרעמל פארוואנדלט געווארן. איך האב זיך אנגעהויבן דערמאנען אן דער אומרוהיגקייט אן דעם געוויין, אן דער טעמפקייט פון פארשטאנד, אן דער הארץ־קלאפעניש, וואס איך בין אויסגעשטאנען אין דעם דאזיגן העק. — איך האב נישט געגעבן קיין טראט, אז ער זאל נישט זיין פאר מיר מערקווירדיג. א עולה־רגל אין דעם הייליגן לאנד, געפינט נישט אזוי פיל ערטער פון רעליגיעזע זכרונות, און איך ווייס נישט, אויב זיין נשמה איז אזוי פול פון הייליגער באוועגונג. — נאך א ערינע־רונג, איינע פון טויזנט. איך בין געגאנגען אראפ טייך ביז אגעוויסן

הויף; דאס איז אויך געווען א מאל מיין וועג׳ און איינער פון די ערטעלאך׳ וואו מיר אינגלאך פלעגן זיך לערנען׳ אז די פלאכע שטיינדלאך׳ וואס מיר ווארפן אויפן וואסער׳ זאלן וואס מער מאל אפשפרינגען. איך האב זיך אנגעהויבן דערמאנען אזוי לעבעדיג׳ ווי איך פלעג אפטמאל שטיין און נאכקוקן דעם וואסער׳ מיט וואס פאר א געפילן פון וואונדער איך פלעג עס באגלייטן׳ ווי סודות־פול איך פלעג זיך פארשטעלן די געגנטן׳ וואוהין דאס וואסער פליסט׳ און ווי איך פלעג באלד געפינען א גרעניץ פאר מיין כוח הדמיון׳ און פונ־דעסטוועגן פלעג איך מוזן גיין אלץ ווייטער און ווייטער׳ ביז איך פלעג זיך אינגאנצן פארלירן אין דעם דמיון פון א נישט זעהענדיגער ווייטקייט. — פארשטייסטו׳ מיין ליבער׳ ווי באגרעניצט און ווי גליקליך עס זיינען אונזערע אור־עלטערן געווען! אזוי קינדיש זייער געפיל׳ זייער דיכטונג! ווען אוליס רעדט פון דעם ים׳ וואס האט קיין גרונט נישט׳ און פון דער ערד׳ וואס האט קיין ברעג נישט׳ דאס איז אזוי וואר׳ אזוי מענטשליך׳ טיף׳ באגרעניצט און סודות־פול׳ וואס העלפט מיר׳ ווען איך קאן אצונד מיט יעדן שול־קינד נאכזאגן׳ אז זי איז קייל־עכדיג? דער מענטש דארף נאר א קליין שטח׳ כדי גליקליך צו זיין אויף אים׳ נאך ווייניגער׳ כדי צו רוען אונטער אים.

אט בין איך שוין אין דעם פירסטליכן יאגד־שלאס. ס׳לאזט זיך גאנץ גוט לעבן מיט אים; ער איז אויפריכטיג און פשוט. מאדנע מענטשן דרייען זיך לעבן אים ארום׳ וועלכע איך קאן גאר נישט באַ־גרייפן. זיי זעהען נישט אויס צו זיין קיין פאלשע׳ זיי זעהען אבער אויך נישט אויס ווי קיין ערנטליכע מענטשן; טיילמאל קומען זיי מיר פאר ווי ערליכע, און איך קאן זיי פארט נישט געטרויען. וואס עס פארדריסט מיר אבער מער פאר אלץ איז׳ וואס ער רעדט אפט פון זאכן׳ פון וועלכע ער האט נאר געהערט אדער געלייענט׳ און טאקע פון דעם אייגענעם שטאנדפונקט׳ ווי דער צווייטער האט אים איבערגעגעבן.

היינט שעצט ער אויך מיין פארשטאנד און מיין טאלענט מער ווי דאס דאזיגע הארץ׳ וואס איז דאך מיין איינצ־יגער שטאלץ׳ וואס איז נאר אליין דער קוואל פון דעם אלעמען׳ פון דער גאנצער קראפט׳ פון

דעם גאנצן גליק און דעם גאנצן אומגליק. אך! וואס איך ווייס, קאן יעדערער וויסן — מיין הארץ האב איך אליין.

דעם 25־טן מאי.

איך האב געהאט עפעס במחשבה, וועגן וואס אי״ האב אייך נישט געוואלט זאגן, איידער ס׳איז נישט פארווירקליכט געווארן: איצט, אז עס איז גארנישט ארויסגעקומען, איז דאס אויך גראד אזוי גוט. איך האב געוואלט גיין אויף מלחמה; מיך האט לאנג געצויגן דערצו. דעריבער אייגנטליך בין איך געגאנגען אהער מיטן פירסט, וואס איז גענעראל אין... אויף א שפאציר־גאנג האב איך אים דערציילט מיין כוונה; ער האט מיך אפגעשלאגן, און עס וואלט געמוזט ביי מיר גיכער זיין ליידנשאפט ווי קאפריז, ווען איך וואלט נישט געפאלגט זיינע רייד.

דעם 11־טן יוני.

זאג, וואס דו ווילסט, איך קאן דא נישט בלייבן לייגנער. וואס זאל איך דא טאן? די צייט הויבט זיך אן צו ציען. דער פירסט האלט מיך אזוי גוט, ווי מ׳קאן נאר, און איך געפין זיך פארט נישט אין מיין לאגע. אין תוך האבן מיר גארנישט געמיינזאמס. ער איז א מענטש מיט פארשטאנד, אבער מיט א גאנץ איינפאכן פארשטאנד; זיין באציהונג אינטערעסירט מיך נישט מער, ווי איך וואלט געלייענט א גוט אנגעשריבן בוך. נאך א וואך בין איך א היגער, און דאן לאז איך זיך ווידער אין נע־ונד אוועק. דאס בעסטע, וואס איך האב דא אויפגעטאן, איז אין צייכענען. דער פירסט האט א חוש פאר קונסט, און ער וואלט נאך שטארקער געפילט, ווען ער וואלט נישט געווען באגרעניצט דורך דעם מיאוסן וויסנשאפטליכן תוך און דורך די סקאַרבאָווע טערמינאָלאָגיע. אפטמאל קריץ איך מיט די ציינער, ווען איך רייד פאר אים מיט א באגייכטערטן כוח הדמיון פון נאטור און קונסט, און ער רעכנט מיטאמאל צו פארבעסערן, ארייננווארפנדיג אן אפגעשטעמפלטע פראזע פון קונסט.

### דעם 16־טן יוני

יא, געוויס בין איך נאר א וואנדערער, א נע־ונדניק אויף דער ערד! זייט איר דען אבער מער?

### דעם 18־טן יוני

וואוהין איך קלייב זיך? דאס לאז מיר מגלה זיין דיר בסוד: צוויי וואכן מוז איך נאך פונדעסטוועגן דא פארבלייבן, און שפעטער האב איך מיר פארגענומען אנזעהן די רודניקעס פון... אין תוך אבער איז עס נישט דאס; איך וויל נאר ווידער האבן לאָטען נעהנטער לעבן זיך, דאס איז אלץ. און איך לאַך פון מיין אייגן הארץ — און גיב אים נאך זיין פארלאנג.

### דעם 29־טן יולי

ניין, ס'איז גוט! ס'איז אלץ גוט! — איך — איר מאן! אָ גאט, ווער עס האט מיך באשאפן, ווען דו וואלסט מיך מיט אט דעם גליק געבענטשט, מיין גאנץ לעבן וואלט א אייביגע תפילה געווען. איך וויל זיך נישט משפטן, און פארגיב מיר אט די טרערן, זיי מיר מוחל מיינע אומזיסטע פארלאנגען! — זי מיין פרוי! — ווען איך וואלט דאס ליבסטע ווען אויף דער וועלט אין מיינע ארעמס איינגעשלאסן! — ס'גייט מיר דורך א שוידער איבערן גאנצן קערפער, ווילהעלם, ווען אלבערט נעמט זי אָן פארן שלאנקן לייב.

און טאר איך דאס זאגן? פארוואס נישט, ווילהעלם? זי וואלט מיט מיר גליקליכער געווען, ווי מיט אים! אָ! ער איז נישט דער מענטש, אויף אויסצופילן אלע וואונשן פון דעם דאזיגן הארץ, א געוויסער דוחק אין פיינפיליגקייט, א דוחק — נעם עס, ווי דו ווילסט! — וואס זיין הארץ שלאָגט ניט אין קאנטאקט ביי — אָ! ביי א שטעלע פון א גוטן בוך, וואו מיין הארץ מיט לאָטעס קומען זיך צונויף; אין הונדערטער אנדערע מאמענטן, ווען עס קומט צום אויסדרוק אונזער געפיל וועגן די מעשים פון א דריטן. ליבער ווילהעלם! אבער ער

האט זי ליב מיט דער גאנצער נשמה, און אזא ליבע, וואס פארדינט זי ניט! —

און אומדערטרעגליכער מענטש האט מיך איבערגעריסן, מיינע אויגן זיינען טרוקן. איך בין צעשטרויט. א גוטן, טייערער!

דעם 4־טן אווגוסט.

נישט מיר אליין גייט אזוי. אלע מענטשן ווערן אנטוישט אין זייערע האפענונגען, אפגענארט אין זייערע דערווארטונגען. איך בין געווען ביי מיין ליבער פרוי אונטער דעם לינדן־בוים. דער עלטערער אינגעלע איז מיר געלאפן אנטקעגן; זיין פריידגעשריי האט ארויסגעבראכט די מוטער, וואס האט אויסגעזעהן זעהר דערשלאגן. דאס ערסטע ווארט איז געווען: גוטער הער, מיין האנס איז געשטארבן! — דאס איז געווען איר מיזיניקל. איך האב געשוויגן — און מיין מאן, האט זי צוגעגעבן, איז געקומען צוריק פון דער שווייץ און האט קיין זאך ניט געבראכט, און ווען ניט גוטע לייט, וואלט ער געמוזט אויסשטעלן די האנט; ער האט געקראגן היץ. — איך האב איר גארנישט ניט געקאנט זאגן, און געגעבן עפעס דעם קינד; זי האט מיך געבעטן, נעמען א פאר עפל, איך האב דאס געטאן, און פארלאזן דעם ארט פון די טרויעריגע זכרונות.

דעם 21־טן אווגוסט.

אזוי גיך ווי מ׳גיט א קער א האנט, אזוי גיך ווערט ביי מיר אנדערש. דאכט זיך, אז עס שיינט ווידער אויף א ליכטיגער שטראל פון לעבן, אך! מער ניט ווי אויף איין רגע! — ווען איך פארליר זיך אין חלומות, קאן איך נישט אפשטויסן דעם געדאנק: ווי, ווען אלבערט וואלט געשטארבן? דו וואלסט! יא, זי וואלט — און איך יאג זיך דערמאלט נאך דעם דאזיגן געדאנק ביז ער ברענגט מיך צום תהום, פאר וועלכן איך גיב א ציטער אויף צוריק.

בשעת איך גיי ארויס צום טויער, אויף דעם וועג, דורך

וואנען איך בין צום ערשטן מאל געפארן, נעמען לאטען אויפן באל, ווי אלץ איז אנדערש געוועזן! אלץ, אלץ איז אוועק! ניטא קיין סימן פון דער פריערדיגער וועלט, קיין איין פולס־שלאג פון דעם דעמאלטיגן געפיל, מיט מיר איז אזוי, ווי עס מוז זיין מיט א גייסט, וואס קומט צוריק אין אן אפגעברענטן און חרוב געוואָרענעם שלאס וועלכן ער האט א מאל, אלס בליענדיגער פירסט, געבויט, אויסגעצירט איז מיטן גאנצן פראכט, און פארן טויט, איבערגעלאזן איס פול מיט האפענונג זיין געליבטן זון.

דעם 3־טן סעפטעמבער.

איך באגרייף אפטמאל נישט, ווי אזוי אן אנדערער טאר זי ליב האבן, ווען איך האב זי ליב נאר אליין, אזוי טיף, אזוי פול, און אויסער איר קען איך גארנישט, ווייס איך גארנישט, און האב גארנישט.

דעם 4־טן סעפטעמבער.

יא, ס'איז אזוי! ווי די נאטור איז גענויגט צום הארבסט, אזוי ווערט עס הארבסט אין מיר און ארום מיר. עס ווערן מיינע בלעטער געל, און די בלעטער פון די דערביי־אַגע ביימער זיינען שוין אראפגעפאלן. האב איך דיר נישט געשריבן איינמאל, גלייך ווי איך בין געקומען אהער, וועגן א דארפישן יונגן מאן? איצטער האב איך זיך דערוואוסט וועגן אים אין וואלה־ים. מ'האט מיר דערציילט, אז מ'האט אים דורכגעטריבן פון זיין ארט, און ווייטער ווייס קיינער גארנישט. נעכטן טרעף איך אים אויפן וועג אין א צווייטן דארף; איך האב זיך פאַאנדערגערעדט מיט אים און ער האט מיר דערציילט זיין געשיכטע, וואס האט מיך זעער שטארק גערירט, ווי דו וואלסט דאס לייכט באגרייפן, ווען איך וואלט זי דיר איבערגעגעבן. נאר צו וואס אט דאס אלץ? פארוואס פארבארג איך ניט פאר זיך אליין, וואס מיך שרעקט און קריינקט? צו וואס באטריב איך נאך דיך? פארוואס גיב איך דיר כסדר א גרונט

צו באדויערן מיך און צו זידלען מיך? זאל עס זיין! דאס קאן מען אויך פאררעכענען צו מיין גורל.

מיט א שמייכלען צער, אין וועלכן איך האב ווי א שעמעוודיגקייט באמערקט, האט דער יונגער מאן צוערשט געענטפערט אויף מיינע כראגן; באלד אבער אפענער, ווי ער וואלט מיטאמאל מיך און זיך גופא פונדאסניי דערקענט, האט ער פאר מיר מודה געווען זיינע פעלערן, האט זיך באקלאגט א יף זיין אומגליק, ווען איך וואלט דיר געקאנט, מיין פריינד, אויף דיין משפט איבערגעבן יעדעס ווארט זיינס! ער האט גערעדט און דערציילט מיט א מין פרייד און גליק פון דעם נאך א מאל דערמאנען זיך, ווי מיט יעדן טאג האט זיך אין אים פארגרעסערט די ליידנשאפט צו זיין באלעבאסטע, ווי שפעטער האט ער נישט געוואוסט וואס ער טוט, נישט געוואוסט ווי אויסצודריקן זיך, וואו זיין קאפ איז? האט נישט געקאנט נישט עסן, נישט טרינקן, נישט שלאפן; עס פלעגט אים אין האלז שטיקן; פלעגט טאן דאס, וואס ער האט נישט געדארפט טאן; וואס מ׳פלעגט הייסן טאן פלעגט ער זיך פארגעסן; ווי א בייזער רוח וואלט אים פארפאלגט; ביז אין איין שיינעם טאג, ווען ער האט געוואוסט, אז זי אין א אויבערשטער קאמער, איז ער איר נאכגעגאנגען, יא, איז נאכגעצויגן געווארן נאך איר, ווייל זי האט נישט געהערט זיין בעטן האט ער געוואלט באוועלטיגן זי מיט געוואלט. ער ווייס נישט, ווי אזוי דאס איז פארגעקומען, און גאט איז א עדות, אז זיינע מחשבות זיינען תמיד געווען ריין צו איר, און ער האט גארנישט ניט פארלאנגט, נאר זי זאל חתונה האבן מיט איבי, און אז זי זאל אינאיינעם מיט אים פארברענגען דאס לעבן, ווייל ער האט לאנג גערעדט האט ער אנגעהויבן ווי צו שטאמלען, ווי איינער, וואס האט נאך עפעס צו זאגן, אבער געטרויט דאס זיך נישט צו זאגן, שפעטער האט ער פאר מיר אויך מודה געווען מיט א שעמעוודיגקייט, וועלכע קליינע ליבליכקייטן זי פלעגט אים דערלויבן און וועלכע נאהנטקייט! א צוויי-דריי מאל האט ער זיך געהאט אפגעשטעלט און שפעטער מיט התלהבות איבערגעחזרט, אז ער זאגט דאס נישט, כדי זי מיאוס צו מאכן, אז ער האט זי ליב און שעצט זי עד היום, אז עפעס אזוינס

האט ער גאַרנישט געמיינט, און אַז ער זאָגט דאָס פאַר מיר נאָר, כּדי צו איבערצייגן מיך, און אַז ער נישט אַזאַ פאַרדאַרבענער און משוגענער מענטש, און אַט דאָ, מיין טרייער, הייב איך ווידער אָן מיין אַלט לידל, וואָס איך וועל אייביג זינגען: ווען איך וואָלט דיר געקאָנט פאַרשטעלן דעם מענטשן, ווי ער איז פאַר מיר געשטאַנען, ווי ער שטייט נאָך איצט פאַר מיר! ווען איך וואָלט דיר געקאָנט אַלץ אַרויסזאָגן, כּדי זאָלסט אויפנעמען, ווי איך פיל מיט זיין גורל, ווי איך מוז מיטפילן! אָבער גענוג! דו קענסט אויך מיין גורל, קענסט אויך מיך, דעריבער ווייסטו צו גוט, וואָס אַזוינס עס ציט מיך צו אַלע אומגליקליכע, און באַזונדערס צו אַט דעם אומגליקליכן.

איך האָב דורכגעלייענט דעם בריוו און איך זעה, אַז איך האָב פאַרגעסן דערציילן דיר דעם סוף פון דער מעשה, וואָס עס לאָזט זיך אָבער לייכט משער זיין: זי האָט זיך נישט געלאָזן; דערווייל איז אַנגעאַנגען איר ברודער, וועלכער האָט אים פיינט שוין פון לאַנג, וועלכער וויל שוין פון לאַנג אַרויספּטרן אים פון שטוב, מורא האָבנדיג, אַז דורך זיין שוועסטערס צווייטער חתונה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער, קאָנען זיינע קינדער פאַרלירן אַ פיינע ירושה, ער האָט אים תּיכּף אַרויסגעוואָרפן פון שטוב און געמאַכט דערפון אַזאַ ליאַרעם, אַז די פרוי, ווען זי וואָלט שוין אפילו געוואָלט, וואָלט זי אים שוין ניט געקאָנט נעמען צוריק. איצט האָט זי זיך גענומען אַ צווייטן דינער, עס גייען קלאַנגען, אַז צוליב אים טאַקע איז זי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט איר ברודער, און מ'האַלט אפילו גאָר שטאַרק, אַז זי וועט מיט אים חתונה האָבן, ער אָבער, הייסט עס, האָט גענומען אויף זיך, נישט צו דערלעבן דאָס.

וואָס איך האָב דיר דאָ דערציילט, האָב איך נישט מגזם געווען, און נישט פאַרצערטלט, יאָ, איך מעג זיכער זאָגן: שוואַך, זייער שוואַך האָב איך דאָס דיר איבערגעגעבן און כ'האָב דאָס געמאַכט גראָב דורך אונזערע געוויינליכע מאָראַלישע ווערטער.

די דאָזיגע ליבע, די דאָזיגע טרייקייט, די דאָזיגע ליידנשאַפט איז אַלזאָ נישט קיין פּאָעטישע אויסטראַכטונג, זי לעבט, זי איז אין דער גרעסטער קדושה צווישן אַט דעם קלאַס מענטשן, וועלכן

מיר האלטן פאר נישט געבילדעט און מגושם· מיר געבילדעטע — צו גארנישט געבילדעטע! לייען די דאזיגע שורות מיט יראת הכבוד· איך בעט דיך· היינט· בעת איך שרייב זיי· בין איך שטיל· דו זעהסט דאס אן דעם כתב· וואס איז נישט געכאפט און געדרייט· ווי ס׳איז תמיד· לייען מיין טייערער· און טראכט דערביי· אז דאס איז אויך די געשיכטע פון דיין פריינד! יא· אזוי איז דאס מיט מיר געווען· און אזוי וועט עס מיט מיר זיין· און איך בין נישט די העלפט אזוי דרייסט און אנטשלאסן· ווי אט דער אומגליקליכער נעבאך· צו ווען איך דערוועג זיך כמעט נישט צו פארגלייכן זיך·

דעם 5־טן סעפטעמבער·

זי האט אנגעשריבן א צעטעלע צו איר מאן אויפן לאנד· וואו ער געפינט זיך וועגן געשעפטן· עס הויבט זיך אן: בעסטער! ליבסטער! קום· אזוי גיך ווי דו קאנסט נאר· איך ווארט אויף דיר מיט אן א שיעור גליק· — א פריינד· וואס איז דערביי ארייגעגאנגען· האט איבערגעגעבן· אז צוליב געוויסע טעמים· וועט ער זיך נאך נישט אומקערן אזוי גיך· דאס צעטעלע איז געבליבן ליגן און פאר־נאכט איז ער מיר ארייגעפאלן אין די הענט· איך האב אים געלייענט און געשמייכלט. זי ט׳מיך געפרעגט· פון וואס? — וואס פאר א געטליכע מתנה דער כח־הדמיון איז! האב איך אויסגערופן· כ׳האב זיך געקאנט א מאמענט פארשטעלן· ווי דאס וואלט געווען געשריבן צו מיר· — זי האט איבערגעריסן; עס האט אויסגעזעהן· אז עס איז איר אומאנגענעם, און איך האב געשוויגן·

דעם 6־טן סעפטעמבער·

ס׳איז שווער אנגעקומען· ביז כ׳האב זיך אנטשלאסן אויסצוטאן מיין איינפאכן בלויען פראק· אין וועלכן כ׳האב צום ערשטן מאל מיט לאטען געטאנצט· ער האט שוין אבער קיין פנים נישט געהאט· איך האב זיך באשטעלט א נייעם· אינגאנצן אזא ווי דער פריערדיגער·

דערזעלבער קראגן און די לאצן, און דערצו ווידער אזא געלע וועסט און הייזן.

ס'איז אבער פארט נישט דאס, כ'ווייס נישט — איך רעכן, מיט דער צייט וועט מיר דער אויך ווערן ליבער.

דעם 12־טן סעפטעמבער.

זי איז געווען אויף א פאר טעג אוועקגעפארן אפנעמען אלבערטן. היינט בין איך אריין אין איר צימער; זי איז ארויס צו מיר אנטקעגן, און מיט גרויס פרייד האב איך איר האנט געקושט.

א קאנאריקל איז ארויפגעפלויגן פון שפיגל איר אויפן אקסל.

— א נייער פריינד! האט זי געזאגט און אריינגענארט אים אויף איר האנט. ס'איז א מתנה פאר מיינע קינדער. א ליבינקע פויגעלע, קוקט אים אן! אז איך גיב אים ברויט, פלאטערט ער מיט די פליגעלאך און פיקט אזוי שיין, — ער קושט מיך אויך, אָט זעהט!

אז זי האט ארויסגעשטעלט דעם פויגעלע איר מויל, האט ער זיך אזוי ליב צוגעדריקט צו אירע זיסע ליפן, ווי ער וואלט געפילט דאס גליק, וואס ער האט געשעפט.

ער וועט אייך אויך קושן, האט זי געזאגט, און אויסגעשטרעקט צו מיר דאס פויגעלע. זיין שנעבעלע האט זיך א דריי געטאן פון איר מויל צו מיינעם און ווי א הויך איז געווען די דאזיגע פיקנדיגע באַרירונג, ווי א געפיל פון גענוס פון ליבע.

זיין קוש האב איך געזאגט, איז ניט אינגאנצן אָן באגער, ער זוכט עסן און קערט זיך אפּ צוריק ניט באנוגנט פון דעם טרוקענעם קוש.

ער עסט אויך פון מיין מויל, האט זי געזאגט. זי האט אים דערלאנגט א פאר ברעקלאך מיט אירע ליפן, פון וועלכן עס האט געשמייכלט די פרייד פון אומשולדיג באטייליגטער ליבע אין דעם גאנצן גליק.

איך האב אפּגעקערט דאס געזיכט. זי האט עס ניט געדארפט טאָן! האט נישט געדארפט רייצן מיין פאנטאזיע מיט אט די בילדער

פון הימלישער ריינקייט און גליק, און וועקן מיין הארץ פון דעם שלאף אין וועלכן עס וויגט אים אפטמאל איין די גלייכגילטיקייט פון לעבן! — און פארוואס נישט? — זי טרויט מיר אזוי! זי ווייס, ווי איך האב זי ליב!

דעם 15־טן סעפטעמבער.

מ׳קאן משוגע ווערן, ווילהעלם, אז עס זיינען פאראן מענטשן אויף דער וועלט אָן חוש און געפיל פאר דאס ווייניגע, וואס עס האט נאך א ווערט אויף דער וועלט. דו קענסט די נוסביימער, אונטער וועלכע איך בין געזעסן מיט לאָטען ביי דעם ליבן פאסטאר אין סט., די פרעכטיגע נוסביימער, וואס פלעגן מיך תמיד דערפילן, דעם אויבערשטן איז באוואוסט, מיט דעם גרעסטן נחת רוח! ווי געמיטליך זיי פלעגן מאכן דעם פאסטארס־הויף! ווי לופטיג און ווי פראכטפול די צווייגן זיינען געווען! היינט די זכרונות ביז אָן יענע ליבע גייסטליכע, וואס האבן זיי פאר אזוי פיל יארן געפלאנצט! דער שול לערער פלעגט אונז אפט אנרופן איינעם מיטן נאמען, וועגן וועמען זיין זיידע פלעגט אים פארציילן; האט געמוזט זיין א זעלטענער מענטש, און זיין אנדיינקן איז פאר מיר תמיד הייליג געווען ויצנדיג אונטער די ביימער. איך זאג דיר, ביי דעם שול־לערער זיינען טרערן געשטאנען, בעת מיר האבן נעכטן גערעדט דערפון, אז מ׳האט זיי אפגעהאקט. — אפגעהאקט! איך קאן משוגע ווערן, איך וואלט געקאנט יענעם כלב צערייסן, וואס האט דעם ערשטן האק געטאן. איך, וואס וואלט געווען פארטרויערט, ווען אזא פאר ביימער וואלטן געשטאנען ביי מיר אויפן הויף, און איינער פון זיי וואלט פון אלטקייט געשטארבן, איך מוז דאס צוזעהן. ליבער פריינד, איינס זעהט מען פונדעסטוועגן ארויס! וואס מענטשנגעפיל איז! דער גאנצער דארף איז אנגעשטויסן, און איך האף, אז די פאסטארן וועט שפירן אין די פוטער, די אייער און די איבעריגע מתנות, וואס פאר א וואונד זי האט געמאכט דעם דאָרף. דאס איז זי טאקע, דעם נייען פאסטארס פרוי (דער אלטער איז שוין אויך טויט), א פארחושכטע קריינקליכע בריאה, וואס האט א סך טעמים, נישט צו

אינטערעסירן זיך מיט דער וועלט׳ ווארים קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט איר׳ א שוטה׳ וואס רעדט זיך איין׳ אז זי איז א געלערנטע׳ גריבלט זיך אין אויספארשן דעם קאַנאָן׳ ארבעט א סך אויף דער נייער מאָראַל־קריטישער רעפארמאציע פון דעם קריסטנטום׳ און קוועטשט מיט די פלייצעס אויף לאפאַטערס פלאפלערייען׳ דער געזונד אירער איז צעטרייסלט׳ און זי האט נישט דעריבער אויף קיין פרייד אויף גאטס וועלט׳ מער ניט ווי פאר אזא מין בריאה איז דאס געווען מעגליך׳ מיינע נוס־ביימער אפצוהאקן׳ פארשטייסט׳ איך קאן צו זיך נישט קומען! שטעל זיך פאר׳ די אפפאלנדיגע בלעטער פארשמוצן און פארדעמפן איר דעם הויף; די ביימער פארשטעלן איר דאס ליכט׳ און אז די ניס ווערן צייטיג׳ הייבן אן די אינגלאך צו וארפן מיט שטיינער׳ און דאס ווירקט אויף אירע נערוועז׳ דאס שטערט זי אין אירע טיפע רעיונות׳ בעת זי דארף פארגלייכן קעניקאט׳ זעמלער און מיכאַעליס. אז איך האב געזעהן׳ ווי די איינוואוינער פון דארף׳ דערהויפט די עלטערע מענטשן׳ זיינען אזוי אויפגעבראכט׳ האב איך געפרעגט׳ למאי האט איר דאס דערלאזן? — אז דער שולצע זאגן זיי׳ וויל׳ טא וואס קאן מען טאן? — שפעטער אבער איז עפעס פארט ארויסגעקומען! דער שולצע און דער פאַסטאָר׳ וועמען די בטלנות פון זיין פרוי האבן אים אויף נישט גע־מאכט זיס דאס לעבן׳ האבן געוואלט מאכן די חלוקה אויף דער העלפט; דא דערוויסט זיך די פאלאטע און גיט א זאג: זייט מוחל׳ אהער! ווארים די פאלאטע האָט נאך געהאט אלטע תביעות אויף דעם טייל פון הויף׳ וואו די נוס־ביימער זיינען געשטאנען׳ און האט זיי פאר־קויפט דעם׳ ווער עס האט מער געגעבן׳ זיי ליגן! אָ׳ ווען איך וואלט געווען א פירסט! כ׳וואלט די פאסטארן׳ דעם שולצע און די פאלאטע— א פירסט! — יאָ׳ ווען איך וואלט געווען א פירסט׳ וואס וואלטן מיר דעמאלט געקימערט די ביימער און מיין לאנד!

דעם 10־טן אקטאבער׳

אז איך זעה נאר אירע שווארצע אויגן׳ איז שוין מיר גוט! פאר־שטייסט׳ וואס עס פארדריסט מיר מער פאר אלץ איז׳ וואס אלבערט׳

דאכט זיך, איז נישט אזוי גליקליך ווי ער — האט געהאפט, ווי איך — האב גערעכנט צו זיין — ווען — איך האב נישט האלט קיין געדאנקען־שטריכלאך, נאר דאָ קאָן איך זיך אנדערש נישט באגיין — און מיר דאכט, ס'איז געגוג בולט.

### דעם 12־טן אקטאבער.

אָססיאַן האט פון מיין הארצן האָמערן ארויסגעשטויסן. וואס פאר א וועלט, וואוהין דער דיכטער פירט מיך אריין! צו וואנדערן איבער דער סטעפע, אין דעם געפייף פון שטורים־ווינט, וואס טראגט אין די רויכיגע נעפלען, אין דעם טונקלדיגן ליכט פון דער לבנה, די גייסטער פון די אבות; צו הערן אראפ פון בארג, אין דעם גערויש פון וואלדשטראָם, די האלב־פארשוועבטע זיפצן פון די גייסטער פון זייערע הוילן, און דעם יאמער פון דעם קלאגנדיגן מיידל אויף די פיר מיט מאָך באדעקטע מיט גראז באוואקסענע שטיינער פון דעם געפאלענעם העלד, איר געליבטן! און ווען איך געפין אים דאן דעם וואנדערנדיגן גרויען באַרד, וואס זוכט אין דער ווייטער סטעפע די די פוס־טריט פון זיינע אבות, און ווי! געפינט זייערע מצבות, און דאן יאמערנדיג קוקט ער אהין צום ליבן אוונט־שטערן, וואס ווערט פארבארגן אין דעם ברויזענדיגן ים, און די צייטן פון אמאל לעבן אויף אין דער זעל פון דעם העלד, ווען דער פריינדליכער שטראל האט נאך געלויכטן די העלדן פאַר די געפארן, און די לבנה ט'באשיינט זייער באקראנצטן און מיט זיג צוריקקערנדיגן שיף; ווען איך לייען דעם טיפן צער אויף זיין שטערן, כ'זעה דעם לעצטן פארלאזענעם העלד, ווי אין דעם מעכטיגן בייזיין פון די שאָטנס פון זיינע פאר־שטארבענע, זויגט ער אלץ נייע און נייע פיינליך־גליענדיגע פריידן און קוקט אראפ צו דער קאלטער ערד, צו דעם הויכן, וויגנדיגן גראָז און רופט אויס: קומען וועט דער וואנדערער, וועט קומען, וואס האט מיך אין מיין שיינהייט געקענט, און פרעגן: וואו איז דער זינגער, דער זון פונ'ם דערהויבענעם פינגאל? זיין פוסטראָט גייט איבער מיין קבר, און אומזיסט וועט ער פרעגן אויף מיר אויף דער ערד —

אָ פריינד! איך וויל, גלייך ווי א איידעלער וואַפּנטרעגער, אויסציען דאס שווערד, מיט איינמאל באפרייען מיך, פירסט, פון דעם פיבער־האפטן פײַן פון דעם לאנגזאם אפשטארבנדיגן לעבן און אפגעבן דעם באפרייטן האלבגאט מיין נשמה.

דעם 19־טן אקטאבער.

אך! די פּוסטקייט, די מוראדיגע פּוסטקייט, וואס איך שפּיר אין מיין הארצן! — אפט טראכט איך: ווען כ'וואלט געקאנט נאר איינמאל צודריקן זי צו מיין הארץ, די דאזיגע גאנצע פּוסטקייט וואלט אויסגע־פילט געווארן.

דעם 26־טן אקטאבער.

יאָ, ס'ווערט מיר קלאר, טרייער! אלץ קלערער און קלערער, אז דאס לעבן פון א מענטשן האט א קליינעם, גאר א קליינעם ווערט. ס'איז געקומען א פריינדן צו לאָטען, און איך בין אריין אין צווייטן צימער נעמען א בוך, און האב נישט געקאנט לייענען, און גענומען א פעדער צום שרייבן. איך האב געהערט, ווי זיי רעדן אינדערשטיל; זיי האבן דערציילט איינע פאר דער אנדערער קלייניגקייטן, נייס פון שטעטל: ווי די האט חתונה, די איז קראנק, מסוכן קראנק; האט א טרוקענעם הוסט, עס שטעקן ביי איר ארויס די ביינער פון די באקן, און פאלט אין חלשות; — איך וועל נישט געבן קיין פּרוטה פאר איר לעבן, רופט זיך אָן איינע. — נ. נ. רופט זיך אָן לאָטע, איז אויך א חולה. — ער איז געשוואָלן, האט צוגעגעבן די פריינדן. — און מיין שטארקער כוח הדמיון האט מיך פארטראגן צו די געלעגערס פון די דאזיגע אומגליקליכע; כ'האב זיי געזעהן, מיט וואס פאר א ווידערווילן זיי פארלאזן די וועלט, ווי זיי — ווילהעלם! און דא זיצן מיינע ווייבער און רעדן דערפון, ווי מ'רעדט — בעת א ווילד־פרעמדער שטארבט. — און ווען איך קוק זיך ארום, און איך זעה אָן דאס צימער, און ארום מיר לאָטעס קליידער, אלבערטס שרייבזאכן, און די מעבעל, צו וועמען

איך בין אזוי גאהנט, אט דעם טינטער אפילו, און טראכט: זעה, וואס אזוינס דו ביסט אין דעם דאזיגן הויז! אלץ אין אלעמען, דיינע פריינד ערן דיך! דו שאפסט אפט זייער פרייד, און דיין הארצן קומט אויס, ווי אָן זיי וואלט עס נישט געקאנט לעבן, און דאך — ווען דו וואלסט אוועקגיין, ווען דו וואלסט פארשוואונדן פון אט דעם קרייז? וואלטן זיי, ווי לאנג וואלטן זיי געשפירט דעם בלויז, וואס דיין פאר־שווינדן וועט פארשאפן אין זייער לעבן? ווי לאנג? — אך! דער מענטש איז אזוי פאראיבערגייענדיג, אז אפילו דארטן, וואו ער איז זיכער אין זיין קיום, דארטן, וואו זיין בייזיין מאכט דעם איינציגן, אמת׳ן איינדרוק אויף דעם זכרון און אין דער נשמה פון זיינע ליבע, אז אויך דארטן מוז ער ווערן אויסגעלאשן, מוז פארשווינדן, און אזוי גיך!

דעם 27־טן אקטאבער.

אפט וויל איך זיך די ברוסט צערייסן, און דעם מארך צע־טרייסלען ביי דעם געדאנק, ווי וועניג איינער באדייט פארן צווייטן, אך, די ליבע, פרייד, פולקייט, גליק, וואס איך ברענג נישט מיט זיך, וועט מיר דער צווייטער נישט געבן, און מיט א גאנצן הארצן פול גליק וועל איך קיין צווייטן נישט באגליקן, וואס שטייט פאר מיר קאלט און שוואך.

דעם 27־טן אקטאבער אינאווונט.

איך האב אזוי פיל, און דאס געפיל צו איר שלינגט אלץ איין; איך האב אזוי פיל, און אָן איר ווערט מיר אלץ צו גארנישט.

דעם 30־טן אקטאבער.

אויב איך האב שוין נישט קיין הונדערט מאל געוואלט ארויפ־פאלן איר אויפן האלז! דער אויבערשטער ווייס, וואס דאס באדייט פאר

א מענטשן צו זיין ארומגערינגלט פון אזוי פיל גליק און נישט טארן דאס אננעמען; און דאס אננעמען איז דאך דער נאטירליכסטער דראנג פון דעם מענטשן! שטעקן דען נישט אויס די קינדער די הענט־לאך נאך אלץ, וואס עס פאלט זיי אריין אין רעיון? — און איך?

•

דעם 3־טן נאוועמבער.

ווייס גאט; איך לייג זיך אזוי אפט אין בעט מיטן וואונש, אפטמאל אפילו מיט דער האפענונג, מער נישט אויפצוכאפן זיך: און אינדערפרי עפן איך די אויגן אויף, כ'זעה ווידער די זון און בין עלנט! אָ, ווען איך וואלט געקאנט האבן שטימונגען, וואלט איך געקאנט ארויפווארפן די שולד אויפן וועטער, אויף וועמען עס איז אנדערש, אדער אויף א נישט קיין איינגעגעבענער אונטערנעמונג, וואלט דאך די אומדערטרעגליכע לאסט פון דער פארביטערקייט נאר א העלפט מיך געדריקט. ווי מיר! איך פיל צו בולט, אז נאר אין מיר גופא איז די גאנצע שולד — ניט קיין שולד! יא, אז אין מיר איז פארבארגן דער קוואל פון דעם גאנצן פיין, ווי א מאל דער קוואל פון דעם גאנצן גליק. בין איך דען נישט נאך דער אייגענער, וואס האט אמאל ארומגע־שוועבט אין דער גאנצער פולקייט פון געפילן, וועמען עס איז אויף יעדן טראט נאכגעגאנגען גליק, וואס האט געהאט א הארץ א גאנצע וועלט פול מיט ליבע ארומנעמען? און דאס דאזיגע הארץ איז טויט, עס פליסן נישט מער פון אים קיין התפעלות; מיינע אויגן זיינען טרוקן, און מיינע חושים, וואס ווערן מער נישט געפרישט פון דער־קוויקנדיגע טרערן, פארקארטשען ציטערנדיג מיין שטערן. איך לייד א סך, ווארים איך האב פארלאָרן דאס, וואס עס איז געווען דאס איינציגע גליק פון מיין לעבן, די הייליג־באלעבנדיגע קראפט, מיט וועלכער איך האב וועלטן געשאפן ארום זיך; זי איז נישטא מער! — ווען איך זעה אָן פון פענסטער דאס ווייטע בערגל, ווי די מארגן־זון ברעכט דורך איבער אים דעם נעפל און באשיינט דעם שטילן פלאך פון לאנקע, און דער ליבער טייך שלייגלט זיך פאר מיר צווישן די נאַ־קעטע ערבות — אָ! ווען די דאזיגע אויסטערלישע נאטור שטייט פאר

מיר געגליווערט ווי א לאקירט בילדל, און דאס גאנצע גליק קאן קיין איינציג טראפן פרייד נישט ארויסטריפן פון מיין הארץ אין מיין מוח, און ווי א פארחתמעטער ברונען, ווי א אויסגעטריקענטער עמער שטיי איך פאר דעם אנבליק פון דעם בורא! איך האב זיך אפט געווארפן צו דער ערד און געבעטן טרערן ביי גאט, אזוי ווי דער אַקערמאן בעט רעגן, ווען דער הימל שטייט ווי א קופּערנער איבער אים, און די ערד איז פארדארט.

נאר ווי! איך פיל דאס, גאט גיט ניט קיין רעגן און קיין זונען־שיין אויף אונזערע שטארקע תּביעות, און יענע צייטן, וועמעס אנדיינקען עס פּייניגט מיך, פארוואס זיינען זיי אזוי געבענטשט געווען, ווייל איך האב מיט געדולד געווארט אויף זיין גייסט, און פלעג אויפנעמען דאס גליק, וואס ער פלעגט אויסשפרייטן איבער מיר, מיט א גאנצן, טיף דאנקבארן הארצן!

## דעם 8־טן נאוועמבער.

זי האט מיר אויפגעווארפן מיין ניטאיינגעהאלטנקייט! אך, מיט אזוי פיל ליבע! מיין ניטאיינגעהאלטנקייט, וואס איך לאז זיך א מאל פארפירן פון א גלאז וויין, א פלעשל אויסצוטרינקען — טוט דאס נישט! האט זי געזאגט; געדיינקט אָן לאָטען! — געדיינקען! זאג איך, דארפט איר דאס מיר הייסן? איך געדיינק! — איך געדיינק נישט! איר שטייט תּמיד פאר מיין נשמה, היינט בין איך געזעסן אויף דעם ארט, וואו איר זייט ניט־לאנג אראפּ פון וועגל — זי האט אנגעהויבן רעדן פון עפּעס אנדערש, כדי נישט צולאזן מיך טיפער אריין אין דעם, טייערער! ס׳איז נאך אלעמען מיט מיר! זי קאן טאן מיט מיר, וואס זי וויל.

## דעם 15־טן נאוועמבער.

אַ דאנק דיר, ווילהעלם, פאר דיין הארציגן אנטייל נעמען, פאר דיין גוטער עצה, און איך בעט דיך זיי רוהיג, לאז מיך דורכליידן!

ביי מיין גאנצער מידקייט האב איך גענוג קראפט בייצושטיין, איך אכפער די רעליגיע, דאס ווייסטו; איך פיל, אז זי איז פאר אן אנדער מיד־געוואָרענעם א אנשפאר, פאר אן אנדער פארשמאכ־טן א דערקוויקונג. נאר — קאן זי דען דאס זיין, מוז זי דען דאס זיין פאר יעדן איינעם? אז דו קוקסט אן די גרויסע וועלט, זעהסט דו טויזענדע, פאר וועמען זי איז דאס נישט געווען, טויזענדע, פאר וועמען זי וועט דאס נישט זיין, מעגסט פאר זיי יא פרעדיגן און נישט פרעדיגן, און מוז זי דען דאס זיין פאר מיר? זאגט נישט גאטס זון אליין, אז די געהערן צו אים, וועמען דער פאטער האט אים געגעבן? און ווען דער פאטער האט אים מיך נישט געגעבן? ווען דער פאטער וויל מיך פאר זיך באהאלטן, ווי מיין הארץ זאגט דאס מיר? — איך בעט דיך, טייטש דאס נישט אויס פאלש, זעה נישט קיין שפאט אין אט די אומשולדיגע ווערטער! דאס איז מיין גאנצע נשמה, וואס איך גיב דא פאר דיר ארויס; ווען ניט וואלט איך בעסער געשוויגן: ווי איך שווייג וועגן אלץ, וואס יעדער איינער ווייס אזוי ווייניג, ווי איך. איז דען דאס אנדערש, אויב ניט דער גורל פון דעם מענטשן, אויסצוליידן זיין מאס, דעם בעכער אויסצוטרינקען? — און אויב דער כוס איז געווען דעם שוכן במרומים צו ביטער, פארוואס זאל איך זיך גרויס מאכן און זאגן, אז מיר איז ער זיס? און פארוואס זאל איך זיך שעמען; אין דעם שרעקליכן מאמענט, ווען מיין גאנצער תּוך ציטערט צווישן זיין און ניט זיין, ווען דער עבר לייכט ווי א בליץ איבער דעם פינסטערן תּהום פון דער צוקונפט, און אלץ ארום מיר זינקט איין, און צוזאמען מיט מיר גייט אונטער די וועלט, — איז עס דען נישט די שטים פון א אין זיך אליין איינגעשטיקטע, אין זיך אליין באגרעניצטע און אָן א אויפהער זינקענדיגע בריאה, וואס פון די טיפענישן פון אירע אומזיסט צוזאמענגענומענע כחות קריצט זי ארויס פון די ציינער: מיין גאט! מיין גאט! פארוואס האסטו מיך פארלאזן? און זאל איך זיך שעמען פאר אט דעם אויסדרוק, זאל מיך שרעקן אט דער מאמענט, ווען דער האט אים נישט אויסגעמידן, וואס וויקלט צונויף דעם הימל ווי א טוך?

### דעם 21־טן נאוועמבער.

זי זעהט נישט, זי פילט נישט. אז זי גרייט צו א גיפט, וואס וועט מיך און זי ברענגען צום גרונט; און מיט גרויס הנאה טרינק איך אויס דעם בעכער, וואס זי דערלאנגט מיר צו מיין אונטערגיין. וואס באטייט דער צארטער בליק, מיט וועלכן זי זעהט מיך אפט — אפט? — ניין, נישט אפט, אבער דאך אפטמאל אָן, די געפעליגקייט, מיט וועלכער זי נעמט אויף א נישטווילנדיגן אויסדרוק פון מיין געפיל, דאס מיטפילן מיט מייןליידן, וואס איך מערק אויף איר שטערן.

נעכטן, בעת איך בין אוועקגעגאנגען, דערלאנגט זי מיר די האנט און זאגט: א גוטן, ליבער ווערטהער! — ליבער ווערטהער! ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל, ווען זי האט מיך גערופן ליבער, און ס׳איז מיר דורכגעגאנגען דורך אלע אברים. איך האב דאס א מאל הונדערט איבערגעחזרט פאר זיך, און נעכטן ביינאכט, אז איך האב זיך געדארפט לייגן שלאפן, און געפלוידערט מיט זיך אליין פון פארשיידענע זאכן, האב איך א זאג געטאן מיטאמאל: א גוטע נאכט, ליבער ווערטהער! און געמוזט נאכדעם לאכן פון זיך גופא.

### דעם 22־טן נאוועמבער.

איך קאן נישט בעטן: לאז מיר זי! און דאך קומט זי מיר אפטמאל פאר ווי מיינע. איך קאן נישט בעטן: גיב מיר זי! ווארים זי געהערט א צווייטן. איך טרייב ליצנות מיט מיין ווייטאג; ווען איך וואלט זיך געלאזן נאך ווייטער אויף דעם, וואלט ארויס־געקומען א גאנצע ליטאניע מיט אנטיטעזן.

### דעם 24־טן נאוועמבער.

זי פילט, וואס איך לייד. היינט איז איר בליק מיר דורכ־געגאנגען דורך דאס הארץ. איך האב זי געטראפן אליין; איך האב גארנישט געזאגט, און זי האט מיך אנגעקוקט. און איך האב נישט

געזעהן מער אין איר די ליבע שיינקייט, נישט מער דאס לייכטן פון דעם הערליכן גייסט: דאס אלץ איז געווען פארשוואונדן פאר מיר, א סך א הערליכערער בליק האט געווירקט אויף מיר, פול מיט אויסדרוק פון דעם טיפסטן אנטייל, פון דעם הארציגסטן מיטלייד. פארוואס האב איך נישט געטארט ווארפן זיך איר צו די פיס? פארוואס האב איך נישט געטארט ענטפערן מיט אן א שיער קושן אויף איר האלז? זי האט זיך געזעצט צום קלאוויר און מיט א זיסער, שטילער שטים געהויכט הארמאנישע טענער צו איר שפילן. קיינמאל האב איך אירע ליפן נישט געזעהן אזוי רייצנדיג; ס'איז געווען, ווי זיי וואלטן זיך לעכצנדיג אויפגעעפנט ארייננצושעפן אין זיך יענע זיסע טרעלן, וואס האבן געשטראמט פון דעם אינסטרומענט, און נאר דער הימלשער עכאָ האט אפגעקלונגען פון די הייליגע ליפן. — יא, ווען איך וואלט דאס פאר דיר אזוי געקאנט איבערגעבן! — איך האב זיך מער נישט בייגעקומען, האב זיך אנגעבויגן און געשווארן: קיינמאל וועל איך זיך נישט דערוועגן ארויפזיגלען א קוש אויף אייך, ליפן, אויף וועלכע עס שוועבן די גייסטער פונ׳ם הימל! — און פונדעסטוועגן — איך וויל — הא! דו פארשטייסט, אט דאס שטייט ווי א מחיצה פאר מיין נשמה — דאס דאזיגע גליק — און דאן אונטערצוגיין, כדי צו באצאלן פאר די זינד! — זינד?

דעם 26־טן נאוועמבער.

אפטמאל זאג איך צו זיך: דיין גורל איז דער איינציגער; שעץ די אנדערע גליקליך! — אזוי איז נאך קיינער נישט געפייניגט געווארן. שפעטער לייען איך א דיכטער פון פארצייטן, און עס קומט מיר פאר, ווי איך וואלט ארייננגעקוקט אין מיין אייגן הארץ. איך האב אזוי פיל אויסצושטיין! אך! זיינען שוין דען מענטשן פאר מיר געווען אזוי אומגליקליך?

דעם 30 נאוועמבער.

איך טאָר ניט, איך טאָר ניט קומען צו זיך! אויף יעדן טראַט טרעף איך אַ ערשיינונג, וואָס צעטרייסלט מיך אינגאַנצן. היינט! אַ גורל! אַ מענטשהייט!

מיטאָגצייט גיי איך אַרום פּאַזע וואַסער; איך האָב נישט געהאַט קיין לוסט צו עסן. אַלץ איז געווען פּוסט, אַ נאַסער קאַלטער אָוונט־ווינט האָט געבלאָזן פון באַרג, און די גרויע רעגנוואָלקנס האָבן איינגעהילט דעם טאָל. פון ווייטן זעה איך אַ מענטשן אין אַ גרינעם, אָפּגעטראָגענעם רעקל, וואָס האָט אַרומגעקראָכן צווישן די פעלזן, און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער זוכט גראָזן. אַז איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער צו אים, און ער האָט זיך אַ קער געטאָן אויף דעם גערויש, וואָס איך האָב געמאַכט, האָב איך דערזעהן אַ אינטערעסאַנטע פיזיאָגנאָמיע, וועמעס בולטער שטריך עס איז געווען אַ שטילער טרויער, וואָס האָט אָבער קיין שום אַנדער זאַך נישט אויסגעדריקט ווי אַ גראַדע און גוטע נשמה; זיינע שוואַרצע האָר זיינען געווען צונויפגענומען מיט שפּילקעס אין צוויי קוקסעס, און דאָס איבעריגע פאַרפלאָכטן אין אַ גרויסן צאָפּ, וואָס איז ביי אים אַראָפּגעהאַנגען אויפן רוקן. ווייל ער האָט מיר אויסגעזעהן צוליב זיין קליידונג, אַז ער איז אַ מענטש פון נידעריגערן שטאַנד, האָב איך גערעכנט, אַז ער וועט נישט פאַראיבל האָבן, אויב איך וועל פרעגן אויף זיין באַשעפטיגונג, און איך האָב אים דעריבער געפרעגט, וואָס ער זוכט? — איך זוך, ענטפערט ער מיט אַ טיפן זיפץ, בלומען — און געפין נישט. — ס'איז אויך נישט די צייט, זאָג איך שמייכלענדיג. — עס זיינען פאַראַן אַ זוי פיל בלומען, רופט ער זיך אָן, אַרונטערקומענדיג צו מיר. — ביי מיר אין גאָרטן זיינען דאָ ראָזן און ציגן־בלעטער, צוויי סאָרטן, איינע האָט מיר געגעבן מיין פאָטער, זיי וואַקסן ווי ווילדע גראָזן; שוין צוויי טעג ווי איך זוך עס, און איך קאָן זיי נישט געפינען. אינדערהיים האָב איך אויך כסדר בלומען, געלע און בלאָע און רויטע, און די טויזנטגאָלדנבלום האָט שיינע בליטן. איך קאָן קיין איינע נישט געפינען. — איך האָב עפּעס שרעקליכעס געמערקט אויף אים, און האָב אים דעריבער ווי פאַרבייגייענדיג געפרעגט:

אויף וואס ער דארף די בלומען? — א מאדנער, צוקנדיגער שמייכל האט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פנים. — אויב איר וועט מיך נישט פאררעטן, זאגט ער, און צוגעדריקט דערביי דעם פינגער צום מויל, איך האב צוגעזאגט מיין געליבטער א בוקעט. — דאס איז זעער גוט, האב איך געזאגט. — אָ! רופט ער זיך אן, זי האט א סך אנדערע זאכן, זי איז רייך. — און פונדעסטוועגן האט זי אייער בוקעט ליב, האט איך צוגעגעבן. — א! זאגט ער ווייטער, זי האט צירונג און א קרוין. — ווי רופט מען זי דען? — ווען די גענעראל־שטאטן וואלטן מיר אפגעגעבן דעם חוב, זאגט ער ווייטער, וואלט איך געווארן אן אנדער מענטש! יא, ס'איז געווען א מאל א צייט, ווען ס'איז מיר אזוי גוט געווען! איצט איז אויס מיט מיר, איצט בין איך — א נאסער בליק, געווענדט צום הימל, האט אלץ אויס־געדריקט. — איר זייט אלזא געווען גליקליך? האב איך געפרעגט. — אך! איך וואלט וועלן, אז איך זאל ווידער זיין אזוי! האט ער געזאגט. דעמאלט איז מיר אזוי גוט געווען, אזוי לוסטיג, אזוי גוט, ווי א פיש אין וואסער: — היינריך! האט זיך דערהערט א שטים פון א אלטער פרוי, וואס איז אנגעקומען מיטן וועג, היינריך, וואו ביזטו נעלם געווארן? מיר האבן דיך אומעטום געזוכט! קום עסן! — איז דאס אייער זון? האב איך געפרעגט צוגייענדיג צו איר. — יע, מיין אומגליקליכער זון! האט זי געענטפערט. א שווערן חלק האט מיר דער אויבערשטער איינגעטיילט. — פון ווען אָן איז ער שוין אזוי? האב איך געפרעגט. — א זוי שטיל, זאגט זי, איז ער שוין אט א האלב יאר. געלויבט איז דער אויבערשטער, וואס ער איז שוין אזוי! פריער איז ער געווען א גאנצן יאר ווילד־משוגע, האט מען אים געהאלטן אין קייטן אין משוגעים־הויז. איצטער טוט ער קיין זאך ניט; ער האט נאר שטענדיג צו טאן מיט מלכים און קיסרים. ער איז געווען אזא גוטער, אזא שטילער מענטש, וואס האט מיר געהאלפן פארדינען אויף חיונה, ער האט געהאט א פען אין האנט. מיטאמאל איז ער געווארן מרה־שחורהדיג, דערנאך האט ער באקומען א שטארקן פיבער, שפעטער איז ער געווארן משוגע, און איצטער איז ער אט, ווי איר זעהט אים. ווען איך וואלט אייך

דערציילן, הער — איך האב איבערגעריסן דעם שטראם פון אירע װערטער מיט דער פראגע: וואס איז דען דאס געווען פאר א צייט, וואס ער לויבט, אז ער איז געווען אזוי גליקליך, ווען עס איז אים אזוי גוט געווען? — דער נארישער מענטש! האט זי זיך אנגערופן מיט א שמייכל פון מיטלייד, דאס מיינט ער די צייט, ווען ער איז געווען גערירט, רק ער לויבט זי; דאס איז די צייט, ווען ער איז געווען אין משוגעים־הויז, בעת ער האט פון זיך אליין קיין זאך ניט געוואוסט. — דאס האט מיך געטראפן ווי א דונער; איך האב איר אריינגעשטופט א מטבעה אין האנט און בין אוועק פון איר אײַלנדיגערהייט.

ווען דו ביזט גליקליך געווען! האב איך אויסגערופן צו זיך, גייענדיג אויף גיך צו דער שטאט צו, ווען דיר איז געווען, ווי א פיש אין וואסער! — גאט אין הימל! האסטו דאס גוזר געווען פארן מענטשנס גורל, אז ער קאן נאר זיין גליקליך, איידער ער קומט צום שכל, און ווען ער פארלירט אים! — אומגליקליכער, און ווי בין איך מקנא דיין מרה־שחורה, די צעמישטקייט פון דיינע חושים, אין וועלכער דו שמאכסט! דו גייסט ארויס פול מיט האפענונג רייסן בלומען פאר דיין קיניגן — אין מיטן ווינטער! — און דו טרויערסט, ווען דו געפינסט ניט, און דו באגרייפסט נישט, פארוואס דו קאנסט נישט געפינען. און איך — און איך גיי ארויס אָן א האפענונג, אָן א ציל, און קער זיך אום ווידער צוריק אזוי ווי איך בין געקומען. — דו חלומסט, וואס פאר א מענטש דו וואלסט געקאנט זיין, ווען די גענעראל־שטאטן וואלטן דיר אפגעגעבן דעם חוב. געבענטשע באשעפעניש, וואס דו קאנסט צושרייבן דעם דוחק פון דיין גליק צו א גשמיותדיגער מניעה! דו פילסט נישט! דו פילסט נישט, אז אין דיין צעשטערטן הארץ, אין דיין צעטרייסלטן מוח ליגט דיין אומגליק, פון וועלכן אלע מלכים פון דער וועלט וועלן דיר נישט קאנען העלפן.

אומקומען זאל יענער אָן טרויסט, ווער עס שפאט פון א קראנקן, וואס לאזט זיך צום ווייטסטן קוואל, וועלכער עס פארגרעסערט נאר זיין קראנקייט און מאכט שווערער זיינע לעצטע טעג; וואס שפאט פון א פארשטיקטן הארץ, וואס כדי צו באפרייען זיך

פון געוויסנביסן און כדי די ליידן פון דער נשמה זאלן ווערן אפגעטאן, איז ער עולה רגל צום הייליגן קבר! יעדער טראט, וואס שניידט אריין אין זיינע פיס אויף דעם נישט דורכגעטראטענעם וועג, איז א טראפן לינדערונג פאר זיין ציטערנדיגער זעל, און מיט יעדן ווייטערדיגן טאג פון זיין גיין הייבט אן דאס הארץ זיך איינצושטילן פון א סך ליידן, — און טארט איר דאס רופן משוגעת, איר קרעמער פון ווערטער, אויף אייערע ווייכע זאפעס? — משוגעת! — אָ גאט! דו זעהסט מיינע טרערן! האסטו געמוזט, דו, וואס דו האסט גענוג ארים באשאפן דעם מענטשן, האסטו אים געמוזט נאך צוגעבן ברידער, וואס זאלן פון אים נאך אוועקנעמען דאס ביסעלע ארימקייט] דאס ביסעלע צוטרוי, וואס ער האט נאך צו דיר, צו דיר, דעם אל רחמים! ווארים דער צוטרוי צו א ווארצל, וואס היילט, צו דעם טריפן פון דעם וויינשטאק, וואס איז דאס, אויב נישט קיין צוטרוי צו דיר, אז דו האסט אריינגעגעבן אין אלץ, וואס עס רינגלט אונז ארום, קראפט פון היילן און לינדערן, וועלכע מיר דארפן צו יעדער שעה? פאטער! ווען איך קען נישט! פאטער! ווער עס פלעגט שטענדיג אויספילן מיין נשמה, און וואס האט איצט אפגעקערט זיין פנים פון מיר! רוף מיך צו זיך! שוויג נישט לייגער! דיין שווייגן וועט לענגער נישט אויפהאלטן אט די דורשטיגע נשמה, — און וואלט געקאנט א מענטש, א פאטער, צארענען, אויף וועמעס האלז עס וואלט ארויפגעפאלן זיין זון, וואס איז אומגעריכט געקומען צוריק, און וואלט אויסגערופן: איך בין ווידער דא, מיין פאטער! צארן נישט, וואס איך האב מיין וואנדערן איבערגעריסן, וואס איך האב געדארפט, לויט דיין ווילן נאך, לייגער אויסהאלטן! די וועלט איז אומעטום אלץ איינס: אויף מי און ארבעט, לוין און פרייד; אבער וואס גיט דאס מיר? מיר איז נאר גוט, וואו דו ביזט, און לעבן דיר וויל איך ליידן און געניסן, — און דו, טייערער פאטער פון הימל, וועסטו אים אפשטויסן פון זיך?

דעם 1־טן דעצעמבער.

ווילהעלם! דער מענטש׳ וועגן וועמען איך האב דיר גע־שריבן׳ דער גליקליכער אומגליקליכער׳ איז געווען א שרייבער ביי לאטעס פאטער׳ און א ליידנשאפט׳ וועלכע ער האט געשפירט צו איר׳ וועלכע ער האט פארבארגן און דערנאך ארויסגעגעבן׳ און צוליב וועלכער מ׳האט אים אפגעזאגט פון זיין שטעל׳ האט אים משוגע געמאכט. פיל ביי אט די טרוקענע ווערטער׳ ווי מוראדיג אט די מעשה האט מיך דורכגענומען׳ ווען אלבערט האט זי מיר פונקט אזוי רוהיג דערציילט׳ ווי רוהיג דו לייענסט זי אפשר.

דעם 4־טן דעצעמבער.

איך בעט דיך! — דו פארשטייסט׳ מיט מיר איז נאך אלעמען׳ איך וועל עס לייגנער נישט איבערטראגן! איך בין היינט געזעסן ביי איר — בין געזעסן׳ זי האט געשפילט אויף איר קלאוויר פארשיידנ־ארטיגע מעלאדיען׳ און דער גאנצער אויסדרוק! — דער גאנצער! — דער גאנצער! — וואס ווילסטו? — איר שוועסטערל האט געפוצט איר קוקלע אויף מיין קני. מיר האבן זיך געשטעלט טרערן. איך האב זיך אנגעבויגן׳ און איר טרויריגג איז מיר ארייגעפאלן אין די אויגן — טרערן האבן געפלייצט. און מיטאמאל הייבט זי אן צו שפילן די אלטע הימלש־ליבע מעלאדיע׳ מיטאמאל׳ און עס גייט מיר דורך דורך דער נשמה א געפיל פון טרויסט און ערינערונג — אן דאס פארגאנגענע׳ אן די צייטן׳ ווען איך האב געהערט דאס ליד׳ אן די פינסטערע צווישנצייטן׳ אן דעם פארדרוס׳ אן די נישט־פארווירקליכטע האפענונגען׳ און שפעטער — איך בין ארומגעגאנגען איבערן צימער הין און צוריק; דאס הארץ האט זיך געשטיקט אונטער דעם דרוק׳ — ווי גאט איז אייך ליב׳ האב איך געזאגט׳ א קער טאנדיג זיך צו איר מיט א שטארקן אויסבראך׳ ווי גאט איז אייך ליב׳ הערט אויף! — זי האט אויפגעהערט און האט מיך מאדנע אנגעקוקט׳ — ווערטהער׳ האט זי זיך אנגערופן מיט א שמייכל׳ וואס איז מיר דורכגעגאנגען דורך דער נשמה׳ ווערטהער׳ איר זייט

זעער קראנק; אייערע ליבסטע געריכטן זיינען אייך צווידער־גייט! איך בעט אייך, בארוהיגט זיך! — איך האב זיך ארויסגעריסן פון איר און — גאט! דו זעהסט מיין ליידן, און דו וועסט מאכן א סוף מיט דעם.

דעם 6־טן דעצעמבער.

ווי עס פארפאלגט מיך די געשטאלט! וואַכנדיג און טרוימענדיג פילט זי אויס מיין גאַנצע נשמה! ווען איך מאך צו די אויגן, דא, אין מיין שטערן, וואו עס פאראייניגט זיך די אינווענינגסטע קראפט פון דער ראיה, שטייען אירע שווארצע אויגן. אט דא! איך קאן דאס דיר נישט איבערגעבן. מאך איך צו די אויגן, אזוי זיינען זיי דא; ווי א ים, ווי א תהום רוהען זיי פאר מיר, אין מיר, פילן אויס אלע מיינע חושים.

וואס איז דער מענטש, דער געשעצטער האלב־גאט! פעלן אים נישט גראד דא־טן די כחות, וואו ער דארף זיי האבן אם סאמע נויטיגסטן? און ווען ער דערהויבט זיך אין פרייד, אדער ער פאר־זינקט אין ליידן, בלייבט ער נישט שטיין אין ביידע פאלן גראד דארטן, מוז ער זיך ניט גראד דארטן אומקערן פונדאסניי צוריק צו דעם טעמפן קאלטן באוואוסטזיין, ווען ער בנקט צו פארלירן זיך אין דער פולקייט פון דעם אומענדליכן?

# דער ארויסגעבער צום לעזער

ווי איך וואלט געוואלט, אז אונז זאל האבן איבערגעליבן אזוי פיל אייגנהענטיגע שריפטן וועגן די לעצטע מערקווירדיגע טעג פון אונזער פריינד, אז איך זאל נישט זיין געניטיגט, איבערצורייסן דעם המשך פון זיינע איבערגעלאזענע בריוו מיט א דערציילונג.

איך האב געזעהן אויפצוזאמלען געניע ידיעות פון יענע מענטשן, וואס האבן געקאנט זיין גוט באהבנט אין זיין לעבנס־געשיכטע; זי איז איינפאך, און אלע שילדערונגען, אויסער קלייניג־קייטן, שטימען צווישן זיך; חלוקי־דעות זיינען נאר פאראן וועגן די באטייליגטע פערזאנען, און די אורטיילן גייען זיך פאנאנדער. אונז בלייבט אלזא נאר איבער, וואס מיר האבן מיט גרויסער מי געקאנט דערגיין, געוויסנהאפט צו דערציילן, אריינגעבן די איבער־געבליבענע בריוו פון דעם פארשטארבענעם, און ניט שעצן גרינג דעם קלענסטן בלעטעלע, וואס מ'האט געפונען; בפרט אז עס איז אזוי שווער קלאר צו מאכן די אמתע סיבות כאטש נאר פון א איין איינציגער האנדלונג, ווען דאס קומט פאר ביי מענטשן, וואס געהערן נישט צום געוויינליכן כלל.

יאוש און אפהענטיגקייט האבן אלץ טיפער און טיפער געלאזןווארצלען אין ווערטהערס נשמה, האבן זיך שטארקער איינגעפלאכטן צווישן זיך און וואס ווייטער דורכגעדרונגען זיין גאנצן וועזן, די הארמאניע פון זיין גייסט איז געווען אינגאנצן צעשטערט. א אינער־ליכע היץ און אויפרעגונג, וואס האבן דורכגענומען זיין כח הטבע, האבן אפשטויסנדיג געווירקט אויף אים און ער איז געבליבן לסוף נאר אין א אפגעמאטערטקייט, מיט וועלכער ער האט זיך נאך

מוראדיגער געראנגלט, ווי מיט אלע זיינע ביז איצטיגע ליידן. דער אומרוה פון זיין הארץ האט אפגעצערט די איבעריגע כחות פון זיין גייסט, זיין לעבעדיגקייט, זיין שארפזין; ער איז געווארן א באַ־טריבטער חבר, וואס ווייטער אלץ אומגליקלעכער, און אלץ אומגערעכ־טער, אויף וויפל ער איז געווארן אומגליקליכער. אזוי ווייניגסטנס האלטן אלבערטס פריינד; זיי זאגן, אז ווערטהער האט נישט פארשטאנען דעם ערליכן, רוהיגן מענטשן, וואס איז געווארן דער אייגנטימער פון א לאנג געווינשטן גליק, און געוואלט דורך זיין האלטן זיך היטן דאס גליק אויף אויף דער צוקונפט; ער, ווערטהער, וואס האט מיט יעדן טאג אויסגעבראכט זיין גאנצן האב, כדי שפעטער צו ליידן און צו מאטערן זיך. אלבערט, זאגן זיי, האט זיך אין אזא קורצער צייט ניט פארענדערט, ער איז נאך אלץ געוועזן ער זעלביגער, אט דער, וועמען ווערטהער האט געקענט פון אנפאנג, וועמען ער האט אזוי שטארק געשעצט און געערט. ער האט ליב געהאט לאטען מער פאר אלץ, ער האט שטאלצירט מיט איר, און האט געוואלט, אז אויך יעדערער זאל זי אנערקענען פאר דעם ערליכסטן וועזן. איז האט מען אים דען געקאנט דערפאַר דן זיין, אויב ער האט געוואלט אפווענדן אפילו יעדן שיין פון חשד, ווען ער האט אין דעם דאזיגן מאמענט נישט געוואלט טיילן זיך מיט קיין איינעם אט דעם אוצר, אפילו אויפן סאמן אומשולדיגסטן אופן? זיי זיינען מודה, אז אלבערט פלעגט אפט פארלאזן דאס צימער פון זיין פרוי, ווען ווערטהער פלעגט ביי איר זיין, אבער נישט אויס האס צו זיין פריינד, און נישט כדי אויסמיידן אים, נאר דערפאר, ווייל ער האט געפילט, אז זיין געגנווארט דריקט אים.

לאטעס פאטער האט געליטן פון א חולאת, און ער האט נישט געקאנט ארויס פון שטוב. ער האט צוגעשיקט נאך איר זיין פורל, און זי איז אהעקגעפארן. ס'איז געווען א שיינער ווינטערדיגער טאג. דער ערשטער שניי איז ארויסגעפאלן און צוגעדעקט דעם גאנצן ארום. אויף מארגן איז ווערטהער אוועק אהין, כדי ברענ־גען זי אהיים, אויב אלבערט וועט זי ניט קומען אפנעמען. דאס קלארע וועטער האט ווייניג געקאנט ווירקן אויף זיין באטריבטן

געמיס; א טעמפּער דרוק איז געלעגן אויף זיין נשמה, טרויעריגע בילדער האבן זיך אריינגעקליבן אין אים, און זיין גייסט האט נישט געוואוסט קיין אנדער באוועגונג, ווי פון איין פיינליכן געדאנק צום צווייטן, לעבנדיג אליין אין אויביגע סתירות, האט אים אנ־געהויבן אויסזעהן אויך דער צושטאנד פון אנדערע שווער און פארפּלאנטערט; ער האט געהאלטן, אז ער האט צעשטערט דעם שלום־בית צווישן אלבערטן און זיין פרוי. ער האט זיך דאס אויפגע־ווארפן, און דערביי האט זיך אויסגעמישט אויך א פארבארגענער כעס קעגן דעם מאן, גייענדיג זיינען אט די געדאנקען ווידער געקומען, יא, יא! זאגט ער צו זיך אליין מיט א באהאלטענעם ציין־קריצן, דאס זיינען די איבערגעגעבענע, פריינדליכע, צארטע און אין אלץ אנטיילנעמנדיגע באציהונגען, די רוהיגע, שטענדיגע טרייקייט! זאטקייט איז דאס און גלייכגילטיגקייט! ציט אים דען נישט צו יעדער קליין געשעפטל מער, ווי די טייערע, ליבע פרוי? ווייס ער ווי צו שעצן זיין גליק? ווייס ער ווי צו אכטן זי אזוי, ווי זי פארדינט? זי געהערט אים, נו גוט, זי געהערט אים, — איך ווייס דאס גראד אזוי, ווי איך ווייס נאך עפּעס אנדערש אויך, איך רעכן צו געוואוינען זיך מיט אט דעם געדאנק, ער קאן מיך נאך משוגע מאכן, ער וועט מיך נאך אומברענגען, — און האט דען די פריינד־שאפט צו מיר אויסגעהאלטן? זעהט ער נישט אין מיין נאהנטקייט צו לאטען שוין ווי אן אנרירן דאס רעכט, אין מיין אויפמערקזאמקייט צו איר — א שטילן פארוואורף? איך ווייס דאס גוט, איך פיל דאס, ער וויל מיך נישט זעהן, ער וויל איך זאל זיך דערווייטערן; מיין ביישיין איז אים צו לאסט.

אפט האט ער איינגעהאלטן זיינע גיכע טריט, אפט איז ער געבליבן שטיין און ווי געוואלט אומקערן זיך צוריק; ער איז אבער געגאנגען אלץ ווייטער, און איז, מיט אט די געדאנקען און ריידנדיג צו זיך אליין, אנגעקומען ענדליך, קעגן זיין אייגענעם ווילן, צו דעם יאגד־הויז.

ער איז אריין אין טיר, זיך נאכגעפרעגט אויפן אלטן און אויף לאטען; ער האט געטראפן די גאנצע שטוב עפּעס צוטראגן,

דער עלטערער אינגל האט אים איבערגעגעבן, אז אין וואלהיים האט געטראפן אן אומגליק; מ'האט דערהרגעט א פויער.

דאס האט אבער נישט געמאכט קיין איינדרוק אויף איבי — ער איז אריין אין צימער און געטראפן לאטען, ווי זי רעדט־צו דעם אלטן ער זאל נישט ארויס, ווייל ער האט, נישט קוקנדיג אויף זיין קראנקייט, געוואלט גיין אהין, כדי אויפן ארט אויספארשן די זאך. ווער דער פארברעכער איז, האט מען נאך ניט געוואוסט; דעם דערהרגעטן האט מען געפונען אינדערפרי לעבן טיר, השערות האט מען: ער איז געווען א דינער ביי אן אלמנה, וואס האט פאר אים געהאלטן א צווייטן, און דער האט געמוזט קעגן זיין ווילן אוועקגיין.

אז ווערטהער האט דאס דערהערט, האט ער מיט היץ אויס־געשריגן: קאן דאס געמאלט זיין! איך מוז גיין אהין, איך קאן קיין רגע נישט רוהען, — ער איז אויף גיך אוועק קיין וואלהיים; יעדע ערינערונג איז אים געווארן לעבעדיג, און ער האט קיין איין רגע נישט געצווייפלט, אז דאס האט יענער מענטש באגאנגען דעם מארד, מיט וועמען ער האט אזוי פיל מאל גערעדט, וועמען עס איז אים אזוי טייער געווארן.

אז עס איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין פארביי די לינדנביימער, כדי צו דערגרייכן דעם שיינק, וואו זיי האבן אוועקגעלייגט דעם בר־מינן, האט ער א ציטער געטאן, דערזעהענדיג דעם ווינקעלע, וואס איז פריער אזוי געווען געליבט, דער שוועל, אויף וועלכן די שכנישע קינדער פלעגן זיך אזוי אפט שפילן, איז געווען באשפריצט מיט בלוט. ליבע און טרייקייט, די שענסטע מענטשליכע געפילן, האבן זיך פארוואנדלט אין גוואלט און רציחה. די גרויסע ביימער זיינען געשטאנען אָן בלעטער און ווי אין קעלט געהילט; די קוסטעס, וואס האבן זיך געוועלבט איבער דעם נידעריגן פארקאן פון דער קירך, זיינען געווען הויל, און די מצבות, באדעקטע מיט שניי, האבן ארויסגעקוקט פון צווישן די שפאלטן.

אז ער האט זיך דערנעהנטערט צום שיינק, לעבן וועלכן עס האט זיך צונויפגעקליבן דער גאנצער דארף, האט זיך פלוצלונג

אויפגעהויבן א טומל. מ׳האט דערזעהן פונוויטן א רעדל באוואפנטע מאנסבילן, און יעדערער האט געשריען, אז דאס פירט מען דעם פארברעכער. ווערטהער האט געקוקט א הין און האט נישט געדארפט לאנג ספקן. יא! דאס איז געווען דער דינער, וואס האט אזוי שטארק געליבט יענע אלמנה, וועמען ער האט מיט א קורצער צייט צוריק אנגעטראפן ארומגייענדיג מיט א שטילן צארן און מיט א באהאלטענער פארצווייפלונג.

וואס האסטו געטאן, אומגליקליכער! האט ווערטהער אויס־גערופן, לאזנדיג זיך גלייך צום ארעסטירטן. יענער האט אים אנגעקוקט שטיל, האט געשוויגן און ענדליך צוגעגעבן גאנץ געלאסן: זי וועט קיינעם ניט געהערן און איר וועט קיינער נישט געהערן. — מ׳האט אריינגעפירט דעם ארעסטירטן אין שיינק, און ווערטהער איז אוועקגעלאפן פון דאנען.

דורך די מוראדיג־גוואלטיגע געשעהעניש האט זיך אלץ, וואס ס׳איז געווען אין זיין נשמה, אויפגעטרייסלט. אויף איין רגע איז ער ארויסגעריסן געווארן פון זיין טרויער, פון זיין אפהענטיגקייט, פון זיין גלייכגילטיגער הכנעה; א מיטלייד צו דעם אומגליקליכן האט אים באהערשט נישט בייצוקומען, און עס האט אים אנגענומען א שטארקער באגער צו ראטעווען דעם מענטשן. ער האט געפילט ווי אומגליקליך ער איז, אלס פארברעכער האט ער אים געהאלטן אזוי אומשולדיג, ער האט זיך אזוי פארטיפט אין זיין לאגע, אז ער איז געווען זיכער, צו איבערצייגן אין דעם אויך אנדערע. ער האט שוין געוואלט ער זאל קאנען רעדן פאר אים, עס האט זיך שוין געשפארט א פלא־מיגע רעדע אויף זיינע ליפן, ער האט געאיילט צום יאגד־הויז און אונטערוועגס האט ער זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטן, דאס אלץ, וואס ער האט געוואלט זאגן פאר דעם אמטמאן, שוין ארויס־רעדן צו זיך אליין האלב אויפן קול.

אז ער איז אריין אין צימער, האט ער געטראפן אלבערטן; דאס האט אים א וויילע צעמישט, ער האט זיך אבער באלד באהערשט און האט מיט פלאם ארויסגעזאגט פאר דעם אמטמאן זיין מיינונג. דער אמטמאן האט געשאקלט עטליכע מאל מיטן קאפ, און הגם

ווערטהער האט דאס אלץ איבערגעגעבן מיט דער גרעסטער לעבעדיג־קייט, מיט דער גרעסטער ליידנשאפט און אמת; וואס א מענטש האט נאר געקאנט זאגן אין פרט פון מוחל זיין א צווייטן, האט דאס פונדעסטוועגן דעם אמטמאן, ווי דאס לאזט זיך לייכט משער זיין, נישט גערירט. אדרבה, ער האט נישט געלאזן אונזער פריינד צו פארענדיגן רעדן, האט אים זעער שטארק איבערגעשפארט און געטאדלט, וואס ער נעמט אונטער זיין שוץ א מערדער; ער האט אים דערוויזן, ווי אויף אזא אופן וועט יעדער געזעץ בטול ווערן, און ווי עס וועט ווערן צעשטערט יעטווידע זיכערקייט פון דער מלוכה; חוץ דעם האט ער צוגעגעבן, אז ער קאן אין אזא זאך גארנישט ניט טאן, נישט ארויפלייגנדיג אויף זיך די גרעסטע אחריות; מ'מוז אלץ פירן לויטן סדר, ווי עס הייסט דער געזעץ.

ווערטהער האט זיך נאך נישט אונטערגעגעבן, נאר ער האט געבעטן דעם אמטמאן, אז ער זאל קוקן דורך די פינגער, ווען מ'וועט העלפן דעם מענטשן אנטלויפן, אויך דאס האט ער נישט געפועלט ביי אים. אלבערט, וואס האט זיך שפעטער ארייגעמישט אין דעם געשפרעך, איז געווען אויפן אלטנס צד. ווערטהערן האט מען ביינעקומען, און מיט מוראדיגע ליידן האט ער זיך געלאזן אין וועג, נאכדעם ווי דער אמטמאן האט צו אים עטליכע מאל א זאג געטאן: ניין! מ'קאן אים נישט ראטעווען!

ווי די דאזיגע ווערטער האבן געמוזט ווירקן אויף אים, זעהען מיר ארויס פון א צעטעלע, וואס מ'האט געפונען צווישן זיינע פאפירן, און וועלכן ער האט געוויס געמוזט שרייבן אין דעם זעלביגן טאג: „מ'קאן דיך נישט ראטעווען, אומגליקליכער! איך זעה גוט, אז מ'קאן אונז נישט ראטעווען!"

דאס וואס אלבערט האט דערנאך גערעדט וועגן דעם ארעסטירטן אין דעם אמטמאנס ביידזיין, איז ווערטהערן געווען העכסט צווידער; עס האט זיך אים געדאכט, אז אין דעם איז געווען א געוויסער מיין קעגן אים גופא, און הגם ער האט ביי א מער־מאליגן באטראכטן מיט זיין שארפן שכל געקאנט פארשטיין, אז זיי ביידע קאנען זיין גערעכט, איז דאס פונדעסטוועגן פאר אים פארט געווען, ווי ער וואלט

זיך געדארפט אפזאגן פון זיין אינערליכן קיום, ווען ער וואלט דאס געדארפט מודה זיין אדער מסכים זיין; מיט דעם, א בלעטעלע, וואס האט א שיכות דערצו, און וואס דריקט אפשר אויס זיין גאנצע באציהונג צו אלבערטן, געפינען מיר צווישן זיינע פאפירן: „וואס קומט ארויס, אז איך זאג זיך אבער א מאל און ווידער א מאל, אז ער איז א וואוילער און א גוטער, אבער דאס צערייסט מיר מיין אינגעווייט; איך קאן נישט זיין גערעכט."

ווייל עס איז געווען א לינדער אוונט און עס האט אנגעהויבן צו טויען, איז לאטע מיט אלבערטן אויף צוריק געגאנגען צופוס א היים. גייענדיג האט זי זיך רק ארומגעקוקט, ווי ווערטהער וואלט איר געפעלט. אלבערט האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן אים, האט אים געטאדלט, נאר ער איז געווען פונדעסטוועגן ערליך צו אים; ער איז געקומען אויף זיין אומגליקליכער ליידנשאפט און האט געוואלט, אז עס זאל זיין מעגליך, מ׳זאל אים קאנען דערווייטערן, — איך וויל דאס אויך צוליב אונזערטוועגן, האט ער געזאגט, און איך בעט דיך, זעה צו געבן פאר זיין באציהונג צו דיר א אנדער ריכטונג און אז ער זאל זעלטענער קומען. עס הייבט שוין אן אויפפאלן און איך ווייס, אז מ׳האט שוין אין א סך ערטער גערעדט וועגן דעם. — לאטע האט געשוויגן, און, דאכט זיך, אז ער האט איר שוויגן פארשטאנען; ווייניגסטנס האט ער פון דעמאלט אן מער נישט דערמאנט ווערטהערן פאר איר, און אז זי פלעגט אנהויבן רעדן וועגן אים, פלעגט ער איבערייסן דעם געשפרעך, אדער אנהויבן רעדן וועגן אן אנדער זאך.

דער אומזיסטער פרוב, וואס ווערטהער האט געמאכט אויף צו ראטעווען דעם אומגליקליכן, איז געווען דער לעצטער אויפפלאקערן פון א אויסגייענדיגן ליכט; ער האט זיך נאך טיפער פארזונקען אין שמערץ און אפהעגטיגקייט; דערהויפט איז ער שיער ווי ארויס פון זיך, ווען ער האט דערהערט, אז מ׳קאן אים נאך אפשר ארויסרופן אלס עדות קעגן דעם שולדיגן, וואס האט אנגעהויבן אלץ לייקענען.

וואס עס האט אים נאר ווען עס איז אין זיין לעבן פארשאפט

עגמת נפש, דער פארדרוס ביי דער געזאנדשאפט, אלץ, וואס האט זיך אים ווען עס איז נישט איינגעגעבן, וואס עס האט אים ווען עס איז געקריינקט, האט איצט זיין נשמה דורכגעטרייסלט. דורך אט דאס אלץ האט ער גע־האלטן זיך ווי בארעכטיגט אפילו מיט זיין גארנישט ניט טאן, ער האט געזעהן זיך אפגעשניטן פון יעטווידער האפענונג, נישט פעהיג צו נעמען זיך פאר עפעס א זאך, וואס מ׳דארף טאָן פארן פשוטן לעבן; און אזוי, איבערגעגעבן אינגאנצן זיינע מערקווירדיגע געפילן, זיינע געדאנקען און זיין ענדלאזער ליידנשאפט, לעבנדיג אין דער אויביגער איינטאָניגקייט פון א טרויעריגער באציהונג צו דעם ליבסטן און געליבטן וועזן, וועמעס רוה ער האט געשטערט, האט ער, צעטרייסלענדיג זיינע כוחות און אָן א ציל און אָן א אויסזיכט אפמאטערנדיג זיי, זיך כסדר דערנעהנטערט צו א טרויעריגן סוף.

פון זיין פארפלאנטערטקייט און ליידנשאפט, פון זיין שטרעבן און זיין שטענדיגן דראנג פון דער פארמאטערטקייט פון דעם לעבן, זיינען איינציגע איבערגעבליבענע בריוו זיינע, וואס מיר גיבן דא אריין, די בעסטע עדות.

„דעם 12־טן דעצעמבער.

ליבער ווילהעלם! איך געפין זיך אין א צושטאנד, אין וועלכן עס מוזן זיין יענע אומגליקליכע, וואס מ׳גלויבט, אז בייזע גייסטער פארפאלגן זיי. אפטמאל נעמט מיך עפעס דורך; ס׳איז נישט קיין מורא, נישט קיין באגער — ס׳איז א אינערליכער אומבאוואוסטער שטורים, וואס קאן צערייסן די ברוסט, וואס פארשטיקט מיר אין האלז. וויי! וויי! און דאַן וואנדער איך ארום ביי די שרעקנדיגע נאכט-בילדער פון דער דאזיגער מענטשנפיינדליכער תקופה פון יאר.

נעכטן אינאוונט האב איך געמוזט ארויסגיין. ס׳איז מיטאמאל געווארן א לינדער וועטער; איך האב געהערט, אז דער טייך האט געלאזן און איז ארויס פון די ברעגעס, די אזערעס האבן זיך צעגאסן, און פון דער זייט פון וואלהיים איז פארפלייצט מיין ליבער טאל. נאך עלף ביינאכט בין איך אוועקגעלאפן. א מוראדיג בילד, צו זעהן, פון

פעלז ארונטער, ווירבלענדיג אין לבנה־ליכט די ברויזנדיגע כוואליעס איבער פעלדער און לאנקעס, קוסטעס און אלץ, און דער אויסגעברייטער טאל ארויף און אראפ — ווי א שטורמדיגער ים אין דעם געפייף פון ווינט! און ווען די לבנה באווייזט זיך שפעטער פונדאסניי און זי רוהט איבער דעם שווארצן וואלקן, און דער שטראם רייסט און קלינגט פאר מיר אין דעם מוראדיג הערליכן אפשיין: פאלט אויף מיר אן א פחד און ווידער א ביינקשאפט! אך! מיט אפענע ארעמס בין איך געשטאנען פאר דעם תהום און געעטעמט צום גרונט! צום גרונט! און האב זיך פארלארן אין דעם גליק, אראפצווארפן דארטן מיינע ליידן און ענויים! זיך ארייננברויזן ווי די כוואליעס אהין! אָ! — און אויפהייבן די פוס פון דער ערד און מאכן א סוף מיט דעם גאנצן פיין האסטו נישט געקאנט! מיין שעה האט נאך נישט געשלאגן, איך פיל דאס! אָ, ווילהעלם! מיט וואס פאר א חשק וואלט איך דערפאר אוועקגעגעבן מיין לעבן, כדי מיט יענעם שטורמווינט צערייסן די וואלקנס, מיט די כוואליעס זיך אויסצומישן! וואס! וועט דאס דאזיגע גליק אפשר קיינמאל ניט זיין באשערט פאר דעם, וואס איז פארשפארט אין דער תפיסה?

און מיט וואס פאר א נאגעניש האב איך אראפגעקוקט אויף א ווינקעלע, וואו איך האב בא א הייסן שפאציר־גאנג גערוהט מיט לאָטען אונטער א ערבה — עס איז אויך געווען פארפלייצט, און איך האב קוים וואס דערקענט די ערבה, ווילהעלם! און איך האב זיך דערמאנט אָן אירע לאנקעס, אָן דער געגנט ארום דעם יאגד־הויז! ווי עס איז צעשטערט פון דעם פלייצנדיגן שטראם אונזער ביידל! האב איך געטראכט. און א זונענשטראל פון דעם עבר האט ארייגעשיינט, ווי א געפאנגענעם א חלום פון סטאדעס, פון לאנקעס און פון אנגעזעהענע ערטער איך בין געשטאנען! — איך שטראף מיך נישט! ווארים איך האב מוט אויף צו שטארבן, — איך וואלט — איצטער זיץ איך דא, ווי א אלטע ווייבל, וואס קלייבט שטיקלאך האלץ פון די פארקאנס און בעטלט ברויט ביי די טירן, כדי אויף נאך א רגע צו פארלייגערן און לייכטער מאכן איר גוסס׳דיגן לעבן, וואס האט קיין פרייד ניט.״

„דעם 14־טן דעצעמבער.

וואס איז דאס, מיין טרייער? איך דערשרעק זיך פאר זיך אליין! איז דען נישט מיין ליבע צו איר, די הייליגסטע, די ריינסטע, די ברידערליכע ליבע? האב איך ווען עס איז געשפירט אין מיין נשמה א זינדיגן פארלאנג? — איך וויל נישט זאגן! — און איצט, חלומות! אָ! ווי ריכטיג עס האבן געפילט יענע מענטשן, וואס פלעגן צושרייבן אזוינע סתירותדיגע השפעות צו א פרעמדער קראפט! היינטיגע נאכט! איך ציטער דאס צו זאגן, האב איך זי געהאלטן אין מיינע ארעמס, שטארק געדריקט זי צו מיין הארצן און מיט אָן א שיעור קושן באדעקט איר ליב שעפטשעדיגן מויל; מיינע אויגן האבן געשוואומען אין דער פולקייט פון אירע! גאט! זינדיג איך, ווען איך פיל נאך איצטער גליק, מיט דער גאנצער טיפקייט ווידער ארויסצורופן אט די דאזיגע גליענדיגע פרייד? לאָטע! לאָטע! — און מיט מיר איז נאך אלעמען! מיינע חושים ווערן צעמישט; שוין א וואך צייט ווי איך האב נישט מער מיין געזונטן שכל, מיינע אויגן זיינען פול מיט טרערן. ס'איז מיר ערגעץ נישט גוט, און אומע־טום איז מיר גוט. איך וויל קיין זאך ניט, איך פארלאנג קיין זאך ניט; עס וואלט מיר בעסער געווען, ווען איך וואלט אוועק."

דער אנטשלוס צו פארלאזן די וועלט, איז צו דער צייט, ביי אט די אומשטענדן, געווארן אלץ שטארקער און שטארקער אין ווערטהערס נשמה. פון דעמאלט אָן, זינט ער איז געקומען צוריק צו לאָטען, איז דאס שטענדיג געווען זיין לעצטע האפענונג, זיין לעצטער בטחון; ער האט אבער געזאגט צו זיך, אז דאס דארף נישט זיין קיין געאיילטער, קיין האסטיגער טראט, נאר ער וויל אים שטעלן מיט דער שטארקסטער איבערצייגונג, און מעגליך מיט א רוהיגער אנטשלאסנקייט.

זיין יאוש, זיין ניט קומען צו קיין הסכם מיט זיך אליין, איז ארויסצוזעהן פון א צעטעלע, וואס איז א פנים אן אנגעהייבענער בריוו צו ווילהעלמען, און וועלכן מ'האט אָן א דאטום געפונען צווישן זיינע פאפירן:

„איר געגנוואַרט, איר שיקזאַל, איר באַטייליגן זיך אין מיין גורל פּרעסט נאָך אַרויס די לעצטע טרערן פון מיין אויסגעבּרענטן מאַרך.

אויפצוהייבּן דעם פאַרהאַנג און אַ טראַט טאָן אַהין! דאָס איז אַלץ! און פאַרוואָס דער פּחד און דאָס קווייקלען? ווייל מ׳ווייסט נישט, וואָס דאַרטן איז? און מ׳קומט נישט צוריק? און ווייל אַזוי איז שוין אונזער גייסט, אויף פאַרצושטעלן זיך דאָס, וואָס מיר ווייסן נישט באַשטימט, אַלס אַ פינסטערניש און כאַאָס!״

ענדליך איז ער אַלץ מער און מער געוואָרן נעהנטער און באַ־פריינדעטער מיט אַט דעם טרויעריגן געדאַנק, זיין כּוונה שטאַרקער און שוין נישט קאָנען העלפן אויף צוריק, פון וואָס עס זאָגט עדות אַט דער צווײדײטיגער בּריוו, וועלכן ער האָט געשריבּן צו זיין פריינד:

„דעם 20־טן דעצעמבּער.

איך דאַנק פאַר דיין ליבּע צו מיר, ווילהעלם, וואָס דו האָסט אַזוי אויפגענומען דאָס וואָרט. יאָ, דו ביזט גערעכט: עס וואָלט פאַר מיר געווען בּעסער, ווען איך וואָלט אַוועק. דער פאָרשלאַג, וואָס דו מאַכסט, אַז איך זאָל קומען צוריק צו אייך, געפעלט מיר נישט אינ־גאַנצן, ווענייגסטנס וואָלט איך נאָך זעער געוואָלט מאַכן אַ קרייז־דערהויפּט ווייל מיר קאָנען רעכענען, אַז דער פראָסט וועט האַלטן און עס וועט שטיין די וועג. עס איז מיר אויך זעער צום האַרצן, וואָס דו ווילסט קומען נאָך מיר. צי נאָך אַפּ אַ צוויי וואָכן און וואַרט אויף נאָך אַ בריוו פון מיר מכּח דאָס ווייטערדיגע. מ׳טאָר גאָרנישט ניט אָפּרייסן, אײדער עס ווערט צייטיג; און צוויי וואָכן אַזוי אָדער אַזוי באַטייט אַ סך. מיין מאַמען זאָלסטו זאָגן, אַז זי זאָל מתפּלל זיין פאַר איר זון, און אַז איך בּעט, זי זאָל מיר מוחל זיין פאַר יעדן עגמת נפש, וואָס איך האָבּ איר פאַרשאַפט. אַזוי איז שוין געווען מיין גורל, צו מצער זיין אַט די, וועמען איך האָבּ געמוזט פאַרשאַפן פרייד! זיי געזונט, מיין טייערסטער! איך בּענטש דיך מיט אַלע בּרכות פון הימל! זיי געזונט!״

וואס עס איז פארגעקומען אין דער צייט אין לאָטעס נשמה, וואס פאר א געפילן זי האט געהאט צו איר מאן, צו דעם אומגליקליכן פריינד, געטרויען מיר זיך קוים אויסצודריקן מיט ווערטער, הגם, קע־נענדיג איר כאראקטער, קאנען מיר זיך מאכען א קליינעם באגריף, און יעטווירע פיינפיליגע נשמה פון א פרוי קאן פארשטיין דעם צושטאנד פון איר נשמה און פילן אינאיינעם מיט איר.

דאס איז זיכער, אז זי איז געווען פעסט אנטשלאסן, אלץ צו טאן, כדי ווערטהערן צו דערווייטערן, און אויב זי האט אפגעצויגן, איז דאס נאר געווען א הארציגער און פריינדליכער היטן אים, ווייל זי האט געוואוסט, וואס דאס וועט זיין פאר אים, יא, אז דאס וועט כמעט זיין ווי אוממעגליך פאר אים. פונדעסטוועגן איז זי געווען צו דער צייט גענויטיגט ערנסט צו נעמען זיך דער פאר; איר מאן האט אינגאנצן געשוויגן וועגן דעם, גראד אזוי ווי זי פלעגט שטענדיג אויך שווייגן, און דעריבער האט זי געדארפט נאך מער באווייזן אים דורך מעשים, אז זי איז אים ווערט.

דעם זעלביגן טאג, ווען ווערטהער האט אנגעשריבן צו זיין פריינד דעם בריוו, וועלכן מיר האבן צום סוף אריינגעגעבן, — דאס איז געווען דער זונטאג פאר ווייגאכטן — איז ער געקומען אינאוונט צו לאָטען און געטראפן זי איינע אליין. זי איז געווען פארנומען מיט פארענדיגן עטליכע שפילזאכן, וואס זי האט צוגעגרייט פאר די ברי־דער־ און שוועסטערלאך אלס מתנה צו יום־טוב. ער האט גענומען רעדן פון דעם פארגעניגן, וואס די קינדער וועלן האבן, און ווי דער פלוצלונגדיגער עפענען זיך פון דער טיר און דאס בילד פון דעם אויסגע־פוצטן בוים מיט די וואקסליכט, מיט די צוקערגעבעק און די עפל וועט זיי אריינברענגען אין א גן־עדנדיגער התפעלות. — איר וועט אויך, האט זיך לאָטע אנגערופן, באהאלטנדיג איר פארלעגנהייט מיט א ליבן שמייכל, איר וועט אויך עפעס קריגן, אויב איר וועט נאר זיין לייטיש, — א שטעקעלע פון וואקס און נאך עפעס, — און וואס רופט איר זיין לייטיש? האט ער אויסגערופן; ווי זאל איך זיין? ווי קאן איך זיין? טייערע לאָטע! — דאנערשטאג אין אוונט, האט זי געזאגט, איז ווייגאכטן; עס וועלן קומען די קינדער, דער פאטער וועט אויך

קומען און יעדערער וועט קריגן דאס זייניגע, איר וועט אויך קומען — אבער נישט פריער! — ווערטהער איז געווארן צעטומלט. — איך בעט אייך, האט זי צוגעגעבן, עס מוז שוין זיין אזוי; איך בעט אייך צוליב מיין רוה וועגן; עס קאן נישט. עס קאן נישט בלייבן אזוי! — ער האט אפגעקערט זיינע אויגן פון איר, איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבערן צימער און האט געמורמלט: עס קאן נישט בלייבן אזוי; לאָטע, וואס האט געפילט דעם שרעקליכן צושטאנד, אין וועלכן עס האבן אים געבראכט אט די ווערטער, האט געזעהן דורך פלערליי פראגן צו צעשטרויען זיינע געדאנקען, נאר ס'איז געווען אומזיסט. — ניין, לאָטע, האט ער אויסגערופן, איך וועל אייך מער נישט זעהן! — פארוואס עפעס? האט זי זיך אנגערופן, ווערטהער איר קאנט אונז נאך זעהן איר מוזט אונז נאך זעהן; נאר האלט איין זיך אליין! אָ! פארוואס איז דאס אייך באשערט געווען צו געבוירן ווערן מיט אט דעם פלאץ מיט אט דער נישט בייקומענדיגער ליידנשאפט פאר אלץ, צו וואס איר קומט נאר צו! איך בעט אייך, האט זי צוגעגעבן, אננעמנדיג אים פאר דער האנט, האלט איין זיך אליין! אייער גייסט, אייער וויסן, אייער טאלענט, וואס פאר פארגעניגנס קאנען זיי אייך שאפן! זייט א מאנסביל! מאכט א כוח מיט אט דער טרויעריגער צוגעבונדנקייט צו א מענטשן, וואס קאן גארנישט ניט טאן חוץ באדויערן אייך! — ער האט געקריצט מיט די ציינער און פינסטער אנגעקוקט זי. זי האט געהאלטן זיין האנט. — האט נאר איין רגע א רוהיגן שכל, ווערטהער! האט זי געזאגט. פילט איר נישט, אז איר נארט זיך אפ, אז איר פירט זיך אליין מיטן אייגענעם ווילן צום גרונט! פארוואס גראד מיך, ווערטהער? דווקא מיך, א אייגנטום פון א צווייטן? דווקא מיך? איך האב מורא, איך האב מורא, אז דאס איז נאר די אוממעגליכקייט צו האבן מיך, מאכט אייך אזוי טייער דעם דאזיגן וואונש. — ער האט ארויסגעצויגן זיין האנט פון אירער, אנקוקנדיג זי מיט א שטארן אויפגעבראכטן בליק. — אן אנטיק! האט ער זיך אנגערופן, אן אנטיק! איז דאס אפשר אלבערטס רייד? פאליטיש! זעער פאליטיש! — דאס קאן זיין יעדערנס, האט זי אויף דעם געענטפערט. און וועט דען אין דער גרויסער וועלט נישט געפינען זיך

איינע, וואס זאל דערפילן די וואונשן פון אייער הארץ? באהערשט זיך, זוכט, און איך שווער אייך, אז איר וועט זי געפינען; ווארים איך האב שוין פון לאנג מורא, אי צוליב אייך אי צוליב אונז, פאר דער באגרעניצונג, וואס עס האט אייך באהערשט די לעצטע צייט. זעהט בא־הערשן זיך! א רייזע וועט אייך צעשטרייען, זי וועט אייך מוזן צע־זשטרייען! זוכט, געפינט אט די, וואס זאל זיין ווערט אייער ליבע און קומט צוריק און מיר וועלן צוזאמען געניסן דאס גליק פון אמתער פריינדשאפט! — דאס וואלט מען געקאנט אפדרוקן, האט ער זיך אנ־גערופן מיט א קאלטן שמייכל, און עצהן דאס אלע הויפלייט. ליבע לאטע! גיט מיר נאך א קורצע ווייל רוה! עס וועט אלץ ווערן! — נאר, ווערטהער, קומט נישט פריהער פאר ווייגאכטן! — ער האט געוואלט ענטפערן, און אלבערט איז אריין אין צימער, איינער דעם צוויטן האט געזאגט א פראסטיגן גוטן אוונט און אין א פארלעגנהייט איז מען ארומגעגאנגען איינער לעבן דעם אנדערן איבערן צימער ווערטהער האט פארפירט א געוויינליכן שמועס, וואס האט זיך באלד אויסגעגנומען, דאס אייגענע אלבערט אויך, וואס האט דערנאך געפרעגט ביי זיין פרוי וועגן עפעס געשעפטליכע זאכן, און הערנדיג, אז זיי זיינען נאך נישט אפגעפארטיגט, האט ער איר געזאגט א פאר ווערטער, וואס זיינען פארגעקומען ווערטהערן קאלט, צו הארט אפילו. ער האט געוואלט אוועקגיין, האט אבער נישט געקאנט און אפגעצויגן אזוי ביז אכט דעם זייגער, ביז זיין אפהענטיגקייט און גלייכגילטיגקייט האט זיך פארגרעסערט, מ'האט געגרייט צום טיש און ער האט גענומען דעם הוט און דעם שטעקל אין האנט, אלבערט האט אים פארבעטן צו בלייבן; ער אבער, וואס האט גערעכנט, אז דאס איז געזאגט נאר פון פשוטער העפליכקייט, האט אים קאלט אפגעדאנקט און איז אוועק.

ער איז געקומען א היים, האט ארויסגענומען ביי זיין דינער פון האנט דאס ליכט, וואס ער האט אים געוואלט צולייכטן, און איז אליין אוועק צו זיך אין צימער, האט געוויינט אויפן קול, אויפגעבראכטער־הייט גערעדט צו זיך אליין, ארומגעגאנגען מיט האסט איבערן צימער און דערנאך א ווארף געטאן זיך אין די קליידער אויפן בעט, וואו עס

האט איהם אזוי געטראפען דער דינער, וועלכער האט ערשט א זייגער עלף דערוועגט זיך אריינצוגיין פרעגן, אויב ער זאל אויסטאן דעם האר די שיך? ער האט אים דאס געלאזן, און פארווערט דעם דינער אריינצוגיין מארגן אין צימער, ביז ער וועט אים ניט רופן.

מאנטאג אינדערפרי, דעם איינאונצוואנציגסטן דעצעמבער, האט ער אנגעשריבן אט דעם בריוו צו לאטען, וועלכן מ'האט געפונען נאך זיין טויט א פארחתמטען אויף זיין שרייבטיש און וועלכן מ'האט איר אים איבערגעגעבן; טיילן־ווייז וויל איך אים דא אריינשטעלן, אזוי ווי דאס ווערט קלאר פון די אומשטענדן, ווי ער האט אים געשריבן.

„עס איז באשלאסן, לאטע, איך וויל שטארבן, און דאס שרייב איך דיר אן ראמאנטישן איבערטרייבן, געלאסענערהייט, אין דעם פרימארגן פון דעם טאג, ווען איך וועל דיך צום לעצטן מאל זעהן. ווען דו וועסט לייענען אט דאס, מיין טייערע, וועט שוין צודעק דער קילער קבר די פארגליווערטע עצמות פון דעם אומרוהיגן, פון דעם אומגליקליכן, וואס ווייס נישט אין די לעצטע רגעס פון זיין לעבן קיין אנדער גליק, ווי צו רעדן מיט דיר. איך האב געהאט א שרעקליכע נאכט, און אך! א גליקליכע נאכט. זי איז דאס, וואס האט באפעסטיגט מיין אנטשלוס, וואס האט אים באשטימט: איך וויל שטארבן! אז איך האב זיך נעכטן ארויסגעריסן פון דיר, אין דער מוראדיגסטער צעטרייסלונג פון מיינע חושים, ווי אלץ האט זיך צום הארצן געשפארט, ווי עס האט מיך דורכגענומען מיט א שווערער קעלט מיין זיין לעבן דיר, וואס איז אָן האפענונג און אָן פרייד — איך האב קוים דערגרייכט מיין צימער, איך האב זיך א ווארף געטאן אויסער זיך אויף די קני, און אָ גאָט! דו האסט מיר געשיינקט די לעצטע דערקוויקונג פון די ביטערסטע טרערן! טויזנטער מחשבות, טויזנטער האפענונגען האבן געשטורימט אין מיין נשמה, און צום סוף איז געבליבן פעסט, אינגאנצן, דער לעצטער איינציגער געדאנק: איך וויל שטארבן! — איך האב זיך געלייגט און אינדערפרי, אין דער רוהיגקייט פון דעם אויפכאפן זיך, שטייט נאך דער געדאנק פעסט, נאך אינגאנצן שטארק אין מיין הארצן: איך וויל שטארבן! — ס'איז נישט קיין יאוש, ס'איז א זיכערקייט,

אז איך האב אויסגעטראגן ביז צו דער צייט, און אז איך ברענג זיך א קרבן פאר דיר, יא, לאטע! למאי זאל איך דאס פארשווייגן? איינער פון אונז דרייען מוז אוועק, און דער איינער וויל איך זיין! אָ מיין טרייע! אין דעם דאזיגן צעריסענעם הארצן האט אפט שטור־רימענדיג זיך דורכגעטראגן דער געדאנק — אומצוברענגען דיין מאן! — דיך! — מיך! — אזוי זאל דאס זיין! — אז דו וועסט ארויפשטייגן אין א שיינעם זומערפארנאכט אויפן בארג, דאן דערמאן זיך אן מיר, ווי אפט איך פלעג קומען צום טאָל, און דערנאך גיב א קוק צו דעם זייט פון קלויסטער־הויף אויף מיין קבר! ווי אין דעם ליכט פון דער פארגייענדיגער זון וויגט ארום דער ווינט די הויכע גראז. — איך בין געוועזן רוהיג, בשעת איך האב אנגעהויבן; איצטער, איצטער וויין איך, ווי א קינד, ווארים דאס שטעלט זיך אלץ פאָר פאר מיר אזוי לעבעדיג.״ —

א זייגער צען האט ווערטהער ארייגערופן זיין דינער, און ביים אנטאן זיך האט ער אים געזאגט, אז אין א פאר טעג ארום פארט ער אוועק, ער זאל דעריבער אויספוצן די קליידער און צוגרייטן אלץ צום איינפאקן; אויסער דעם האט ער אים אנגעזאגט, אז ער זאל בעטן אומעטום א חשבון, ער זאל אפנעמען אייניגע פארליענע ביכער, און זאל די עטליכע נויטבאדערפטיגע, וועמען ער פלעגט שטענדיג געבן וואָכער־געלט, אויסצאלן זיי פארויס פאר צוויי חדשים.

ער האט געהייסן מ׳זאל אים ארייינטראגן דאס עסן אין צימער, און נאכן עסן איז ער אוועקגעפארן רייטענדיג צום אמטמאן, וועמען ער האט נישט געטראפן אינדערהיים. טיף פארטראכט איז ער ארומגעגאנגען איבערן גארטן און עס האט אויסגעזעהן, אז ער האט נאך געוואלט ארויפוואַרפן אויף זיך דעם גאנצן טרויער פון די זכרונות.

די קינדער האבן אים נישט געלאזן לאנג צו רוהי, האבן אים געמאטערט געשפרונגען אויף אים און דערציילט, אז ווען עס וועט אוועקגיין מארגן און נאך א מאל מארגן און נאך א טאג, וועלן זיי באקומען פון לאטען די ווייבאכטס־מתנות, און האבן אים אנגע־דערציילט אזוינע מיני חדושים, וואס עס האט זיי נאר געקאנט אויסמאלן זייערע קינדערשע מוחלעך! — מארגן! — האט ער

אויסגערופן, און נאך א מאל מארגן! און נאך א טאג! — און האט זיי אלעמען הארציג געקושט און געוואלט אוועקגיין פון זיי, ערשט דער קליינינקער האט נאך אים עפעס געוואלט זאגן אין אויער. ער האט אים מגלה געווען, אז די עלטערע ברידער האבן אנגעשריבן שיינע גראטולאציעס צום ניי־יאר, אט אזוי די גרויס! איינע פאר דעם פאפא, איינע פאר אלבערטן און לאטען, און איינע פאר הער ווערטהערן אויך; זיי ווילן דאס דערלאנגען דעם אינדערפרי פון ניי־יאר. דאס האט אים צעטרייסלט; ער האט יעדערן עפעס געגעבן, האט זיך אוועקגעזעצט אויפן פערד, געלאזן גריסן דעם אלטן און אוועקגעריטן מיט טרערן אין די אויגן.

א זייגער פינף איז ער אנגעקומען א היים, האט געהייסן דער שטוב־מיידל זי זאל אכטונג געבן אויפן פייער און אז עס זאל ברענען ביז נאכט. דעם דינער האט ער געהייסן אריינפאקן אונטן אין קארב די ביכער און די וועש און איינניייען די זאכן. דערנאך האט ער געמוזט צושרייבן אט די עטליכע שורות אין זיין לעצטן בריוו צו לאטען:

„דו ריכטסט זיך ניט אויף מיר! דו גלויבסט, אז איך וועל פאלגן און אז איך וועל ערשט ווייניאכטן זעהן דיך ווידער. אָ לאטע! היינט אדער קיינמאל נישט מער! ווייניאכטן וועסטו שוין האבן דאס דאזיגע פאפיר אין די הענט, און וועסט ציטערן און באנעצן אים מיט דיינע ליבע טרערן. איך וויל, איך מוז! אָ! ווי מיר איז גוט, וואס איך האב זיך אנטשלאסן!“

לאטע האט זיך דערווייל געפונען אין א מאדנעם צושטאנד. נאך דעם לעצטן געשפרעך מיט ווערטהערן, האט זי דערפילט, ווי שווער עס וועט פאר איר זיין צו צעשיידן זיך מיט אים, וויפל ווערטהער וועט ליידן, ווען ער זאל זיך דארפן דערווייטערן פון איר.

בדרך אגב איז איר עפעס ארויסגעקומען צו זאגן אין אלבערטס געגנווארט, אז ווערטהער וועט פאר ווייניאכטן מער נישט קומען; אלבערט איז אוועקגעפארן צו א דערבייאיגן באאמטן, מיט וועמען ער האט געדארפט אפטאן געשעפטליכע זאכן, און וואו ער האט געמוזט פארבלייבן איבער נאכט.

איצט איז זי געזעסן איינע אליין, פון אירע ברידערלאך און שוועסטערלאך איז קיינער נישט געווען לעבן איר; זי האט זיך איבערגעגעבן אירע געדאנקען, וואס זיינען ביסלאכווייז ארויף אויף זייערע פארהעלטעניסן. זי זעהט זיך אויף אויביג פארבונדן מיט איר מאן, וועמעס ליבע און טרייקייט זי האט געקענט, צו וועמען זי איז געווען צוגעבונדן, וועמעס רוהיגקייט און צוטרוי עס האט אויסגעזעהן ווי באשטימט פון הימל אויף דעם, אז א מונטערע פרוי זאל קאנען בויען דאס גליק פון איר לעבן; זי האט געפילט, וואס אזוינס ער וועט תמיד זיין פאר איר און פאר אירע קינדער; פון דער אנדער זייט, איז איר ווערטהער געווארן אזוי טייער; שוין פון דער ערשטער רגע פון זייער באקאנטשאפט האט זיך אזוי גוט ארויסגעוויזן די הארמאניע פון זייערע כאראקטערן, היינט דער שטענדיגער צוזאמען־זיין מיט אים, די אזוי פיל דורכגעלעבטע מאמענטן האבן געמאכט אן איינדרוק אויף איר הארצן, וואס איז געווען ניט אויסצולעשן. אלץ, וואס זי האט אזוינס וויכטיגערעס געפילט און געטראכט, איז זי געוואוינט געווארן צו טיילן זיך מיט אים, און זיין אוועקגיין האט געדראָט צו מאכן אין איר גאנצן לעבן אזא פוסטקייט, וואס וועט נישט קאנען ווידער אויסגעפילט ווערן. אָ, ווען זי וואלט אים געקאנט אין דעם מאמענט פארוואנדלען אין אירן א ברודער, ווי גליקליך זי וואלט געווען! — ווען זי וואלט אים געקאנט פאראייניגן מיט איינער פון אירע פריינדנס, ווען זי וואלט געקאנט האפן, ווידער גוט צו מאכן אויך זיין באציהונג צו אלבערטן!

איינער נאך דער אנדערער האט זי דורכגענומען אירע פריינדנס און ביי יעדערער האט זי געטראפן עפעס א פעלער, האט קיין איינע נישט געזעהן, וועלכע זי וואלט אים געקאנט ווינשן.

ביי אט די אלע געדאנקען, האט זי ערשט טיף דערפילט נישט קלאר מאכנדיג דאס פאר זיך גופא, אז איר אינערליכער, פארבארגענער וואונש איז, איינצוהאלטן אים פאר זיך אליין, און דערביי געזאגט צו זיך, אז זי קאן דאס נישט, אז זי טאר דאס נישט; איר פרייער און לויטערער געמיט, וואס איז שטענדיג געווען

אזא לייכטער און וואס פלעגט זיך אזוי גרינג ארויסהעלפן, האט דערשפירט א נאגעניש, פאר וועלכער ס'איז פארלאשן די האפענונג צום גליק. איר הארץ איז געווען געפרעסט, און א טריבער וואלקן איז געווען אויסגעשפרייט פאר אירע אויגן.

אזוי איז געווארן האלב זיבן דער זייגער, ווען זי האט דער־הערט ווערטהערן ארויפגייענדיג אויף די טרעפ, און האט גלייך דערקענט זיינע טריט, זיין שטים, וואס האט נאכגעפרעגט אויף איר. ווי האט געשלאגן איר הארץ! און, מיר מעגן כמעט זאגן, דאס איז געווען צום ערשטן מאל זינט ער קומט, זי וואלט מיט פרייד געהייסן זאגן, אז זי איז ניטא אינדערהיים, און אז ער איז אריין האט זי אויסגערופן מיט א מין ליידנשאפטליכער צעטומלטקייט: איר האט נישט געהאלטן קיין וואָרט! — איך האב גארנישט ניט צוגעזאגט, איז געווען זיין תשובה, — האט איר געדארפט ווייניגסטנס דערפילן מיין בקשה, האט זי צוגעגעבן; איך האב אייך דאס געבעטן צוליב אונזער ביידנס רוה ווענן.

זי האט אליין ניט געוואוסט גוט, וואס זי רעדט, און וואס זי טוט, ווען זי האט געשיקט רופן אייניגע פריינדנס, כדי נישט צו בלייבן אליין מיט ווערטהערן. ער האט אוועקגעלייגט א פאר ביכער, וואס ער האט געבראכט מיט זיך, האט געבעטן זי זאל געבן אייניגע אנדערע, און זי האט דאס געוואלט, אז אירע פריינדנס זאלן קומען, דאס, אז זיי זאלן נישט קומען, דאס מיידל איז געקומען צוריק און איבערגעגעבן, אז ביידע אנטשולדיגן זיך, זיי מוזן בלייבן אינדערהיים.

זי האט געוואלט הייסן דער מיידל, אז זי זאל זיך זעצן מיט איר ארבעט אין דער דערבייאיגער קאמער, שפעטער האט זי זיך ווייטער אנדערש באקלערט. ווערטהער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבערן צימער; זי האט זיך געזעצט צום קלאוויר און אנגעהויבן שפילן א מינועט, ס'איז נישט ארויסגעקומען. זי האט זיך באהערשט און האט רוהיגערהייט זיך געזעצט לעבן ווערטהערן, וואס האט זיך געזעצט אויף זיין געוואוינליכן אָרט אויף דער קאנאפע.

האט איר גארנישט צום לייענען? האט זי געפרעגט. — ער

האט קיין זאך נישט געהאט. — דארטן אין שופלאד, האט זי אנגעהויבן, ליגט אייער איבערזעצונג פון איניגע געזאנגען אססיאנס; איך האב זיי נאך נישט געלייענט, ווארים איך האב שטענדיג געהאפט, אז איר וועט זיי פאָרלייענען, און פון דעמאלט אן איז נאך נישט אויסגעקומען, ער האט געשמייכלט און ארויסגענומען די לידער; א שוידער איז דורכגעגאנגען איבער זיין קערפער, ווען ער האט זיי גענומען אין די הענט, און די אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן, ווען ער האט אריינגעקוקט אין זיי, ער האט זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבן לייענען,

„שטערן פון טונקלדיגער נאכט, דו פינקלסט שיין אין מעריב, פון וואלקן ארויס הויבסטו אויף דיין שטראלנדיגן קאפּ, דו וואנדלסט שטאלץ דורכ׳ס בערגל, וואס זוכט דיין בליק אין מדבר? די שטורמווינטן האבן זיך געלייגט; פון ווייטן הילכט דאס מורמלען פונ׳ם וואסערפאל, ווייט,ביים פעלז, קלאפן די רוישיגע כוואליעס, און איבער ס׳פעלד טראגט זיך דאס זשומען פון די אוונטפליגן, וואס קוקסט דו הערליך ליכט? אבער דו שמייכלסט און דו גייסט; די אינדן רינגלען דיך ארום מיט פרייד, און באדן דיין רוהיגן געוועב, זיי גליקליך, רוהיגער שטראל! גיי אויף דו הערליך ליכט פון אָססיאנס נשמה!

„און עס גייט אויף אין זיין קראפט, איך זעה מיינע פארשטארבענע פריינד, זיי זאמלען זיך צונויף אויף לאָראַ, ווי אמאל, אין די פארגאנגענע טעג! — ווי א פייכטער נעפלדיגער זייל קומט ער, פינגאל, זיינע העלדן מיט אים — די בארדן פונ׳ם געזאנג! דער זקן אולין! דער העלד רינא! דער הערליכער זינגער אלפין! און דו, צארטקלאגנדיגע מינאָנאַ! — מיינע פריינד! ווי איר זייט פארענדערט, פון די פייערטעג אויף זעלמא, ווען ס׳איז געווען דער געראנגל פאר דעם רום פון געזאנג, ווי דער שטרייט פון די פרילינגווינטן וויגנדיג אויפן בערגל דאס שוואך־מורמלענדיג גראז.

„באלד קומט ארויס מינאָנאַ אין איר פראכט, מיט פאראומערטע בליקן און מיט אויגן פול טרערן; עס וויגן זיך שווער

אירע האָר אינ׳ם וואַרפנדיגן ווינט׳ וואס שטויסט פונ׳ם בערגל אין דער נידער׳ — געטונקלט האט אין די נשמות פון די העלדן׳ ווען זי האט אויפגעהויבן איר שטים׳ ווארים אפט האבן זיי געזעהן דעם קבר פון זאַלגאַר׳ אפט די פינסטערע וואוינונג פון דער ווייסער קאָלמאַ׳ קאָלמא איז פאַרלאזן אויפן בערגל׳ פארלאזן מיט איר הארמאנישער שטים; זאלגאר האט צוגעזאגט צו קומען׳ נאר פון ארום האט זיך אנגעצויגן די נאכט׳ הערט צו די שטים פון קאָלמאַ׳ ווען זי איז געזעסן איינזאם אויפן בערגל׳

## קאָלמאַ

„עס איז נאכט׳ — איך בין איינזאם׳ פארלארן אויף דעם שטורמדיגן היגל. עס שרייט דער ווינט אין די בערג׳ עס קלאפט דער שטראם פון די פעלזן׳ מיך שירמט ניט קיין ביידל פון דעם רעגן׳ מיך׳ די פארגעסענע אויף דעם שטורימדיגן היגל׳

„טרעט ארויס׳ אָ לבנה׳ פון דיינע וואלקנס! גייט אויף׳ איר שטערן פון נאכט! אהין׳ וואו עס רוהט מיין ליבע׳ זאל באלייכטן א שטראל מיין וועג׳ וואו פון שווערקייט פון דער יאגד רוהט מיין ליבער׳ ביים זייט אפגעשפאנט דער בויגן׳ און לעבן אים די דרעמלענדיגע הינט! דא מוז איך זיצן אליין אויף דעם פעלז פונ׳ם פארוואָקסענעם שטראם׳ עס ברויזט דער שטראם און דער שטורים׳ איך הער נישט די שטים פון מיין געליבטן׳

„פארוואס זאמט זיך מיין זאלגאר? האט ער פארגעסן אָן זיין וואָרט? אט איז דער פעלז׳ אט איז דער בוים׳ און דא פלייצט דער רוישיגער שטראָם! מיט דער נאכט האסטו צוגעזאגט צו זיין דא; אך! וואוהין האט פארבלאָנדזשעט מיין זאַלגאר? איך האב געוואלט פליהען מיט דיר׳ פארלאזן דעם פאטער און ברודער! די שטאלצע! אונזערע שבטים זיינען פון לאנג פיינד צווישן זיך׳ אבער מיר׳ זאלגאר׳ זיינען נישט קיין פיינד!

„שווייג א ווילע׳ ווינט! זיי שטיל א רגע שטראם! אז מיין שטים זאל קלינגען דורכן טאל׳ אז מיין וואנדערער זאל מיך הערן! זאלגאר! איך בין דאס׳ וואס רופט דיך! אט איז דער בוים און דער

פעלז! זאלגאר! מיין ליבער! דא בין איך! פארוואס זאמסטו זיך צו קומען?

„זעה, עס גייט אויף די לבנה, און אין טאל פינקלט דער שטראם, גרויע קוקן ארויף די פעלזן צום היגל; אבער איך זעה אים ניט דארטן אויפן בערגל, און די הינט זאגן ניט אן, אז דו קומסט. דא מוז איך זיצן אליין. נאר ווער זיינען אט יענע, וואס ליגן אונטן אין דער סטעפע? — מיין געליבטער? מיין ברודער? — אָ רעדט, מיינע פריינד! זיי ענטפערן ניט. ווי עס ציטערט מיין נשמה! — אך, זיי זיינען טויט! די שווערדן זיינען רויט פון געפעכטן! אָ, מיין ברודער, מיין ברודער! פארוואס האסטו דערהרגעט מיין זאלגאר? אָ, מיין זאלגאר! פארוואס האסטו דערהרגעט מיין ברודער? איר זייט מיר ביידע געווען אזוי ליב! אָ, דו ביזט הערליך געווען אויף דעם בערגל צווישן טויזנטער! ער איז געווען שרעקליך אין שלאכט. ענטפערט מיר! הערט צו מיין שטים, מיינע געליבטע! נאר ווי! זיי זיינען שטום, שטום אויף אויביג! קאלט, ווי די ערד, איז זייער ברוסט!

„אָ פונ׳ם פעלז פון דעם היגל, פונ׳ם שפיץ פון דעם שטורים־דיגן בארג רעדט, איר גייסטער פון די טויטע! רעדט, איך וועל ניט ציטערן! וואוהין זייט איר געגאנגען צו רוה? אין וועלכע היילן פונ׳ם בארג זאל איך אייך זוכן? איך הער ניט קיין שטילע שטים אינ׳ם ווינט, עס שוועבט ניט קיין ענטפער אינ׳ם שטורים פון דעם היגל.

„איך זיץ אין מיין טרויער, און אין טרערן וואַרט איך אויף דעם פרימארגן. גראבט דעם קבר, איר פריינד פון די טויטע, אבער פארשיט אים ניט ביז איך וועל קומען! מיין לעבן פארשווינדט ווי א חלום, ווי קאן איך דא בלייבן? דא, ביים שטראם פונ׳ם קלינגיגן פעלד, וויל איך וואוינען מיט מיינע פריינד. ווען עס וועט ווערן נאכט אויפן בערגל, און דער ווינט וועט זיך טראגן דורך דער סטעפע, דאן זאל ווייען מיין גייסט אין דעם ווינט און באקלאגן דעם טויט פון מיינע פריינד. דער יעגער הערט מיין שטים פון זיין ביידל, ער שרעקט זיך פאר איר און ער האט זי

ליב; ווארים זיס דארף זיין די שטים איבער מיינע פריינד; זיי זיינען מיר ביידע געווען אזוי טייער!

„דאס איז געווען דיין געזאנג, אַ מינאָנאַ, טאַרמאַנס בנעימות־שעמעוודיגע טאכטער, מיר האבן באקלאגט קאָלמאס גורל, און טונקל איז געווען אין אונזער נשמה.

„אולין איז ארויס מיט דער הארפע און אונז געזונגען אלפינס געזאנג, — צארט איז געווען אלפינס שטים, און רינאָס נשמה א פייערדיגער שטראל. אבער זיי האבן שוין גערוהט אין דעם ענגען קבר, אין זעלמא האט זיך געטראגן זייער שטים. אמאל איז געקומען אולין פון יאגד, נאך איידער די העלדן זיינען געפאלן, ער האט געהערט אויפן בערגל זייער געוועט־געזאנג, צארט איז געווען זייער ליד, צארט אבער טרויעריג. זיי האבן באקלאגט מאָראַרס טויט, דעם ערשטן פון די העלדן. זיין נשמה איז געווען ווי פינגלאס, זיין שווערד האט זיך געגליכן צו אסקארס, — אבער ער איז געפאלן, און זיין פאטער האט אים באוואוינט, און די אויגן פון זיין שוועסטער זיינען געווען פול פון טרערן, די אויגן מינאָנאַס פול פון טרערן, דער שוועסטער פונ׳ם הערליכן מאראר, זי איז אפגעטראטן צוריק פאר אולינס געזאנג, אזוי ווי די לבנה אין מעריב, דערשפירנדיג א שטורים, באהאלט איך שיינעם קאפ אין וואלקן, — איך האב מיט אולין געשפילט אויף דער הארפע דעם טרויער־געזאנג.

## ר י נ אָ

„פאריבער איז דער ווינט און רעגן; דער מיטנטאג איז אזוי לויטער, עס צוגייען זיך די וואלקנס, איילנדיג באשטראלט די זון מיט ליכט דאס בערגל, רויטליך פליסט דער שטראם פון בארג אין טאל אריין, זיס איז דיין מורמלען, שטראם; אבער זיסער איז די שטים, וואס איך הער, דאס איז אלפינס שטים, ער באקלאגט דעם טויטן, זיין קאפ איז געבויגן פון אלטער, און די אויגן זיינען רויט פון טרערן, אלפין, הערליכער זינגער! פארוואס ביזטו אליין אויפן שווייגנדיגן בערגל? פארוואס טראגט זיך דיין יאמער,

## ווי א ווִיכער אין וואלד׳ ווי א כוואליע ביי א ווייטן ברעג?

## א ל פ י ן

„מיינע טרערן׳ רינאָ׳ זיינען געווידמעט די טויטע׳ מיין שטים די איינוואוינער פון די קברים׳ דו ביזט שלאנק אויף דעם בערגל׳ שיין צווישן די זין פון דער סטעפּע! אבער דו וועסט פאלן׳ ווי מאָראַר׳ אויף דעם קבר וועט זיצן דער אָבל׳ די היגלען וועלן דיך פארגעסן׳ און ניט קיין געצויגענער וועט ליגן דיין בויגן אין געצעלט׳

„דו ביזט געשווינד׳ ווי א אינד אויפן בערגל׳ אָ מאָראר׳ שרעקליך׳ ווי דער פייער פון נאכט אויפן הימל׳ דיין צארן איז געווען א שטורים׳ דיין שווערד אין דער שלאכט׳ ווי א בליץ אין דער מדבר׳ דיין שטים האט זיך געגליכן צו א שטראָם פון וואלד נאך א מבול׳ צו א דונער אויף ווייטע בערגלאך׳ פיל זיינען געפאלן פון דיין האנט׳ עס האט זיי פארלענדט דער פלאם פון דיין צארן׳ אבער ווען דו פלעגסט קומען פון קריג׳ ווי פרידליך איז געווען דיין פנים! דיין געזיכט איז געווען׳ ווי די זון נאך א שטורים׳ ווי די לבנה אין א שווייגנדיגער נאכט; דיין ברוסט אזוי רוהיג׳ ווי דער דער ים׳ ווען עס לייגן זיך די כוואליעס׳

„ענג איז אצונד דיין וואוינונג! פינסטער דיינע געמאכן! מיט דריי אַמות מעסט איך דיין קבר׳ אָ דו׳ ווער ס׳איז פריער געווען אזוי גרויס! פיר שטיינער׳ באַוואָקסן מיט מאָך׳ — איז דיין איינציגע געדעכעניס; א נאקעטער בוים׳ הויכע גראז׳ וואס מורמלען אין ווינט׳ ווייזן דעם יעגער דעם קבר פון דעם מעכטיגן מאראר׳ דו האסט ניט קיין מוטער׳ וואס זאל דיך באוואוינען׳ קיין געליבטע מיט טרערן פון ליבע; טויט איז די׳ וואס האט דיך געבארן׳ און געפאלן איז די טאכטער פון מאָרגלאַן׳

„ווער איז דאס אויף דעם אָנשפּאַר? ווער איז דאס׳ וועמעס קאפּ עס איז ווייס פון אלטקייט׳ וועמעס אויגן עס זיינען רויט פון טרערן? דאס איז דיין פאטער אָ מאָראר! דער פאטער׳ וואס האט קיין זון ניט׳ אויסער דיר! ער האט געהערט פון דיין גבורה

אין שלאכט, האט געהערט פון די צעשמעטערטע פנייד! האט געהערט פון מאָראַרס רום! אַך! קיין ווארט ניט פון דיין וואונד! ווייַן, מאָראַרס פאטער, וויין! אבער דיין זון הערט דיך ניט. טיף איז דער שלאף פון די טויטע, נידעריג איז די קיסן פון שטויב. ער וועט קיינמאל ניט פארנעמען דיין שטים, וועט קיינמאל ניט אויפוואכן פון דיין רוף. אָ! ווען וועט עס טאגן אין קבר, אויף צו באפעלן דעם נפטר: שטיי אויף!

זיי געזונט, דו איידלסטער פון מענטשן, דו זיגער אין פעלד! אבער דאס פעלד וועט דיך שוין קיינמאל ניט זעהן! דער פינסטע־רער וואלד וועט שוין קיינמאל ניט לייכטן פון דעם גלאנץ פון דיין בויגן! ס'איז ניט געבליבן קיין יורש נאך דיר, אבער דער געזאנג וועט פאראייביגן דיין נאמען; צייטן, וואס וועלן קומען, וועלן הערן פון דיר, זיי וועלן הערן פון דעם געפאלענעם מאָראַר!

„דער טרויער פון די העלדן איז געוועזן שטארק, שטארקער פאר אלץ אַרמינס שווערער זיפץ. — דאס האט אים דערמאנט אן דעם טויט פון זיין זון, וואס איז געפאלן אין דער יוגנט. קאַרמאָר, דער פירסט פון דעם רוישיגן גאַלמאַל, איז געזעסן ביים זייט פון דעם העלד, — פארוואס איז אזוי שווער אַרמינס זיפץ? וואס איז דא צו וויינען? האט ער געזאגט, קלינגט דען ניט ליד און געזאנג, אויף צו רירן די נשמה און צו דערקוויקן? זיי זיינען ווי זאנפטע נעפלען, וואס, אויפהייבנדיג זיך פון ים, באשפריצן זיי דעם טאל און טרינקן אן די בליהנדיגע בלומען; נאר עס קומט ווידער די זון מיט איר קראפט, און די נעפלען צושווימען, פארוואס איז אזוי פארטרויערט אַרמין, דער הערשער פון דעם ים־געריגגלטן גאָרמאַ?

„פארטרויערט! געוויס, און ניט קליין איז דער גרונט פון מיין צער. קאַרמאָר, דו האסט ניט פארלארן קיין זון, דו האסט ניט פארלארן קיין בליהנדע טאכטער; קאָלגאַר, דער העלדישער, לעבט, און אַמיראַ די שענסטע פון די טעכטער. אָ קאַרמאָר! די צווייגן פון דיין הויז האלטן איצט אין בליהען, אבער אַרמין איז דער לעצטער פון זיין שבט. דיין געלעגער איז פינסטער, אָ דאַאוראַ!

דעמפיג איז דיין שלאף אין קבר׳ ווען וועסטו אויפשטיין מיט דיינע געזאנגען׳ ווען מיט דיין מעלאדישער שטים? הייבט זיך אויף׳ איר יעסנדיגע ווינטן! הויבט זיך אויף! שטורימט איבער דער פינסטערער סטעפּע! ברומט׳ איר שטראמען פון וואלד! שרייט׳ איר שטורימס׳ אין די שפּיצן פון די דעמבעס! וואנדל דורך אפּגעריסענע וואלקנס׳ אָ לבנה! באוויז בייטנדיג דיין בלאסן געזיכט! דערמאן מיך אן דער שרעקליכער נאכט׳ ווען איך האב פארלארן די קינדער׳ ווען ס׳איז געפאלן אַרינדאַל׳ דער העלד׳ און ס׳איז אומגעקומען דאַאוראַ׳ די ליבע.

„דאַאוראַ׳ מיין טאכטער׳ דו ביזט געוועזן שיין׳ שיין׳ ווי די לבנה אויף די בערגלאך פון פוראַ׳ ווייס ווי דער געפאלענער שניי־ זיס׳ ווי דאס ווייען פון דער לופט! אַרינדאַל׳ דיין בויגן איז געווען שטארק׳ דיין שפּיז איז געווען געשווינד אויפן שלאכטפעלד׳ דיין בליק׳ ווי דער נעפּל אויף דער כוואליע׳ דיין פאנצער׳ ווי א פייער־ דיגער וואלקן אין א שטורים;

„אַרמאר׳ דער בארימטער אין קריג׳ איז געקומען און האט געבעטן די האנט פון דאַאוראַ׳ דאס איז באלד געשעהן. גרויס זיינען געווען די האפענונגען פון די פריינד.

„עראַט׳ דער זון פון אָדגאַל׳ האט געצארנט׳ ווייל זיין ברודער איז געפאלן א קרבן פון אַרמאַר׳ ער איז געקומען איבערגעטאן אין אַ שיפער׳ זיין שיפל איז געווען שיין אויף די כוואליעס׳ זיינע לאקן ווייס פון אלטקייט׳ רוהיג דאס ערנסטע געזיכט׳ און ער האט געזאגט: שענסטע פון די טעכטער׳ ליבסטע טאכטער פון אַרמין׳ דארטןביים פעלז׳ ניט ווייט פון ברעג פון ים׳ וואו עס פינקלען די פרוכט פון דעם בוים׳ דארטן וואַרט אַרמאַר אויף דאַאורא׳ איך בין געקומען אריבערפירן זיין געליבטע דורכן ברויזנדיגן ים.

„זי איז נעגאנגען נאך אים׳ און האט גערופן אַרמארן׳ ס׳איז ניטא קיין ענטפער׳ אויסער דער אפּקלאנג פון דעם פעלז׳ אַרמאר! מיין ליבער! מיין ליבער! פארוואס שרעקסטו מיך אזוי? הער זון פון אַרנאַט׳ הער! דאס איז דאאורא׳ וואס רופט דיך!

„עראַט, דער בוגדי, איז, שמייכלענדיג, געשוואומען צום ברעג. זי הייבט אויף איר שטים, און רופט דעם פאטער און ברודער: אַרינדאַל! ארמין! איז קיינער ניטא צו ראטעווען אייער דאאוראַ?

„איר שטים האט דערגרייכט איבערן ים. אַרינדאַל מיין זון איז אראפ פון בערגל, מיד פון זיין רייכן יאגד. עס קלינגען די פיילן ביי זיין זייט, דער בויגן איז שטארק אין זיין האנט, און פינף שווארץ־גראע יאגד־הינט לעבן אים. דערזעהן דעם דרייסטן עראַט ביים ברעג, נעמט אים אַרינדאַל אָן און בינדט אים צו צום דעמב. ער האט פעסט איינגעפלאכטן זיינע ריפן, און דער גע־בונדענער האט אנגעפילט דעם ווינט מיט זיפצן.

„אַרינדאַל האט זיך אין זיין שיף ארייגעוואָרפן אין די כוואליעס אויף צו ראטעווען דאַאורא. עס קומט אַרמאַר אין זיין צאָרן ער נעמט אָן די פייל, און ווארפט אויף אַרינדאַל. עס קלינגט, עס זינקט אין דיין הארצן, אָ אַרינדאַל! מיין זון! אנשטאט עראַט, דעם בוגדי, ביזטו געפאלן א קרבן; דאס שיפל איז צוגעשוואו־מען צום פעלז, און אַרינדאל איז געפאלן אין אים א טויטער. צו דיינע פיס איז גערונען דאס בלוט פון דיין ברודער, חי שטארק איז געווען דיין יאמער, אָ דאַאוראַ!

„די אינדן האבן צעבראכן דאס שיפל. אַרמאַר ווארפט זיך אין ים, צו ראטעווען זיין דאַאורא אדער צו שטארבן. געשווינט האט ער זיך פון בערגל ארייגעווארפן אין די כוואליעס — און איז געזונקען.

„אליין אויף דעם פון ים באשויינקטן פעלז, האב איך געהערט די קלאגן פון מיין טאכטער. לאנג און שטארק איז גע־ווען איר שרייען; אבער איר פאטער האט זי ניט געקאנט רעטן. איך בין געשטאנען די גאנצע נאכט אויפן ברעג, האב זי געזעהן אינ'ם בלאסן ליכט פון דער לבנה. די גאנצע נאכט געהערט איר שרייען. דער ווינט איז געווען שטארק, און א שאר־פער רעגן האט געשלאגן צום באַרג־צוי. איר שטים איז געווארן שוואך נאך איידער דער פרימארגן איז געקומען; זי איז

געשטארבן, ווי דער אוונט־הויך צווישן גראז און פעלזן. באלאָדן מיט יאמער איז זי געשטארבן און אַרמין איבערגעלאזן אליין, אויס איז מיט מיין גבורה אין קריג, אויס מיט דעם שטאלץ צווישן די טעכטער.

„ווען עס שטייען אן די שטורימס פון דעם בארג, ווען דער צפון־ווינט הייבט אויף די אינדן, זיץ איך ביים שאלעדיגן ברעג און איך קוק אויף דעם שרעקליכן פעלז. אפט זעה איך אין דער פאר־גייענדיגער לבנה די גייסטער פון מיינע קינדער; אין טונקל־דיגן ליכט וואנדלען זיי אינאיינעם אין טרויעריגן אחדות."

א שטראם פון טרערן, וואס האט זיך ארויסגעבראכן פון לאטעס אויגן און פרייער געמאכט איר פארשטיקטן הארצן, האט איבערגעריסן ווערטהערס לייענען. ער האט א ווארף געטאן דאס פאפיר, אנגענומען איר האנט און האט געוויינט. לאטע האט זיך אנגעשפארט אויף דער אנדערער, און האט פארמאכט די אויגן מיט א טוך. זייער ביידנס צושטאנד איז געווען א שרעקליכער. זיי האבן געשפירט זייער אייגענעם צער אין דעם גורל פון די העלדן, האבן דאס געפילט, און זייערע טרערן האבן זיך אויסגע־מישט. ווערטהערס ליפן און אויגן האבן געגליט אויף לאטעס האנט; א ציטער איז דורכגעגאנגען איבער איר קערפער; זי האט זיך געוואלט דערווייטערן, נאר ווי שווערער בליי האט זי געדריקט דער שמארץ און דער מיטלייד. זי האט געוואלט אפ־עטעמען, קומען צו זיך, און דורך טרערן געבעטן אים ער זאל לייענען ווייטער, געבעטן פון דעם גאנצן הארצן! ווערטהער האט געציטערט, זיין הארץ איז שיר וואס געווארן צעריסן; ער האט אויפגעהויבן דעם בלאט און געלייענט מיט אן אפגעהאקטער שטים:

„פארוואס וועקסטו מיך פרילינג־לופט? דו ליבסט און זאגסט: איך טרינק אן מיט טראפן פון הימל! אבער נאהנט איז די שעה פון מיין וועלקן, נאהנט איז דער שטורים, וואס וועט אראפרייסן מיינע בלעטער! מארגן וועט קומען דער וואנדערער, קומען וועט דער, ווער עס האט מיך געזעהן און מיין שיינקייט;

ער וועט מיך זוכן אומעטום אין פעלד׳ און ער וועט מיך ניט געפינען׳״ —

די גאנצע קראפט פון אט די ווערטער האט זיך אראפגעלאזן אויף דעם אומגלימליכן׳ ער האט זיך אנידערגעווארפן פאר לאטען אין דער גרעסטער פארצווייפלונג׳ אנגענומען אירע הענט׳ האט זיי געדריקט צו זיינע אויגן׳ צו זיין שטערן׳ און ווי עס שיינט האט דאס געפיל פון זיין שרעקליכער כוונה דורגעדרונגען איר נשמה׳ אירע חושים האבן זיך צעמישט; זי האט געדריקט זיינע הענט׳ האט זיי געדריקט צו איר ברוסט׳ האט זיך צוגעבויגן צו אים מיט א פיינליכער באוועגונג׳ און זייערע גליענדיגע באקן האבן זיך אנגערירט. די וועלט איז פארשוואונדן פאר זיי׳ ער האט אריבערגעווארפן זיינע ארעמס איבער איר׳ האט זי געפרעסט צו זיין ברוסט און באדעקט אירע ציטערדיג־שעפטשענדיגע ליפן מיט ווילדע קושן׳ — ווערטהער! האט זי אויסגערופן מיט א פארשטיקטער שטים׳ אפקערענדיג זיך פון אים׳ ווערטהער! — און האט מיט א שוואכער האנט אפגעשטופט זיין ברוסט פון אירער; — ווערטהער! האט זי אויסגערופן מיט א איינגע־האלטענעם טאן פון איידלסטן געפיל׳ — ער האט זיך ניט געעקשנט׳ ארויסגעלאזן זי פון זיינע ארעמס און אָן זינען א ווארף געטאן זיך פאר איר׳ זי האט זיך א ריס געטאן׳ און האט׳ אין א שרעקנדיגער צעמישטקייט׳ ציטערנדיג צווישן ליבע און צארן׳ אויסגערופן: דאס איז צום לעצטן מאל׳ ווערטהער! מער זעהט איר מיך נישט׳ — און מיט א בליק׳ פול פון ליבע אויף דעם אומגליקליכן׳ איז זי גע־שווינט ארויס אין דעם דערבייאיגן צימער און האט צוגעשלאסן די טיר׳ ווערטהער האט אויסגעשטרעקט די ארעמס נאך איר׳ האט זיך אבער נישט דערוועגט זי איינצוהאלטן׳ ער איז געלעגן אויף דער ערד׳ דעם קאפ אויף דער קאנאפע׳ און אזוי איז ער אפגעלעגן מער ווי א האלבע שעה׳ ביז עפעס א גערויש האט אים געבראכט צו זיך׳ דאס איז געוועזן דאס מיידל׳ וואס איז אריין גרייטן צום טיש׳ ער איז הין און צוריק ארומגעגאנגען איבערן צימער׳ און בלייבנדיג אליין׳

איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר פון קאבינעט און אנגעהויבן רופן מיט א שטילער שטים: לאָטע! לאָטע! מער ניט ווי נאך איין ווארט! איין זיי־געזונט! — זי האט געשוויגן. ער האט אפגעווארט א ווײַלע און ווידער געבעטן, און ווידער געווארט; דערנאך האט ער זיך געגעבן א ריס און אויסגערופן: זיי געזונט! לאָטע! אויף אייביג זיי געזונט!

ער איז געקומען צום טויער פון שטאט. די שומרים, וואס האבן אים שוין געקענט, האבן נישט איבערצוריידן קיין ווארט, אים ארויסגעלאזן. ער איז געקראכן אין רעגן און שניי, און ערשט ארום עלף דעם זייגער האט ער ווידער אנגעקלאפט ביי זיך אין שטוב. זיין דינער האט באמערקט, בשעת ווערטהער איז געקומען א היים, אז זיין האַר האט ניט דעם הוט. ער האט זיך נישט דערוועגט קיין זאך צו זאגן און האט אים אויסגעטאן; אלץ איז געווען אויף אים דורכגעווייקט. שפעטער האט מען געפונען דעם הוט אויף א פעלז, וואס הייננגט אראפ פון דעם אפהאנג פון בארג צום טאל, און עס איז נישט משיג צו זיין, ווי אזוי ער האט זיך אין א פינסטערער און פייכטער נאכט דערקליבן אהין נישט צו ווערן געמזיקט.

ער האט זיך געלייגט אין בעט און האט לאנג געשלאפן. אז דער דינער האט אים אויף מארגן אינדערפרי ארייַנגעטראגן קאווע, האט ער אים געטראפן שרייבנדיק. אט דאס האט ער צוגעשריבן צו לאטעס בריוו:

„צום לעצטן מאל, צום לעצטן מאל מאך איך אויף די אויגן. זיי וועלן, אך! זיי וועלן מער נישט אנקוקן די זון; א טריבער נעפלדיגער טאג פארשטעלט זי. טאָ טרויער, נאטור! דיין זון, דיין פריינד, דיין געליבטער, דערנעהנטערט זיך צו זיין סוף. לאָטע! דאס איז א געפיל נישט צו פארגלייכן, און פונדעסטוועגן איז ער זעער ענליך אויף א מטושטשדיגן חלום, זאגן צו זיך: דאס איז דער לעצטער פרימארגן. דער לעצטער! לאטע, איך האב נישט קיין פארשטאנד פאר אט דעם ווארט „דער לעצטער!" בין איך דען נישט ביי מיין גאנצער קראפט? און מארגן וועל איך ליגן אויסגעשפרייט

און וועל שלאָפן אויף דער ערד. שטאַרבן! וואָס הייסט דאָס? דו פאַרשטייסט, מיר טרוימען, ווען מיר רעדן פון טויט. איך האָב געזעהן אַ סכען שטאַרבנדיג, אָבער אַזוי באַגרעניצט איז די מענטשהייט, אַז זי האָט ניט קיין שום פאַרשטאַנד פאַר דעם אָנהייב און פאַרן סוף פון איר קיום. איצט בין איך מיינער, דיינער! דיינער, אָ געליבטע! און אין אַ רגע אַרום וועלן מי״ זיין צעשיידט, צעריסן! — אפשר אויף אייביג? ניין לאַטע, ניין! — ווי קאָן איך פאַרשווינדן? ווי קאָנסטו פאַרשווינדן? מיר זיינען דאָך דאָ! — פאַר־שווינדן? — וואָס הייסט דאָס? דאָס איז ווידער אַ וואָרט! אַ פוסטער קלאַנג! אָן געפיל פאַר מיין האַרץ! — טויט, לאַטע! אַריינגעשאַרט אין דער קאַלטער ערד, אַזוי ענג! אַזוי פינסטער! — איך האָב געהאַט אַ פריינדן, וואָס איז געווען אַלץ פאַר מיין הילפלאָזער יוגנט; זי איז געשטאָרבן, איך בין געגאַנגען צו דער לויה און בין געשטאַנען לעבן קבר, ווי מ׳האָט אַראָפּגעלאָזן דעם אָרון, און די שטריק האָבן געקנאַקט אונטער אים, און באַלד האָט מען אַרויפגעשאָטן דעם ערשטער שעפל ערד, און דער שרעקנדיגער קאַסטן האָט אַרויסגעלאָזן אַ פאַרשטיקטן טאָן, און וואָס ווייטער אַלץ פאַרשטיקטער און פאַרשטיקטער, און ענדליך איז ער שוין געווען איינגאַנצן באַדעקט! — איך בין אַנידערגעפאַלן לעבן דעם קבר — אָן אַנגעגריפּענער, אַ צעטרייסלטער, אַ דערשראָקענער, דאָס האַרץ צעריסן, נאָר איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט מיר — וואָס עס וועט פאַרקומען מיט מיר! — שטאַרבן! אַ קבר! איך פאַרשטיי ניט די ווערטער!

אָ, זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! נעכטן! — דאָס האָט געדאַרפט זיין די לעצטע רגע פון מיין לעבן. אָ, דו מלאך? צום ערשטן מאָל, צום ערשטן מאָל האָט דורך מיין גאַנצער נשמה, אָן אַ שום ספק, דורכגעגליט דאָס געפיל פון גליק: זי האָט מיך ליב! זי האָט מיך ליב! עס ברענט נאָך אויף מיינע ליפּן דאָס הייליגע פייער, וואָס האָט געשטראָמט פון דיינע; נייער, וואַרימער גליק איז אין מיין האַרצן. זיי מיר מוחל!

אָך, איך האָב געוואוסט, אַז דו האָסט מיך ליב געהאַט, איך

האב דאס געוואוסט פון די ערשטע נשמהפולע בליקן, פון דעם ערשטן דריקן די האנט: און פונדעסטוועגן, ווען איך פלעג אוועקגיין, ווען איך פלעג אלבערטן זעהן לעבן דיר, פלעג איך ווידער אריינפאלן אין ספקות.

דו געדיינקסט די בלומען, וואס דו האסט מיר געשיקט, ווען דו האסט מיר נישט געקאנט געבן די האנט דעמאלט אין דער פאטאלער געזעלשאפט! אָ! א האלבע נאכט בין איך געשטאנען איף די קני פאר זיי, און זיי האבן מיר געגעבן א חותם אויף דיין ליבע. נאר אך! די דאזיגע איינדרוקן זיינען פארשוואונדן ווי עס פארשווינדט בהדרגה דאס געפיל פון גאטס חסד אין דער נשמה פון דעם גלויביגן, וואס איז געווען געבענטשט מיט דער גאנצער פולקייט פון הימל דורך ניסים.

דאס אלץ ווערט פארשוואונדן, אבער קיין שום אייביגקייט וועט אויסלעשן דאס גליענדיגע לעבן, וואס איך האב נעכטן געשעפט אויף דיינע ליפן, און וואס איך פיל אין זיך! זי האט מיך ליב! אט דער ארעם האט זי ארומגענומען, אט די ליפן האבן געציטערט אויף אירע, אט דער מייל האט געמורמלט צו אירן! זי איז מיינע! דו ביזט מיינע! יא, לאטע, אויף אויביג!

און וואס איז, ווען אלבערט איז דיין מאן? מאן! דאס וואלט געווען געזינדיגט פאר דער וועלט — און פאר דער וועלט איז א זינד, וואס איך האב דיך ליב, וואס איך וויל דיך ארויסרייסן פון זיינע הענט אין מיינע? זינד? גוט; שטראף איך זיך דערפאר: איך האב זי געזאפט אין איר גאנצן גליק, אט די זינד, איך האב געזויגן אין מיין הארץ א לעבנס-באלזאם און קראפט. פון אט דעם אויגנבליק אָן ביזטו מיינע! מיינע, אָ לאטע! איך גיי פארויס! איך גיי צו מיין פאטער, צו דיין פאָטער; פאר אים וועל איך קלאגן, און ער וועט מיך טרויסטן, ביז דו וועסט קומען, דאן וועל איך פליען צו דיר אנטקעגן, איך וועל דיך אננעמען און וועל בלייבן מיט דיר פאר דעם אויבערשטן אין אויביגער ארומנעמונג.

איך טרוים נישט, איך חלום נישט. נעהנטער צום קבר ווערט מיר לויטערער, מיר וועלן זיין! מיר וועלן זיך ווידערזען זעהן!

איך װעל דײַן מוטער זעהן! איך װעל זי זעהן, איך װעל זי געפינען אַך! און איך װעל פאר איר אויסגיסן מײַן גאנצע הארץ! דײַן מוטער, דער צֶלֶם פון דיר!"

ארום עלף האט װערטהער געפרעגט זײַן דינער, אויב אלבערט איז שוין געקומען צוריק? ער האט געזאגט, אז יע; ער האט געזעהן, װי מ'האט געפירט די פערד. אויף דעם דערלאנגט אים װערטהער א אפענעם צעטעלע מיט אט דעם נוסח: „קאנט איר מיר אפשר לײַען אײַערע פּיסטאלעטן צו מײַנער א נסיעה, װאס איך װיל מאכן? זײַט מיר געזונט!"

די ליבע פרוי האט די לעצטע נאכט װעניג געשלאפן; דאס, פארװאס זי האט זיך געשראקן, איז געשעהן, געשעהן אויף אזא אופן, װי זי האט ניט געקאנט טראכטן און ניט מורא האבן. איר שטענדיג רוהיגע און לײַכטע בלוט איז געװארן שטארק אויפגערעגט; טויזענטערלײַ געפילן האבן צעטרײַסלט איר גוטע הארץ. איז דאס געװען דאס פײַער פון װערטהערס ארומנעמען, װאס זי האט געשפּירט אין זיך? איז דאס געװען א אומצופרידנקײַט מיט זײַן דרײַסטן טראַט? איז דאס געװען א אויפגעבראכטער פארגלײַך פון איר איצטיגן צושטאנד מיט יענע טעג פון אומבאגרעניצטער, פרײַער אומשולד און זארגלאזן צוטרוי צו זיך אליין? װי זאל זי באגעגענען איר מאן? װי זאל זי אים איבערגעבן די סצענע, װאס זי האט געמוזט אים איבערגעבן, און װאס זי האט זיך פארט ניט אנטשלאסן צו דערציילן? זיי האבן אזוי לאנג װעגן דעם געשװיגן, און זאל זי זײַן די ערשטע, װאס זאל איבעררײַסן דעם שװײַגן, און גראד צו דער נישט פּאסיגער צײַט מאכן פאר איר מאן אזא אומדערװארטע אנטדעקונג? זי האט זיך שוין געשראקן, אז די ידיעה אליין, אז װערטהער איז געװען, װעט מאכן אויף אים ניט קיין גוטן אײַנדרוק, הײַנט נאך די אומדערװארטע קאטאסטראפע! האט זי געקאנט האפן אויף זיכער, אז איר מאן װעט זי דורכויס זעהן אין גוטן ליכט, אויפנעמען דאס אינגאנצן אָן א פאראורטייל? און האט זי געקאנט פארלאנגען, אז ער זאל לײַענען אין איר נשמה? און צוריק װידער, האט זי זיך ד'ען

געקאנט פֿאַרשטעלן פאר איר מאן, פאר וועמען זי איז תמיד געשטאנען אָפן און פריי ווי א קריסטאל־ליכטיגע גלאז. און פאר וועמען זי האט קיינמאל נישט פארבארגן, און וואלט נישט געקאנט פארבארגן קיין איין געפיל אירן? סיי דאס ערשטע סיי דאס צווייטע האט איר פאר־שאפט זארג און געבראכט זי אין א פארלעגנהייט; און אירע גע־דאנקען זיינען ווידער ארויף אויף ווערטהערן, וועמען זי האט פארלארן, וועמען זי האט נישט געקאנט לאזן, אבער וועמען זי האט, לײדער! געמוזט איבערלאזן זיך אליין, און פאר וועמען, ווען ער וואלט זי פארלארן, עס וואלט מער גארנישט ניט איבערגעבליבן.

ווי שווער עס האט זי געדריקט איצט די וואנט, וואס איז בא־שאפן געווארן צווישן זיי, פון וועלכער זי האט זיך אין דעם מאמענט נישט געקאנט גוט קלאר מאכן! אזוי הייבן אָן פארשטענדיגע, גוטע מענטשן, צוליב עפעס פארבארגענע חלוקי־דעות, צו שווייגן צווישן זיך, יעדער איינער צו טראכטן, אז ער איז גערעכט און דער צווייטער איז אומגערעכט. די פארהעלטענישן האבן זיך אזוי פאוויקלט און פארשארפט, אז ס'איז געווארן אוממעגליך צו פאנאנדערבינדן דעם קניפל אין אט דעם קריטישן מאמענט, פון וועלכן עס האט אלץ אפ־געהאנגען. ווען א גליקליכער צוטרוי וואלט זיי פריער געמאכט נעהנטער צווישן זיך, ווען ליבע און אנטקעגן־קומען וואלט געווארן לעבעדיג צווישן זיי און אויפגעמאכט זייערע הערצער, וואלט מען נאך אפשר געקאנט ראטעווען אונזער פריינד.

דערצו איז צוגעקומען נאך א מאדנער מאמענט. ווערטהער, ווי מיר וויסן פון זיינע בריוו, האט נישט געמאכט קיין סוד פאר דעם, אז ער בייַנקט צו פארלאזן די דאזיגע וועלט. אלבערט פלעגט זיך אפט מתוכח זיין מיט אים; חוץ דעם פלעגט ער אפטמאל רעדן אויך מיט לאָטען וועגן דעם. אלבערט, וואס האט געשפירט א שטארקן ווידערווילן קעגן זעלבסטמארד, פלעגט ניט זעלטן ארויסזאגן מיט א געוויסער היציגקייט, וואס איז גארניט געווען נאך זיין כאראקטער נאך, אז ער געפינט גענוג סיבות, כדי צו צווייפלען אין דעם ערנסט פון ווערטהערס כוונה. ער האט זיך אפילו דערלויבט א שמייכל טאן וועגן דעם, און ארויסגעזאגט פאר לאָטען זיין ניט־גלויבן. פון

איך זייט האט דאס זי אפילו באַרוהיגט, ווען אירע געדאַנקען פלעגן איר אויסמאָלן דאס טרויעריגע בילד, פון דער אַנדער זייט אָבער איז זי דורכדעם געווען געשטערט, איבערצוגעבן פאַר איר מאַן איר שרעק. וואס האט זי אין דעם מאָמענט געפּייניגט. אַלבערט איז געקומען צוריק, און לאָטע איז האַסטיג אַרויס צו אים אַנטקעגן מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט; ער איז נישט געווען אויפגערוימט, זיין געשעפט האט ער נישט פאַרענדיגט: דער אַמטמאַן, מיט וועמען ער האט געהאַט צו טאָן, איז געווען אַן עקשן און גיט קיין קלוגער מענטש. דערצו האט אים נאָך דערעסן דער שלעכטער וועג אויך.

ער האט זיך געפרעגט, אויב ס'איז קיין זאַך ניט פאַרגעקומען, און זי האט געענטפערט מיט האַסט, אַז ווערטהער איז נעכטן אינאָוונט געווען. ער האט געפרעגט, צי עס זיינען אָנגעקומען בריוו און האט באַקומען אַ ענטפער, אַז אין זיין צימער איז דאָ אַ בריוו און פּאַקעטן. ער איז אַריין צו זיך. אין צימער, און לאָטע איז געבליבן אַליין. די געגנוואַרט פון איר מאַן, וועמען זי האט ליב געהאַט און געערט, האט געמאַכט אַ נייעם איינדרוק אויף איר האַרצן. דאס דערמאָנען זיך אָן זיין איידלקייט, אָן זיין ליבע און גוטסקייט האט מער באַרוהיגט איר געמיט; זי האט געשפּירט אַ פאַרבאָרגענעם צוג צו גיין נאָך אים, האט גענומען איר אַרבעט און איז אַוועק צו אים אין צימער, ווי זי פלעגט דאס טאָן דאס רוב. זי האט אים געטראָפן עפענענדיג די פּאַקעטן און לייענדיג. אייניגע פון זיי זיינען קענטיג געווען נישט קיין אָנגענעמע. זי האט אים עפּעס געפרעגט, ער האט קורץ געענטפערט און זיך געשטעלט ביים פּולט שרייבן.

אַזוי זיינען זיי אָפּגעווען אַ שעה איינער לעבן דעם אַנדערן, און אין לאָטעס געמיט איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער. זי האט געפילט, ווי שווער עס וואָלט איר געווען צו אַנטדעקן פאַר איר מאַן, ווען ער וואָלט אפילו געווען אין דעם בעסטן הומאָר, דאס, וואס ס'איז געלעגן אויף איר האַרצן; זי האט אָנגעהויבן שפּירן אַ טיפן צער, וואס איז נאָך געוואָרן שרעקליכער, ווען זי האט אים געוואָלט פאַרבאָרגן און איינשלינגען די טרערן.

דאס באַווייזן זיך פון ווערטהערס דינער האט זי אַריינגעבראַכט

אין דער גרעסטער פארלעגנהייט; ער האט איבערגעגעבן אלבערטן דאס צעטעלע, און אלבערט האט זיך געלאָזן געווענדט צו זיין פרוי און געזאגט: גיב אים די פיסטאלעטן! — איך ווינש אים א גליקליכע רייזע, האט ער געזאגט צום שליח. — דאס האט זי געטראפן ווי א דונער, זי האט נישט געקאנט אויפשטיין, האט נישט געוואוסט וואס עס איז מיט איר. לאַנגזאם איז זי צוגעגאנגען צו דער וואנט, ציטערנדיג האט זי אראפגענומען דאס געווער, האט אפגעווישט דעם שטויב און האט זיך געשלאגן מיט דער דעה, און זי וואלט נאך לאנג געוואקלט, ווען אלבערט וואלט זי נישט געשטויסן מיט זיין פרעגנדיגן בליק. זי האט דערלאנגט דעם אומגליקליכן געווער דעם דינער, ניט קאנענדיג אויסרעדן קיין ווארט, און אז ער איז ארויסגעגאנגען, האט זי צונויפגענומען איר ארבעט, איז אריין צו זיך אין צימער, אין א צושטאנד פון אומבאשטימטקייט, וואס איז נישט ארויסצוגעבן. איר הארץ האט איר פאראויסגעזאגט דעם גאַנצן אומגליק. דא האט זי געוואלט א ווארף טאָן זיך איר מאן צו די פיס, איבערגעבן אים אלצדינג, די מעשה פון נעכטן אוונט, איר שולד און דאס, וואס זי טראכט; דא האט זי ווידער ניט געזעהן קיין אויסוועג דערפון, אבער וועניגער פאר אלץ האט זי געקאנט האפן, אז זי וועט פועלן ביי איר מאן ער זאל אריבערגיין צו ווערטהערן. מ׳האט געגרייט צום טיש, און א גוטע פריינדין, וואס איז מער ניט ווי אריין עפּעס פרעגן און גערעכנט גלייך אוועק און איז אבער געבליבן, האט דערטרעגליך געמאכט דעם שמועס ביים טיש; אלע האבן זיך געצוואונגען, מ׳האט גערעדט, מ׳האט דערציילט און מ׳האט זיך פארגעסן.

דער דינער איז געקומען מיט די פיסטאלעטן צו ווערטהערן, וואס האט זיי ביי אים צוגענומען מיט התפעלות, דערהערנדיג, אז לאָטע האט זיי אים געגעבן. ער האט געהייסן דערלאנגען אים ברויט און וויין, דעם בחורל גיין צום טיש, און דערנאך האט ער זיך געזעצט שרייבן.

„זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך דיינע הענט, דו האסט פון זיי אפגעווישט דעם שטויב; איך קוש זיי טויזנטער מאל, דו האסט זיי אנגערירט: און דו, מלאך פון הימל, דו האסט גערעכטפארטיגט מיין

אנטשלוס! און דו, לאָטע, דערלאנגסט מיר דאס געווער, דו, פון וועמעס האנט איך האב געוואלט באקומען דעם טויט, און אך! אצונד באקום איך אים. אָ, איך האב אויסגעפרעגט מיין אינגל, דו האסט געציטערט, ווען דו האסט זיי איהם דערלאנגט, דו האסט ניט געזאגט זיי־געזונט! וויי! וויי! נישט קיין זיי געזונט! האסטו געהאלטן פארשלאסן פאר מיר דיין הארץ, אין דעם מאמענט, וואס פאר־אייניקט מיך אויביג מיט דיר? לאָטע, קיין יאָרטויזנט וועט נישט קאנען אויסמעקן דעם איינדרוק! און איך פיל דאס, דו קאנסט נישט האַסן אָט דעם, ווער עס גליט פאר דיר אזוי."

נאכ'ן עסן האט ער געהייסן דעם דינער אלץ איינצופאקן, האט צעריסן א סך פאפירן, איז ארויסגעגאנגען און באצאלט נאך אייניגע קליינע חובות. ער איז ווידער אריין אין שטוב, נאך א מאל, נישט קוקנדיג אויפן רעגן, ארויס דורכן טויער אין דעם בראפס גארטן, דערנאך ארומגעגאנגען אין דער געגנט און איז מיט דער נאכט געקומען צוריק אהיים און געשריבן:

"ווילהעלם, איך האב צום לעצטן מאל געזעהן פעלד און וואלד און דעם הימל. זיי דו אויך געזונט! טייערע מאמע, זיי מיר מוחל! טרויסט זי, ווילהעלם! זאל אייך דער אויבערשטער בענטשן! מיינע זאכן זיינען אלע אין ארדענונג. זייט געזונט! מיר וועלן זיך ווידער זעהן און אין גרעסערער פרייד."

"איך האב דיר שלעכט באצאלט, אלבערט, און דו וועסט מיר מוחל זיין. איך האב געשטערט דיין שלום בית, איך האב אריינ־געבראכט אומצוטרוי צווישן אייך. זיי געזונט! איך וויל מאכן א סוף מיט דעם! אָ! אז איר וואלט דורך מיין טויט געווען גליק־ליך! אלבערט! אלבערט! מאך דעם מלאך גליקליך און זאל רוען דעם אויבערשטנס ברכה אויף דיר!"

דעם אוונט האט ער זיך נאך א סך אפגעעסקט מיט זיינע פאפירן, א סך פון זיי האט ער צעריסן און אריינגעווארפן אין אויוון, אייניגע פעק האט ער פארחתמעט מיטן אדרעס אויף ווילהעלמס נאמען. דארטן איז געווען איינגעפאקט קליינע מאמרים, אפגעריי־סענע געדאנקען, פון וועלכע איך האב פארשיידענע געזעהן; און

דערנאך, אז ער האט ארום צעהן א זייגער געהייסן מאכן פייער און דערלאנגען אים א פלעשל וויין, האט ער אוועק געשיקט זיין דינער שלאפן, וועמעס קאמער, ווי אויך די איבעריגע חדרים פון די שטוב־מענטשן, איז געלעגן ווייט אָן א זייט. דער דינער האט זיך געלייגט אין די זאכן, כדי באגינען זיין צו דער האנט, ווארים זיין האַר האט געזאגט, אז נאך פאר זעקס וועלן צופארן די פאסטפערד צום שטוב.

„נאך עלף.

אלץ איז אזוי שטיל ארום מיר, און מיין נשמה אזוי רוהיג. איך דאנק דיר, גאט, וואס דו שיינקסט די דאזיגע לעצטע רגעס אָט די ווארימקייט, אט די קראפט.

איך גיי צו צום פענסטער, מיין טייערע! און איך זעה, און איך זעה נאך דורך די שטורמדיגע, פארביישוועבנדיגע וואלקנס איינצעלנע שטערן פון דעם אויביגן הימל! ניין, איר וועט נישט פאלן! דער אויביגער טראגט אייך און מיך אין זיין הארצן. איך זעה דעם דייקסל־שטערן פון דעם מרכב, דעם ליבסטן צווישן אלע מזלות. ווען איך בין ביינאכט אוועקגעגאנגען פון דיר, ווען איך בין ארויס פון דיין טויער, איז ער געשטאנען איבער מיר. מיט וואס פאר א שכרות פלעג איך אים אפט אנזעהן! איך פלעג אפט מיט אויפ־געהייבענע הענט מאכן אים צום צייכן, צום הייליגן סימן פון מיין גליק! און נאך — אָ לאָטע! וואס דערמאנט מיך נישט אן דיר! שוועבסט דו נישט ארום מיר! און האב איך נישט, גלייך ווי א קינד, זיך באנוגנטערהייט געריסן צו זיך יעטווידע קלייניגקייטן, וואס דו הייליגע, האסט אָנגערירט!

ליבער סילועט! איך פאק אים דיר איין צוריק, לאָטע, און איך בעט דיך צו ערן אים. טויזנטע, טויזנטע קושן האב איך ארויפ־געזיגלט אויף אים, טויזנטע גרוסן געגעבן אים, ווען איך פלעג אוועקגיין אדער קומען צוריק.

איך האב געבעטן דיין פאטער אין א צעטעלע, אז ער זאל באשיצן מיין טויטן גוף. אויפן הויף פון קלויסטער זיינען דא צוויי

לינדנבוימער, הינטן אין ווינקל, צום פעלד צו; דארטן וויל איך רוהען. ער קאן דאס טאָן, ער וועט דאס טאָן פאר זיין פריינד, בעט אים אויך! איך וויל נישט פארלאנגען פון קיין פרומע קריסטן, זיי זאלן לייגן זייער קערפער לעבן א אומגליקליכן. אך, איך וואלט געוואלט, אז איר זאלט מיך מקבר זיין אינמיטן וועג אדער אין א איינזאַמען טאָל, כדי דער כהן און דער לוי זאלן, פארבייגייענדיג פאר דער מצבה, מתפלל זיין און דער שומרוני זאל פארגיסן א טרער.

אזוי, לאָטע! איך שוידער נישט אנצונעמען דעם קאלטן שרעקליכן בעכער, פון וועלכן איך דארף אויסטרינקן די באַרוישונג פון דעם טויט! דו האסט אים מיר דערלאנגט און איך וואקל נישט. אינגאנצן! אינגאנצן! אזוי זיינען דערפילט אלע וואונשן און האפענונגען פון מיין לעבן! אזוי קאלט, אזוי פארגליווערט אנצוקלאפן אין דער אייזערנער טירל פון טויט!

אז איך זאל קאנען געניסן דאס גליק, צו שטארבן פאר דיר! לאָטע, פאר דיר זיך מקריב צו זיין! איך האב געוואלט שטארבן מוטיג, איך האב געוואלט שטארבן פריילעך, ווען איך וואלט געקאנט פונגדאסניי שאפן דיר די רוה, דאס גליק פון דיין לעבן. נאר אַך! דאס איז נאר געווען באשערט פאר ווייניג איידל געבארענע, צו פארגיסן זייער בלוט פאר די נאהנטע, און שאפן דורך זייער טויט פאר זייערע פריינד א נייען בליהענדיגן לעבן.

אין די זעלבע קליידער, לאָטע, וויל איך זאל מען מיך מקבר זיין; דו האסט זיי אנגערירט, געהייליגט; איך האב אויך געבעטן דיין פאטער וועגן דעם. מיין נשמה שוועבט ארום איבערן אָרון. מ'זאל נישט אויסזוכן מיינע טאשן. דעם דאזיגן בלאס־רויטן שלייף, וואס דו האסט געהאט אויפן ברוסט, ווען איך האב דיך דאס ערשטע מאל געטראָפן צווישן דיינע קינדערלאך — אָ, קוש זיי טויזנט מאל און דערצייל זיי דעם גורל פון זייער אומגליקליכן פריינד! די ליבע! זיי ווימלען זיך ארום מיר! אך! ווי איך האב זיך צוגעשמידט צו דיר! פון דעם ערשטן אויגנבליק אָן נישט געקאנט דיך לאזן! — דעם דאזיגן שלייף זאל מען מיר מיטגעבן. דו האסט מיר אים געשאנקט צו מיין געבורטסטאָג! ווי איך האב דאס אלץ

געשלונגען! — אַך! איך האָב נישט געטראַכט, אַז דער וועג וועט מיך פירן אַהער! — — זיי רוהיג, איך בעט דיך, זיי רוהיג! —

ער איז אָנגעלאָדן — דער זייגער שלאָגט צוועלף! אַזוי דאַרף עס זיין! — לאָטע! לאָטע, זיי געזונט! זיי געזונט!"

א שכן האָט געזעהן דעם פייער פון דעם פולווער און האָט געהערט א שאָס, ווייל עס איז אָבער אלץ געבליבן שטיל, האָט ער מער נישט געטראַכט וועגן דעם.

זעקס א זייגער אינדערפרי גייט אריין דער דינער מיטן ליכט. ער טרעפט זיין האַר אויף דער ערד, די פיסטאָלעט און דאָס בלוט. ער שרייט, ער כאַפּט אים אָן; ניטאָ קיין ענטפער, מער ניט וואָס ער עטעמט נאָך. ער לויפט צום דאָקטאָר, צו אַלבערטן. לאָטע הערט ציטערנדיג דאָס גלעקל, עס גייט דורך א שוידער איבער אירע אַלע אברים. זי וועקט אויף איר מאַן, זיי שטייען אויף; הליפּענדיג און אָפּגעהאַקט ברענגט דער דינער די בשורה, לאָטע פאַלט אַנמעכטיג א נידער לעבן אַלבערטן.

אַז עס איז געקומען דער דאָקטאָר צום אומגליקליכן, האָט ער אים געטראָפן אויף דער ערד, שוין נישט צו ראַטעווען; דער פולס האָט געשלאָגן, אַלע אברים זיינען געווען געליימט. ער האָט זיך געשאָסן איבער דעם רעכטן אויג אין קאָפּ; דער מאַרך איז אַרויס־גערונען. מ'האָט אים געעפנט אַן אָדער אין אָרעם; דאָס בלוט איז געלאָפן, ער האָט נאָך אַלץ געעטעמט.

פון דעם בלוט אויף דעם אָנשפּאַר פון דעם שטול האָט מען געדרונגען, אַז ער איז באַגאַנגען די טאַט זיצנדיג ביים שרייבטיש; שפּעטער איז ער אַראָפּגעפאַלן, און זיך געוואָרפן קאָנוואולסיוו אַרום שטול. ער איז געלעגן אין אָנמאַכט אויפן רוקן אַנטקעגן פענסטער, איז געווען אינגאַנצן אָנגעטאָן, אין די שטיוועל און אין בלויען פראַק און אין דער געלער וועסט.

דאָס הויז, די שכנים פון אַרום און די שטאָט איז געוואָרן אויף. אַלבערט איז אַריין. ווערטערן האָט מען אַרויפגעלייגט אויפן בעט, פאַרבונדן דעם שטערן; דאָס געזיכט איז שוין געווען

װי בײַ א מת· ער האָט נישט גערירט מיט קײן אבר· די לונגען האָבן נאָך מוראדיג געכאָרכלט· דאָס שװאכער· דאָס שטאַרקער; מ׳האָט געהאָרט אויף דער יציאת הנשמה·

פון דעם װײַן האָט ער אויסגעטרונקען נאָר אײן גלאָז· „עמיליאַ גאַלאָטי" איז געלעגן אָפן אויפן פּולט· פון אלבערטס צעטרײסלונג און פון לאָטעס טרויער װעל איך גאָרנישט ניט זאָגן·

דער אלטער אַמטמאַן· באַקומענדיג די בשורה· איז גלײַך געקומען צולויפן; ער האָט געקושט דעם בר־מינן מיט גליהענדיגע טרערן· די עלטערע זין זײַנען באַלד נאָך אים געקומען צו פוס; זײ האָבן זיך אַ װאָרף געטאָן צום בעט אין דעם מוראדיגסטן שמערץ· האָבן אים געקושט די הענט און דעם מויל· און דער עלטסטער· װעמען ער האָט תמיד מער ליב געהאַט· איז געהאָנגען אויף זײַנע ליפּן ביז ער האָט געגעבן דעם לעצטען אָטעם און מ׳האָט אפּגעריסן דעם אינגל מיט גוואַלט· צװעלף אַ זײגער בײַטאָג איז ער אויסגעגאַנגען· דער בײַזײַן פון דעם אמטמאַן און זײַנע פאַראָרדענונגען האָבן נישט דערלאָזן צו קײן אויפלויף· אַ זײגער עלף בײַנאַכט האָט ער אים מקבר געװען אויף דעם אָרט· װאָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן· דער אלטער און די זין זײַנען געגאַנגען צו דער לויה· אלבערט האָט נישט געקאָנט גײן· מ׳האָט זיך געשראָקן פאַר לאָטעס לעבן· האַנטװערקער האָבן געטראָגן דעם אָרון און קײן גײסטליכער האָט אים נישט באַלײט·

איבערגעזעצט אין װילנע אין 1917·

## ביכער פונ׳ם יידישן קולטור־פארלאג׳ בערלין׳

# יהודה לעהמאן
## איינשטיינס רעלאטיוויטעטס־טעאריע

מיט איינשטיינס א פארטרעט אף קונסטדרוק־פאפיר

מיט דער ארבייט הויבן מיר אן די ריי פאפולער־וויסענשאפטליכע ביכער׳ א תלמיד פון פראפעסאר איינשטיין איז דער מחבר׳ פראפעסאר איינשטיין אליין האט די ארבייט זייער געלויבט׳

# ד״ר נתן בירנבוים
## גאטס פאלק

איבערגעזעצט פונ׳ם מחבר

דער מחבר איז איינער פון די שטארקסטע און גלייכסטע יידען׳ וואס האבן קיינמאל קיין מורא ניט פאר דער פראזע פון היינט און זאגן תמיד ארויס דעם אמת פון מארגן׳ אין גאטס פאלק רעכנט ער זיך אפ מיט אלע האלבע יידען׳ מיט די מורדים און היידן און רופט צו גאנצקייט אין אמונה און יידישקייט׳

# קארל ליבקנעכט
## בריוו

בריוו פון פראנט און פון תפיסה פאר און נאך דעם פסק־דין

איבערזעצונג און נאכווארט פון א׳ ווילענטשוק

מיט 6 בילדער אף קונסטדרוק־פאפיר

אט די בריוו׳ געשריבן בשעת מלחמה פון פעלד און פון תפיסה׳ ווייזן אונס בולט ניט נאר דעם פלאמענדיקן רעוואלוציאנער און גרויסן פירער נאר אויך דעם איידעלן און ריינעם מענטשן קארל ליבקנעכט׳

ביכער פונ׳ם יידישן קולטור־פארלאג׳ בערלין:

## ערנסט טאלער
## דער איבערקער

א דראמא׳ איבערגעזעצט פון דייטשן ארגינאל
פון שרה ברענער

א רעוואלוציאנערע דראמע! א נייע דראמע! די גאנצע שווערע צייט פון דער מלחמה׳ די פלאמענדיקע צייט פון דער רעוואלוציע שרייט אין אט דער דראמע פונ׳ם מינכענער דיכטער־רעוואלוציאנער.

## א׳ די גארדאן
## בריוו פון ארץ־ישראל

איבערגעזעצט פון ש׳ ראווידאוויטש׳

פון דער ערד פון ארץ־ישראל שרייבט אן ארבייטער אט די בריוו׳ ס׳הערט זיך אין זיי די מעלאדיע פון הייליגער ארבייט פאר׳ן פאלק׳

## דעוויס טריטש
## בילדער פון ארץ־ישראל

אף קונסטדרוק־פאפיר מיט 80 בילדער

א בוך פאר איטליכן ייד׳ גאנץ ארץ־ישראל׳ דאס געוועזענע און היינטיגע שוועבט אין די בילדער און אינ׳ם טעקסט לעבעדיג פאר אונזערע אויגן פארביי׳

## א׳ ל׳ יפה
## ארבייטערזידלונגען אין ארץ־ישראל

מיט א הקדמה פון מחבר צו דער יידישער איבערזעצונג
איבערגעזעצט פון ש׳ ראווידאוויטש

דער מחבר ווייזט אין דעם בוך דעם וועג ווי אזוי אויפצובויען א יידיש ארץ־ישראל׳ אן ארץ־ישראל פון און פאר די שאפענדיקע יידישע כוחות׳ פון און פאר דעם יידישן ארבייטער

## ביכער פונ׳ם יידישן קולטור-פארלאג, בערלין.

# מאקס בראד
## טיקא בראהעס וועג צו גאט
ראמאן, איבערגעזעצט פונ׳ם דייטשן ארגינאל

פון שלמה בירנבוים

ס׳איז א טיף און א רייך בוך. א אונטערגעגאנגענע וועלט באווייזט זיך פאר אונזערע אויגן. דער איבערזעצער האט איבערגעגעבן דעם סגנון פונ׳ם ארגינאל אין זיין גאנצער שיינקייט וואס ליגט אינ׳ם לשון פון יענער צייט וואס דער ראמאן שפילט אין איר.

# בריידער גרים
## אויסגעקליבענע מעשהלעך
איבערגעזעצט פון י״שר

מיט בילדער פון לודוויג ריכטער

די הארציגע מעשהלעך פון גרים זיינען דא איבערגעגעבן אזוי, ווי די באבעשי פלעג אירע מעשהלעך אין שיינע זומערדיקע פארנאכטן דערציילן. די בילדער פון ריכטער ריידן אט דאסזעלביק הימליכע לשון. דאס בוך וועט איטליכס יידישע קינד דערפרייען. אחוץ דער גאנצער אויסגאבע פונם בוך, זיינען די מעשהלעך אויך ארויס אין באזונדערע העפטן.

# אנרי בארבוס
## קלארקייט
ראמאן, איבערגעזעצט פונ׳ם פראנצויזישן ארגינאל

פון ד״ר רפאל זעליגמאן

דער באוואוסטער מחבר פונ׳ם „פייער״ גיט אונז דעם סך הכל פון זיינע איבערלעבענישן בשעת דער וועלט-מלחמה. דאס בוך איז אנגעשריבן מיט א פייערדיקן טעמפעראמענט, עס איז פול מיט פאר-שיידענע פילאזאפישע באטראכטונגען און פארמאגט נישט ווייניג ערטער וועלכע זענען אנגעשריבן געווארן מיט אנ׳אמתער דיכטערישער השתפכות הנפש.


8967 14